


שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ✶ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס' **10** • חשון־כסלו תשל"ו • תל־אביב • נאָוועמבער 1975 • נומער **10**

## התוכן • אינהאַלט

### מאמר ראשי — לייט־אַרטיקל

הנר שלא ייכבה / ד. ש. (עמ' 2) ✶ אַ ניט פאַרלאָשן ליכט / ד. ש. (ז' 3).

### דער אומקום פון דער יידישער לובלין

די שוידערלעכע רציחות פון די דייטשן אין לובלין און זייער ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע / נחמן קאָרן (4) ✶ אַ קאַפּיטל לובלינער יידישע מאַרטיראָלאָגיע / ישראל אייזענבערג (5) ✶ אייניקע פראַגמענטן פון אַ טראַגישער תקופה / ראובן ראָסעט (8) ✶ חורבן לובלין / משה זילבערבערג (9) ✶ די מאַמעס אַ טרער / צבי זילבערמאַן (10).

### געווען אַמאָל אַ יידיש לעבן אין לובלין

אויפן אַלטן לובלינער הייליקן אָרט / ש. י. סטופניצקי (11) ✶ די טרויעריקע לאַגע פון יידישן שפּיטאָל / ד"ר יעקב צינבערג (12) ✶ וואָס הערט זיך אין אונדזער אַלטער היים / יאַנקעלע ניסענבוים (14) ✶ אַ בריוו פון לובלין — פעברואַר 1975 / שלום גארן (16) ✶ אָנדענק־ליד פאַר לובלין / אברהם וואַלדהאַלץ (17).

### לובלינער אין די תפוצות

אין שליחות פון לובלינער אין ישראל צו לובלינער אין דער וועלט / דוד שטאָקפּיש (18) ✶ וויאַזוי מאָנטרעאַל האָט אויפגענומען די געסט פון ישראל / סעם ברייטער (23) ✶ אַ לובלינער מיטינג אין בוענאָס־איירעס / מ. ק. (31) ✶ מיר וועלן ניט פאַרגעסן די לובלינער גאַסטפריינטלעכקייט אין ישראל / לעאָן מיטעלמאַן (32) ✶ „לובלינער טעג" אין סאַן־פּאַולאָ / לאָזער גאָלדבוים (33) ✶ דערפאָלגרייכע פורים־פייערונג ביי די לובלינער אין פאַריז / משה זאַלצמאַן (34) ✶ אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען זענען דערפאָלגרייך / שרהלע גאָלדאַדלער (35) ✶ זומער יום־טוב ביי די לאַנדסמאַנשאַפטן אין פאַריז / מ. ז. (35) ✶ ביי די לובלינער אין פראַנקרייך / משה זאַלצמאַן (36) ✶ אונדזער סאָלידאַריטעט מיט ישראל איז אָן אַ גרענעץ / אלתר זאַבערמאַן (37) ✶ די האַרציקע באַציונג פון לובלינער אין ישראל / מענדל לעווינבוים (37) ✶ ליטעראַרישע מסיבה אין פאַריז לכבוד דעם דיכטער משה שולשטיין / א. עורי (38).

### הלובלינאים בישראל — לובלינער אין ישראל

אַ יאָר טעטיקייט פון ארגון יוצאי לובלין / שמעון לאור (לאַנגפוס) (39) ✶ בזכותו של הרב מאיר שאפירא זצ"ל (42) ✶ „דערמאָנט מען זיך היינט אין לובלין — הערט מען מיידאַנעק" / שלמה וואַרזאַגער (44) ✶ משה דיין — דער „איינזאַמער וואָלף" / יצחק לודען (45) ✶ מר ישעיהו וייסברוט־הורוויץ — בן 85 / מ. ה. (46) ✶ מסיבה לכבוד ישעיהו וייסבראָט־האָרוויץ צו זיינע 85 יאָר / ש. ל. (46).

אַדרעסן פון לובלינער אין אויסלאַנד (47—49) ✶ בריוו צום אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע — לזכר הנפטרים (50); מעלדונגען ✶ בילדער ✶ הזמנה לערב האזכרה — איינלאַדונג צום יזכור־אָוונט (56).

**טכסי-התייחדות עם קדושי עירנו — ביום רביעי, כ"ב כסלו תשל"ו (26 בנובמבר 1975), בשעה 15.00 בבית הקברות נחלת יצחק; בשעה 1800 ב„בית המלין" בתל-אביב. פרטים — בעמ' אחרון.**

●

**בכניסה לאזכרה קשה לגבות דמי-חבר ותשלומים אחרים. נא לשלוח —.25 ל"י (סכומים יותר גדולים נקבל ברצון ובתודה) בדואר — ארגון יוצאי לובלין, חשבון בנק הדואר: 4/27638/6.**

teatrnn.pl

# הנר שלא ייכבה...

33 שנים חלפו מאז היום המר והנמהר, ה־9 בנובמבר 1942, כאשר הרוצחים ההיטלריים העבירו למיידאנק את היהודים שנשארו בגיטו של מיידן טטרסקי. 33 שנים — ואיננו רוצים, איננו יכולים לשכוח את קדושינו, שאת זכרם נעלה שוב באסיפות־אבל השנתיות ובאזכרות שיתקיימו בתל־אביב, בואנוס־איירס, ניו־יורק, מלבורן, פאריס, טורונטו, מונטריאל, סאן־פאולו, לוס־אנג׳לס ובלובלין. כמו בכל שנה, כן גם השנה יועדו אנשי שארית הפליטה של לובלין, עיר ואם בישראל, באולמות ציבוריים או בבתי־כנסת, כדי לחלק כבוד ולהזיל דמעה על מעלה מארבעים אלף הקרבנות. הדלקת נרות הזכרון וה„קדיש" הציבורי יביאו לידי ביטוי את האבל העמוק, את הצער הבלתי־נשכח ואת הפצעים שלא יגלידו על האסון הנורא שירד עלינו. באסיפות־עם אלה בא גם לידי ביטוי הרצון העז להגן על עם ישראל ועל מדינת־ישראל, שלא יישנו עוד אסונות טראגיים כאלה ושלא ימוש לעולם מזכרוננו מה שעשה לנו העמלק ההיטלריסטי.

בחוברת זו של „קול לובלין" ימצא הקורא זכרונות של יהודים ניצולים: נחמן קורן מרמת־גן, ישראל אייזנברג מלוס־אנג׳לס, ראובן רוסט מסן־פאולו ומשה זילברברג מניו־ג׳רסי — על אבדן לובלין היהודית. גם אחרי שקראנו את כל התיאורים הטראגיים של התקופה הנוראה, אין לנו תמונה מלאה על מה שארע אז, ובמיוחד של התמרדויות היהודים ברוצחים הגרמניים.

נמצאים אתנו מספר ניכר של יהודי לובלין משארית הפליטה, שלא ניסו עוד להעלות על הנייר את קורותיהם בימי מלחמת־העולם השניה. חשיבות יתר היא לנו לדעת את הגבורה העילאית של אלה שלחמו נגד הנאצים. אנו רוצים לדעת את אומץ־לבם של אלה שיצאו חיים מן התופת ההיטלרי, כי גם זו היתה גבורה — למנוע את סכנת המוות שארבה לכל יהודי על כל צעד ושעל.

והגדת לבנך...

*

חוברת זו משלימה את העשור הראשון לקיומו של „קול לובלין". לא נערוך מסיבות לכבוד המאורע, אולם כל לובלינאי ישמח בלבו, שלא נשתתק קולה של אותה עיר, בה נולדנו וגדלנו ולא נותק הקשר בין יוצאי עירנו שבתפוצות ובין אלה שבישראל.

ממרחבי העולם הגיעו עשרות מכתבים בהם מביעים קוראים את שביעות רצונם מעתוננו. דברי שבח והודיה כאלה מוסיפים עוז למו״לים ולעורכים להרחיב את „קול לובלין". אנו עושים זאת בחוברת זו, מספר 10, בהדפסת מאמרים של הקדושים ש. י. סטופניצקי, י. ניסנבוים, ד״ר צינברג ואחרים. אנו מפרסמים גם, לראשונה, עשרות כתובות של יוצאי לובלין בחוץ־לארץ, כדי להקל על חיפושי קרובים והקמת קשרים בין ידידים וחברים לשעבר. הנהגנו גם כמה מדורים של חומר אינפורמטיבי מחיי לובלינאים בארץ ובחוץ־לארץ, שבא לידי ביטוי בדו״חות מערים שונות, שיו״ר אירגון יוצאי לובלין בישראל ביקר אצלם השנה.

*

לפני זמן לא רב, רכש אירגון יוצאי לובלין בישראל חדר במרכז תל־אביב, ברחוב דיזנגוף 158, בבית של התאחדות עולי פולין. חדר זה קבענו למקום מושב של אירגוננו, בו תהיה פעילה מזכירות ויתקיימו ישיבות הוועד. כן נערוך שם מוזיאון־זוטא, תערוכה תמידית של תמונות, ספרים (על לובלין ופרי עטם של לובלינאים), תעודות, ו־2 ויטרז׳ים על לובלין של מעלה, עיר הרוח, היצירה והמאבק של היהודים. רכישת החדר וציודו דורשים כסף רב. ייתכן שלא היינו נוטלים על עצמנו תפקיד קשה כזה, לולא נדיבות לבם של חברי הוועד שלנו, סימון זיידנוורג ומשה קורן (טשמקה), שכל אחד מהם תרם למטרה זאת עשרת אלפים ל״י, ותרומתו של מר מוטל גרטנקראוט מניו־יורק (5 אלפים ל״י).

ב„חדר לובלין" יושמו בתוך הקיר, במקום מיוחד, הדפים של „ספר לובלין", עם שמות הקדושים. במקום זה ידלק נר תמיד.

*

נר שלא ייכבה — לזה נכספה נפשנו: נר תמיד שיהיה דולק ב„חדר לובלין", ובמצבת זכרון לזכר קדושי לובלין ומיידנק על בית־הקברות בנחלת יצחק. ועל הכל דרוש שבלבם של כל יהודי לובלין, באשר הם שם, ירטט זכרון קדושינו שנשמדו במיידנק לפני 33 שנים. זכר קדושינו מחייב אותנו להמשיך בחיינו הלאומיים — בנוסח לובלין ובנוסח מדינת ישראל.

ד. ש.



עצמות יהודי מיידן טטרסקי שנקברו בלובלין, לאחר שחרור העיר. (התמונה נשלחה ע״י י. ברום, טורונטו).

דער געביין פון די יידן פון מיידאַן טאַטאַרסקי ווערט געבראַכט צו קבר ישראל אין לובלין, נאָך דער באַפרייונג.

(דאָס בילד האָט צוגעשיקט י. בראָם, טאָראָנטאָ).



teatrnn.pl

# אַ ניט פאַרלאָשן ליכט...

**33** יאָר זענען פאַריבער פון יענעם שרעקלעכן טאָג, דעם 9טן נאָוועמבער 1942, ווען די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אַרויסגעפירט קיין מײַדאַנעק די פאַרבליבענע ייִדן אין געטאָ פון מײַדאַן טאַטאַרסקי. 33 יאָר — דאָך ווילן מיר נישט און קאָנען נישט פאַרגעסן אונדזערע קדושים, וועמענס אָנדענק ווערט היינטיקן חודש ווידער באַערט ווערן אויף די יערלעכע טרויער־אַקטן און אזכרות אין תל־אביב, בוענאָס־איירעס, ניו־יאָרק, מעלבורן, פּאַריז, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאָל, סאַן־פּאַולאָ, לאָס־אַנזשעלעס און לובלין. צום וויפלטן מאָל וועט די שארית הפליטה פון דער עיר ואם בישראל זיך צונויפזאַמלען אין עפנטלעכע זאַלן צי אין בתי־כנסת, כדי אָפּגעבן כבוד און טרערן די איבער פערציק טויזנט קרבנות. די אָנגעצונדענע יאָרצייט־ליכט און דער קאָלעקטיווער „קדיש" וועלן ברענגען צום אויסדרוק דעם נאָך אַלץ טיפן טרויער, אומפאַרגעסלעכן צער און ניט פאַרהיילטע ווּנד נאָך דעם גרויסן אומגליק. אָבער אַזעלכע צוזאַמענטרעפן שטאַרקן אויך דעם גייסט און אַנטשלאָסנקייט ניט דערלאָזן מערער צו ענלעכע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס; תמיד געדענקען וואָס ס'האָט געטאָן דער היטלעריסטישער עמלק און ניט פאַרגעסן די איצט לויערנדיקע געפאַרן דער ייִדישער מדינה און דעם ייִדישן פאָלק.

אין איצטיקן נומער „קול לובלין" זענען אָפּגעדרוקט זכרונות פון די ניצול־געוואָרענע ייִדן: נחמן קאָרן פון רמת־גן, ישראל אייזענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס, ראובן ראָסעט פון סאַן־פּאַולאָ און משה זילבערבערג פון ניו־דזשערסי — וועגן אומקום פון דער ייִדישער לובלין. אַפילו נאָכן דורכלייענען די אַלע טראַגישע שילדערונגען, הגם מיר ווייסן שוין אַ סך פון פריערדיקע באַשרייבונגען, איז נאָך אַלץ נישט פאַראַן דאָס פולע בילד פון יענער שרעקלעכער תקופה. נישט אַלץ איז שוין דערציילט געוואָרן, באַזונדערס — די מאָמענטן פון ייִדישן ווידערשטאַנד דעם דייטשן רוצח.

פאַראַן אַן אָנגעזעענע צאָל לובלינער ייִדן פון דער שארית הפליטה, וואָס האָבן נאָך אַלץ ניט גענומען די פעדער אין האַנט, כדי אַרויפברענגען אויפן פּאַפּיר זייערע איבערלעבונגען אין די יאָרן פון דער 2טער וועלט־מלחמה. אונדז איז וויכטיק צו וויסן די העראָישע מאָמענטן, די גבורה פון די, וואָס אויב זיי זענען אַרויס לעבעדיק פונעם היטלעריסטישן גהינום, איז עס אָן שום ספק געווען אַ פועל־יוצא פון זייער פעיקייט אויסצומײַדן די כסדר דראָענדיקע טויט־געפאַרן. און וועגן דעם דאַרף מען דערציילן.

והגדת לבנך...

✶

מיטן איצטיקן נומער איז „קול לובלין" דערגאַנגען צום ערשטן קײַלעכיקן ציפער צען! וועלן מיר ניט פּראַווען קיין באַנקעטן לכבוד דער געשעעניש, אָבער אַ פרייד בײַ יעדן לובלינער וועט עס זיכער אַרויסרופן. ווײַל 10 נומערן „לובלינער שטימע" מיינט, אַז מיר האָבן ניט געלאָזט פאַרשטומט ווערן דאָס קול פון יענער שטאָט, ווּ מ'איז געבוירן און אויסגעוואַקסן, און אויך ניט געוואָלט איבערייסן די פעדים וואָס פאַרבונדן אונדזערע לאַנדסלײַט אין די תפוצות מיט די לאַנדסלײַט אין ישראל.

פון דער גאַנצער וועלט זענען אָנגעקומען צענדליקער בריוו מיט גינסטיקע אָפּרופן וועגן דער אויסגאַבע. אַזעלכע ווערטער פון לויב און אָנערקענונג שטאַרקן און מוטיקן די אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן אויסצובּרייטערן דעם זשורנאַל. דאָס טוען מיר טאַקע אין היינטיקן, צענטן נומער, מיטן אָפּדרוקן אַרטיקלען פון די קדושים ש. י. סטופּניצקי, י. ניסענבוים, ד"ר צינבערג אאַנ"ד. מיר פאַרעפנטלעכן אויך, צום ערשטן מאָל, צענדליקער אַדרעסן פון לובלינער ייִדן אין אויסלאַנד, כדי פאַרלײַכטערן דאָס אָפּזוכן זיך און העלפן אײַנשטעלן פאַרבינדונגען צווישן אַמאָליקע פרײַנד און חברים. גלײַכצײַטיק האָבן מיר אײַנגעפירט עטלעכע נײַע רובריקן מיט אינפאָרמאַטיוון מאַטעריאַל וועגן לעבן פון לובלינער אין דער וועלט און אין ישראל, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין די באַריכטן פון די שטעט, וועלכע זענען ה. י. באַזוכט געוואָרן דורכן פּאָרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין בישראל.

✶

מיר האַלטן נאָך נישט אונדזערע אויפגאַבן פאַר פאַרענדיקטע. והראיה:

מיט אַ צײַט צוריק האָט דער אירגון יוצאי לובלין אין ישראל געקויפט אַ צימער אין צענטער תל־אביב, אויף דיזנגאָף־גאַס 158, אין הויז ווּ עס געפינט זיך דער פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן און אַ רײ לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס. דעם דאָזיקן צימער האָבן מיר פאַרוואַנדלט סײ אין אַ זיץ־אָרט פון קאָמיטעט, ווּ עס וועט פונקציאָנירן אַ סעקרעטאַריאַט, ס'וועלן פאָרקומען זיצונגען און מ'וועט פירן די רעגולערע טעטיקייט. גלײַכצײַטיק וועט דאָרט זײַן אײַנגעאָרדנט אַ מיניאַטור־מוזעאום, ווּ עס וועט קומען צום אויסדרוק, מיט דער הילף פון אַ פּערמאַנענטער אויסשטעלונג פון בילדער, ביכער (וועגן לובלין און פון לובלינער), דאָקומענטן און וויטראַזשן — די אַ. ג. לובלין של מעלה, די שטאָט פון ייִדישן גייסט, יצירה און געראַנגל.

קויפן אַזאַ צימער און אויסשטאַטן אים פאַר די דערמאָנטע צילן — קאָסט געלט. אַ סך געלט. מעגלעך, אַז מיר וואָלטן זיך נישט אַנגאַזשירט אין אַזאַ אונטערנעמונג, ווען נישט די ערשטע, ברייטהאַרציקע שפּענדונגען פון אונדזערע קאָמיטעט־מיטגלידער סימאָן זיידענווערג און משה קאָרן (טאַשעמקאַ), וואָס יעדער פון זיי האָט געגעבן פאַר דעם צוועק צו 10 טויזנט ל"י, מאָטל גאַרטענקראַוט פון ניו־יאָרק — 5 טויזנט ל"י, און אַנדערע שפּענדונגען.

אינעם „לובלינער ווינקל", אויף אַ ספּעציעל אָרט אײַנגעמויערט אין וואַנט, וועלן ווערן אויפגעהיטן די בלעטער פון „דאָס בוך פון לובלין", מיט די נעמען פון די קדושים. אויף יענעם אָרט וועט אויך ברענען אַ נר תמיד.

★

אַ ניט פאַרלאָשן ליכט — טאַקע צו דעם שטרעבן מיר: אַ נר תמיד וואָס זאָל ברענען אינעם לובלינער צימער אין תל־אביב און אינעם מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מײַדאַנעק אויפן בית־הקברות אין נחלת יצחק. נאָר איבער אַלעמען דאַרף אין האַרץ פון יעדן לובלינער ייִד, ווּ ער זאָל זיך ניט געפונען, פלאַטערן דער הייליקער אָנדענק נאָך אונדזערע קדושים, וואָס זענען מיט 33 יאָר צוריק אומגעקומען אין מײַדאַנעק. דער זכרון נאָך זיי מאָנט און דערמאָנט ווײַטער אָנצוגיין מיט אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן — נוסח לובלין און נוסח מדינת ישראל.

ד. ש.

# די שוידערלעכע רציחות פון די דייטשן אין לובלין און זייער ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע

נחמן קאָרן / רמת־גן

די פראָפּאַגאַנדע איז געווען איינע פון די הויפּט־מיטלען מיט וועלכע די נאַציס האָבן זיך באַנוצט ביים פאַרמאַסקירן זייערע פאַרברעכערישע מעשים און צוגרייטן דעם באָדן צו דער מאָרד־מלאכה. אין זייער פראָפּאַגאַנדע האָט דער שקר פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט.

די שטאָט לובלין, וואָס איז פון פאָרויס באַשטימט געוואָרן צו ווערן אַן עקסטערמינאַציע־אָרט פאַר אַלע יידן, האָט אויך געדינט אַלס אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר נאַצישע מערדערייען, און די יידן — ווי אַ מאַטעריאַל ביים אויסאַרבעטן פראָפּאַגאַנדע־סיסטעמען און פייניקונגען.

## א

אין אַ זומער־טאָג אין יוני 1940, זענען דערשינען אויף לובאַרטאָווסקאַ גאַס (נאָך פאַרן אַנטשטיין פון געטאָ) אַ גרופּע דייטשע אָפיצירן און זעלנער. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פאָטאָ־אַפּאַראַטן, שטעקנס און אויך פאַרשידענע כלים וואָס זענען נייטיק צום פאָטאָגראַפירן. די יידישע געשעפטן זענען נאָך געווען אָפן און די באַוועגונג אין גאַס איז געווען אַ נאָרמאַלע. די דייטשן האָבן פאַרהאַלטן אויפן טראָטואַר אַ קענטיקע צאָל יידן מיט בערד און אָן בערד, אָבער מיט אַ יידישן אויסזען. די דייטשן זענען צוגעטרעטן אינסצעניזירן אַ בילד, ווי יידן מאַכן אַן אָנפאַל אויף דייטשישע מיליטער־לייט. זיי האָבן איינגעשטעלט די אָנטיילנעמער אויף אַזאַ אופן, אַז די מיליטער־לייט זענען אַרומגערינגלט דורך די יידן. די יידישע „אָנפאַלערס" האָבן זיי באַוואָרנט מיט שטעקנס און באַפוילן צו האַלטן זיי אין דער הויך און דערנאָך אַראָפּלאָזן זיי אויף די דייטשישע רוקנס... ווען די דערשראָקענע יידן האָבן זיך צוריקגעהאַלטן און נישט געוואַגט אויסצופירן די באַפעלן, האָט איין אָפיציר גענומען אַ שטעקן אין האַנט און אים אַראָפּגעלאָזן מיט כוח אויפן קאָפּ פון אַ ייד און מיט אַ רעוואָלווער געדראָט די אַלע וואָס וועלן נישט ווי געהעריק אויספירן די באַפעלן. די אויסטערלישע טעאַטראַלישע אונטערנעמונג האָט געדויערט גאַנץ לאַנג. דער רעזשיסער האָט מקפיד געווען אויף יעדע באַוועגונג און אויך געפאָדערט צו מאַכן אַן אָנשטעל אויפן פנים וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די געגעבענע סיטואַציע. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע, ווייל מ'האָט עטלעכע מאָל געמוזט איבערחזרן דעם טייוולאָנישן אַקט, וועלכן די פאָטאָגראַפיסטן האָבן פאַראייביקט אין אַ פילם „דער אויפשטאַנד פון די לובלינער יידן קעגן אַלמעכטיקן מיליטער פון די דייטשן".

די טראַגיש־קאָמישע געשעעניש האָט אַרויסגערופן שטוינונג און פחד ביי די יידן. די בילדער וואָס זענען פאָטאָגראַפירט געוואָרן, האָבן אַוודאי באַדאַרפט דינען ווי אַ קאָנקרעטער באַווייז אויף צו באַרעכטיקן די רדיפות און מערדערייען פון די יידן...

## ב

און אָט אַ פאָרשטעלונג פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער:

אַ געוויסן אָוונט, נישט פיל שפּעטער נאָך דער סצענע אויף לובאַרטאָווסקע, האָבן דייטשן געכאַפּט עטלעכע יידן אויפן רינעק און זיי אַרויסגעפירט אין אַ קעלער־צימער אין איינעם פון די הייזער. צום גרויסן ווונדער פון די דערשראָקענע יידן, האָבן זיי זיך געפונען אין אַ גוט באַלויכטענעם צימער מיט געדעקטע טישן, מיט פלעשער וויין און פאַרבייסנס. ביי די טישן זענען געזעסן מונדירטע דייטשן און אויך אין ציווילער קליידונג און זייערע פנימער האָבן אויסגעדריקט פריינדשאַפט און פריילעכקייט. די יידן האָט מען באַפוילן צו פאַרנעמען ערטער צווישן די דייטשן. מ'האָט זיי דערלאַנגט פאַרשידענע מאכלים און וויין, באַפוילן צו עסן און טרינקען, שמייכלען און זיין פריילעך. די געכאַפּטע יידן איז נישט לייכט געווען אויסצופירן דעם באַפעל. אָנשטאָט אַ שמייכל, האָט זיך אויף זייערע פנימער באַוויזן אַן אויסדרוק פון זאָרג און פחד. עס האָבן זיך געהערט אָנווייזונגען און דראָונגען. האָבן די יידן זיך באַמיט מקיים צו זיין דעם באַפעל און שמייכלען, אָבער דאָס האַרץ האָט געציטערט פון מורא. דער אַפּאַראַט איז עטלעכע מאָל אָנגעשטעלט געוואָרן פון דאָס ניי, ביז ס'האָט זיך זיי ענדלעך איינגעגעבן אויפצוכאַפּן דעם עקלהאַפטן ליגן.



מיידאַנעק — צייכענונג פון רפאל כוואָלעס (פאַריז)

נאָך דעם ווי מ'האָט די אינסצעניזאַציע פאַרענדיקט, האָט מען די יידן אַרויסגעטריבן. ווו און אין וועלכע אומשטענדן די פעלשונגען זענען אויסגענוצט געוואָרן — איז נישט באַוווּסט. זיכער איז, אַז זיי האָבן זיך מיט זיי באַנוצט ביים פאַרמאַסקירן זייערע רשעותדיקע און מערדערישע פּלענער.

## ג

נישט לאַנג האָט געדויערט און אַן אַנדערע אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין לובלין. צענדליקער יידן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט ביים דורכפירן די בלוטיקע אַקציע, האָבן דערביי באַצאָלט מיט זייער לעבן. די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך „פּעדאַגאָגן" וואָס האָבן גוט געקענט די אכזריותדיקע היטלערישע מלאכה און זייער אויפגאַבע איז געווען איבערצוגעבן זייערע שיטות די תלמידים. דאָס מאָל האָבן זיי זיך באַנוצט מיט פאַרמעגלעכע יידן, וואָס האָבן געוווינט אין עלעגאַנטע קוואַרטאַלן פון לובלין.

אַן אכזריותדיקן געיעג אויף יידן האָבן זיי איינגעאָרדנט אויף קראַקאָווסקע פּשעדמיעשטשע און אין די אַרומיקע גאַסן. זיי האָבן דאַמאָלט געכאַפּט עטלעכע צענדליק יידן, זיי אַריינגעפירט אין דער פאָליציי־שול, וווּ ס'זענען איינגעאָרדנט גע־

וואָרן קורסן פאַר פאָלקס־דויטשן. דאָרט האָט מען זיי באַקענט מיט דער תורה פון זאָאָלאָגישן שאָוויניזם. ספּעציעל האָבן זיי זיך באַמיט איינצופּלאַנצן אין די הערצער פון די קורסאַנטן פאַראַכטונג און שנאה צו יידן. די אַבסאָלווענטן פון דער שול זענען באַשטימט געווען צו דינען אַלס פּאָליציאַנטן אין די אָקופּירטע לענדער אָדער אין די ספּעציעלע „קאָמאַנדאָס".

די לערער פון דעם סעמינאַר האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט די טעאָרעטישע לימודים; זיי האָבן אָרגאַניזירט אויך פּראַקטישע לעקציעס, אויף אַ קאָנקרעטן אופן געלערנט די סיסטעמען פון אכזריותדיקע פּייניקונגען. די יידן האָט מען דאָרט געהאַלטן עטלעכע וואָכן. נישט אַלע האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע היימען — און די ווייניקע וואָס האָבן זיך יאָ אומגעקערט, זענען געווען צעבראָכן פיזיש און גייסטיק.

טאָג־טעגלעך האָט מען געפירט די יידן אין קליינע גרופּן צו די קורסאַנטן און זיי געוויזן ווי אַזוי צו שלאָגן און פּייניקטן, ווען מ'וויל פון זיי אַרויסבאַקומען ידיעות; ווי אַזוי איבערצוגיין פון אַ לייכט געשלעג צו שווערע קלעפּ און ווי אַזוי דערנידעריקן מענטשן, דערפירן זיי צו אַ מצב, אַז מ'זאָל קענען מיט זיי מאַכן וואָס מען וויל; מ'האָט זיי געלערנט ווי אַזוי צו פּייניקן אַז דער קרבן זאָל נישט באַלד אויסהויכן די נשמה.

די אַלע איבונגען זענען דורכגעפירט געוואָרן אויף די קערפּערס פון די אומגליקלעכע, וואָס האָבן געדינט ווי אַ לאַבאָראַטאָריע־מאַטעריאַל. די פּייניקונגען האָבן אויך געהאַט פאַר אַ ציל צו דערוועקן ביי די צוקונפטיקע פּאָליציאַנטן סאַדיסטישע נייגונגען און אינסטינקטן, דערדריקן ביי זיי יעדעס געפיל פון רחמנות.

ווי געזאָגט, האָבן נישט אַלע יידן זיך אומגעקערט אַהיים. פיל פון זיי האָבן דאָרט אויסגעהויכט זייערע נשמות. נאָר די גאָר פאַרהאַרטעוועטע האָבן אויסגעהאַלטן. איינער פון די לעבן געבליבענע, אַ ייד פון דייטשלאַנד, וואָס איז איבערגעזידלט געוואָרן קיין לובלין, איז געקומען אַ היים פון דער „לאַבאָראַטאָריע" אינגאַנצן צעבראָכן און נידערגעשלאָגן און ס'איז שווער געווען פון אים אַרויסצובאַקומען ידיעות וועגן דעם וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. נאָר פון צייט־צו־צייט, אַז ער האָט זיך בעסער געפילט, האָט ער איבערגעגעבן אין קורצע ווערטער וואָס דאָרט איז געשען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך געשעמט אַלץ צו דערציילן.

דער נאַצישער טעראָר איז געוואָרן שרעקלעכער פון טאָג צו טאָג. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די הכנות צום מאַסן־מאָרד פון מיליאָנען, וואָס האָט נישט געהאַט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע. צוזאַמען מיטן פאַרפּולקאָמען די מאָרד־סיסטעמען, האָבן די דייטשישע רוצחים אויך געשטאַרקט די שפּאַטישע פּראָפּאַגאַנדע אויף אָפּצונאַרן די וועלט.

ד

די העכסטע שטופע פון ציניזם האָבן זיי דערגרייכט נאָך דעם ערשטן מאַסן־מאָרד בעת דער ליקווידאַציע פון די לובלינער יידן, — אין פרילינג 1942. אַ צוויי חדשים נאָך די שרעקלעכע בלוט־פאַרגיסונגען, האָב איך באַקומען די „קראָקאָוער צייטונג" פון סוף יוני 1942, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ בילד פון אַ יידישן באַלעגאָלע, וואָס זיצט אויף זיין בריטשקע, איינגעשפּאַנט מיט אַ פערד, נעבן דער באַן־סטאַציע. אונטער דעם בילד איז פאַראַן אַ וואָרענונג־אויפשריפט פאַר די דייטשן, וועלכע וועלן אָנקומען קיין לובלין, זיי זאָלן זיך נישט באַנוצן מיט יידישע פאָר־מיטלען, ווייל די יידישע פורמאַנעס זענען שמוציק און זיי פאַרשפּרייטן אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן.

שוין העכער פון צוויי יאָר ווי ס'איז געווען פאַרבאָטן די יידישע פורמאַנעס צו אַרבעטן אויף דער באַן־סטאַציע; די יידישע לובלין איז מיט דריי חדשים פריִער געוואָרן אויסגעמאָרדעט — און אָט אַזאַ רשעותדיקע פּובליקאַציע, גלייך די רדיפות אויף די יידן איז באַשטאַנען נאָר פון באַגרענעצונגען אין אַרבעט. ווייל אויב די ידיעות וועגן אויסמאָרדן העכער הונדערט קינדער פון בית־יתומים און אַלע יידישע קראַנקע פון די שפּיטעלער און אַוועקשיקן פיל טויזנטער אין די טויטלאַגערן פון בעלזשעץ, — ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין די חדשים מערץ־אַפּריל, וועלן דערגיין צו דער פרייער וועלט — וועט דאָס בילד אין דער צייטונג פון חודש יוני קענען דינען ווי אַן אָפּלייקענונג. די נאַציס האָבן אויסגערעכנט, אַז נאָרמאַלע מענטשן וועלן נישט גלייבן אין אַזעלכע שרעקלעכע רציחות.

*

אַזוי האָט דער היטלעריזם געשטיצט זיין הערשאַפט אויף אכזריות און רשעות און טיף געזונקען אין זייערע שענדלעכע שקרים, מיטשלעפּנדיק זייער פאָלק אין מאָראַלישן אָפּגרונט.

# א קאפיטל לובלינער יידישע מארטיראלאגיע

ישראל אייזענבערג / לאָס־אַנזשעלעס

די עיר ואם בישראל, די שטאָט לובלין, וועלכע איז באַרימט געווען מיט אירע גאונים, ווי מהרש"ל, מהר"ם, חוזה און אַמלעצטן מיט איר גרויסער „ישיבת חכמי לובלין" — האָט פּלוצלונג באַקומען אַן אַנדערן אויסזען. איר געשטאַלט איז פאַרענדערט געוואָרן און יידיש לעבן דאָרט האָט אָנגענומען אַ באַזונדערן כאַראַקטער.

א

די נייע מושלים, די באַרבאַרישע דייטשן, האָבן אין אָנהייב יאָר 1940 צונויפגעפּרעסט אַלע יידן אין אַ געטאָ, ווו די ענגשאַפט איז געווען זייער גרויס. מען האָט געוווינט אַפילו צו פופצן מאַן אין איין צימער און די מענטשן האָבן זיך געדריקט און געשטיקט. די שטאָט לובלין, וועלכע האָט ביים קריג־אויסברוך געציילט פערציק טויזנט יידן, האָט איצט, צוזאַמען מיט די אַריינגעשיקטע פון קאַליש, לאָדזש און פולאַווו, דערגרייכט ביז זעכציק טויזנט נפשות.

אין אָקטאָבער 1941 איז אויף דער פּעריפעריע פון לובלין—מיידאַנעק, געשאַפן געוואָרן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער וועלכער האָט פאַרנומען אַ שטח פון בערך צען קוו. קילאָמעטער און אַנטהאַלטן אומגעפער אַכט הונדערט באַראַקן.

אין זעלבן חודש זענען אין לובלינער געטאָ געכאַפּט געוואָרן אויף דער גאַס דורך ס"ס־לייט זיבעציק יידן און אַריבערגעפירט געוואָרן אין אויבנדערמאָנטן לאַגער. פון די דאָזיקע יידן האָט מען באַלד אַראָפּגעצויגן זייערע ציווילע מלבושים און אָנגעטאָן באַשטרייפטע קליידער.

געאַרבעט האָבן זיי ביים גראָבן גריבער, בויען שאַסייען און שטעלן באַראַקן. די אָרטיקע באַדינגונגען זענען געווען פאַר זיי געפערלעכע. די אַרבעט — אומגעהויער שווער. מ'איז געשטאַנען ביז אין דער העלפט אין ליימיקע בלאָטעס. עסן האָבן זיי באַקומען אויף קוים צו דערהאַלטן די נשמה. נאָך צוויי וואָכן שווערער האָרעוואַניע, זענען די אַלע זיבעציק יידן אויסגעשטאָרבן.

ווען דער לאַגער איז געוואָרן לליידיק און דער קרעמאַטאָריום האָט שוין איינגעשלונגען די ערשטע קרבנות,

האָט די ס״ס־באַנדע, מיט איר פירער מאָרפינקעל בראש, דורכגעפירט אַ נייע אָבלאַווע אויף די לובלינער יידן, געכאַפּט בערך דריי הונדערט מאַן און זיי אַוועקגעפירט אויף ליפּאָווע־גאַס 7, ווו זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט געמוזט שטיין אויף די קני און צומאָרגנס האָט מען זיי אַוועקגעפירט צעשלאָגענע און דערשעפּטע קיין מיידאַנעק.

אין דער זעלבער צייט זענען אָנגעקומען אין לאַגער גרויסע טראַנספּאָרטן רוסישע געפאַנגענע, וועלכע זענען מאַסנווייז פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריום. די איבערגעבליבענע האָבן אויך לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטן. פון דער שווערער אַרבעט אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען, זענען זיי כסדר געפאַלן ווי די פליגן.

אין צווישנצייט האָט מען אין די קליינע שטעטלעך אַרום לובלין געכאַפּט פינף הונדערט יידן און זיי געבראַכט אין אַרבעט־לאַגער אויף ליפּאָווע 7. נאָכן אָפּאַרבעטן דאָרט אַ גאַנץ קורצע צייט, האָבן די מערדער דורכגעפירט אַ סעלעקציע און די אויסגעמאַטערטע און קראַנקע אַריינגעשיקט אין שכנותדיקן מיידאַנעק, ווו זיי זענען כסדר געשיקט געוואָרן אין אויוון אַריין.

## ב

אין דעצעמבער 1941 האָבן אין לאַגער אָנגעהויבן קומען טראַנספּאָרטן מיט טשעכישע און דייטשע יידן. זייער צאָל האָט דערגרייכט צענדליקער טויזנטער. די מערהייט פון זיי איז באַשטאַנען פון אינטעליגענץ. זיי זענען געקומען אין נאָרמאַלע וואַגאָנען און מיטגעבראַכט פיל זאַכן.

אַראָפּגייענדיק פון צוג, האָבן די דייטשע רויבער אַלץ ביי זיי צוגענומען, אַוועקגעפירט אין לאַסט־אויטאָס אין לאַגער, אָנגעטאָן אין געשטרייפטע קליידער און גענומען מיט זיי אַרבעטן עבודת פרך.

נאָכן פייניקן זיי מיט אַלערליי סאַדיסטישע עינויים, איז אַ באַדייטנדע טייל געשיקט געוואָרן צום פאַרגאַזן.

דאָס לעבן פון די יידן אין לובלינער געטאָ האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. די באַדינגונגען זענען געוואָרן וואָס אַמאָל מער דערדריקנדיק. גרויסע קאָנטריבוציעס זענען כסדר אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער יידישער באַפעלקערונג. די ס״ס־באַנדעס האָבן דורכגעפירט אָבלאַוועס, בעת וועלכע זיי האָבן ניט איינעם מערדערלעך געשלאָגן צום טויט. די באַוועגונג פון די יידן אין די גאַסן איז דעריבער געוואָרן אַ קלענערע. שלעכטע פאָרגעפילן האָבן גענאָגט יעדנס האַרץ. די לופט האָט זיך שוין געפילט ווי פאַרפעסטעט. שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך אָנגערוקט אויף די קעפּ פון די לובלינער יידן.

אין מערץ 1942, שושן־פורים פאַרטאָג, האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע אויסזידלונג פון לובלינער געטאָ. יעדן טאָג פלעגט מען אַרויסטרייבן פון די וווינונגען עטלעכע טויזנט מענטש, זיי אַריינגעקוועטשט אין דער מהרש״ל־שול און די איבעריקע האָט מען צוריקגעיאָגט אין די הייזער. אין מיטן דער נאַכט האָט מען 1500 יידן אַריבערגעפירט אין שעכטהויז אויף דער וואָלע, ווו מען האָט זיי אַריינגעפּאַקט אין די צוגעגרייטע שוין וואַגאָנען און אַוועקגעפירט אין גרויסן פאַרניכטונג־לאַגער בעלזשעץ, וועלכער איז נאָך מיט צוויי יאָר צוריק אויפגעבויט געוואָרן דורכן באַרימטן דייטשן מערדער ס״ס־שטורעמבאַנפירער דאָלף. אַ פּאָר הונדערט יונגע, קרעפּטיקע מענער זענען ווידער אַריינגעשיקט געוואָרן קיין מיידאַנעק אויף אַרבעט.

טאָג־טעגלעך האָט די ס״ס־כנופיה, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן דורכצופירן די אויסזידלונג־אַקציעס, דערשאָסן עטלעכע הונדערט יידן. דערביי האָבן ווילדע הינט געריסן שטיקער פלייש פון די לעבעדיקע מענטשן.

הונדערט און פינף קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער, זענען אין גאַנג פון די אַקציעס אַרויסגענומען געוואָרן פון יתומים הויז אויף גראָדזקע 11, אַרויפגעוואָרפן זיי אויף אַ פּלאַטפאָרם־וואָגן און אַוועקגעפירט אויף דער וואָלע, ווו די ס״ס־חיות האָבן זיי מיט טעמפּע מכשירים אויפן ברוטאַלסטן אופן דערמאָרדעט און זייערע קערפּערלעך צעוואָרפן אויף די וועגן. די רוצחים האָבן מיט אַ ציניש שמייכל צוגעגעבן, אַז ס׳איז אַ שאָד אויסצונוצן קוילן, אַזעלכע קליינע קינדער קען מען אויך אומברענגען מיט האָלץ אָדער אַ שטיק אייזן.

## ג

אין ברען פון די אַקציעס, האָט דער אָנפירער פון די אויסזידלונגען, ס״ס־אונטערשטורמפירער ד״ר שטורם, זיך געווענדט צום פּרעזעס פון יודנראַט ד״ר מאַרעק אַלטען מיט דער פאָדערונג, אַז ער זאָל במשך פון אַ פּאָר שעה צוזאַמענעמען אַ קאָנטריבוציע פון וועלכע טויזנט גאָלדשטיקלעך און דערפאַר וועט אויך להבא אָפּגעשטעלט ווערן דאָס אַרויסשיקן פון די יידן.

ד״ר אַלטען האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם פאַרלאַנג פון די אָפּנאַרערישע און פאַרפירערישע ס״ס.

עס האָט זיך אָבער געשאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון פיר מאַן, מיטן וויצע־פּרעזעס קעסטנבערג בראש וועלכע האָט די געפאָדערטע קאָנטריבוציע צונויפגענומען. ביים איבערגעבן דאָס געלט אין די הענט פון די ס״ס, איז די קאָמיסיע דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די מערדערישע אַקציע איז ווייטער פאָרגעזעצט געוואָרן.

ווי ווייט דער ציניזם און אָפּנאַרעריי האָט דערגרייכט, קען עדות זאָגן דער פאָלגנדער פאַקט: אין פולן גאַנג פון די אַקציעס, אין אַ שוידערלעכער נאַכט, האָט די ס״ס־אָנפירערשאַפט פאַראָרדנט, אַז אַלע פאַמיליען־מיטגלידער פון די יידן, וואָס זענען קאָשאַרירט אין די ס״ס־וואַרשטאַטן אויף ליפּאָווע 7, זאָלן זיך באַזונדער אַוועקשטעלן אויף אַ באַשטימטן אָרט, זיי וועלן פאַרבלייבן אין געטאָ ווי מיוחסים.

די ס״ס האָט דערביי באַמערקט, אַז אַ פרעמדער, וועלכער וועט זיך אַריינגנבענען אין דער דאָזיקער גרופּע, וועט תיכף דערשאָסן ווערן.

די פרויען מיט די קינדער פון די אויבנדערמאָנטע אַרבעטער, זייענדיק זיכער, אַז זיי וועלן קומען צוריק אין זייערע וווינונגען, זענען אין שטעקשיך און נאַכט־העמדער אַראָפּגעגאַנגען אויף דער גאַס און זיך צונויפגעזאַמלט אויף דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ. זיי זענען אָבער גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ ס״ס־באַנדע און אַוועקגעפירט געוואָרן צו פאַרניכטונג.

דעם 17טן אַפּריל 1942 האָט זיך באַוויזן אַ פאַראָרדענונג, אַז די אויסזידלונג־אַקציעס ווערן אָפּגעשטעלט און די בערך 10·000 איבערגעבליבענע יידן זאָלן אַליין אַריבערגיין אין לאַגער מיידאַן־טאַטאַרסקי, וואָס געפינט זיך קעגנאיבער מיידאַנעק.

דאָס רעשטל יידן האָט די פאַראָרדענונג אויסגעפירט און במשך פון דריי טעג זענען זיי אַריבער אין באַשטימטן לאַגער.

## ד

דעם 21סטן אַפּריל פאַרטאָג האָבן די דייטשע מערדער אַרויסגעטריבן די יידן אויפן גרויסן זאַמלפּלאַץ פון אויבנדערמאָנטן לאַגער און דורכגעפירט אַ סעלעקציע. אַ טייל פון די געזונטערע מענער זענען אַריינגעשיקט געוואָרן קיין

מיידאַנעק, די אַנדערע, בערך דריי טויזנט יידן, זענען געבליבן אויפן אָרט. די פרויען מיט די קינדער און די עלטערע מענער האָט מען אַוועקגעפירט אין נאָענטן וועלדל קרעמפּיץ, ווּ זיי זענען דערשאָסן געוואָרן.

אין נאָוועמבער 1942 האָט מען פון די דריי טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין מיידאַן־טאַטאַרסקי, אַריבערגעשיקט אַ קלענערע צאָל קיין מיידאַנעק און די איבעריקע זענען במשך פון דריי טעג אומגעבראַכט געוואָרן אין לאַגער גופא.

דער צולעצט דערשאָסענער ייד אין מיידאַן־טאַטאַרסקי איז געווען דער פרעזעס פון יודנראַט און אַמלעצט לאַגער־עלטסטער, ד״ר מ. אַלטען.

מיידאַנעק האָט כסדר „געאַרבעט״. יעדן טאָג זענען געקומען ריזיקע טראַנספּאָרטן יידן פון אַלע לענדער אין אייראָפּע, ווּ דער דייטש האָט נאָר געשטעלט זיין פוס.

ה

נאָכן דערשטיקן דעם העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָט מען די געכאַפּטע אויפשטענדלער אויך געבראַכט קיין מיידאַנעק. דער לאַגער איז איבערפולט געוואָרן און די ס״ס איז געווען געצווּנגען צוצונעמען דעם פליפלאַץ מיט דער עראָפּלאַנען־פאַבריק פון פלאַגע־לאַשקעוויטש, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן פאַר פרויען.

דאָס חושכדיקע לעבן אין מיידאַנעק האָט זיך געשלעפּט נאָך אַ קנאַפּ יאָר. מיט טויט־קאַלטע אַנגסטן האָבן דאָרט די יידן געוואָרט אויפן טויט.

אין נאָוועמבער 1943 איז געקומען אַ פאַראָרדענונג פון ס״ס־ און פּאָליציי־פירער אין לובלינער דיסטריקט, גלאָבאָטשניק, אַז מען זאָל גענצלעך ליקווידירן די יידישע העפטלינגע פון מיידאַנעק און אַלע אַנדערע לאַגערן אין לובלינער געגנט ווי ליפּאָווע 7, פּאָניאַטאָווו און טראַוווניק.

מיט דריי טעג פריער האָט מען די העפטלינגע געצווּנגען אויסגראָבן טיפע גריבער אויפן גרויסן שטח פון לאַגער. די מערדער האָבן זייער שטיקל אַרבעט פון פריער צוגעגרייט.

דעם 3טן נאָוועמבער פאַרטאָג האָט מען 26·700 יידן אַרויסגעפירט אויפן פּלאַץ, באַפוילן זיי אויסצוטאָן די קליידער און אַריינשטעלן זיך אין די גריבער. ביים מוזיק־קלאַנג פון אַ ס״ס־אָרקעסטער, האָט מען מיט מאַשין־געווער דערשאָסן די אומגליקלעכע קרבנות.

נאָכן פאַרענדיקן די דאָזיקע אכזריותדיקע אַרבעט, האָבן די העפטלינגע פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פאַרשאָטן די גריבער, אָבער נאָך לאַנגע שעהן האָט מען נאָך געקענט באַמערקן ווי די ערד, אונטער וועלכע די קרבנות זענען געלעגן, האָט זיך באַוועגט, ווייל פיל פון די באַגראָבענע האָבן נאָך געאָטעמט.

דריי הונדערט פון די שענסטע יידישע פרויען האָט די ס״ס איבערגעלאָזט און באַצייכנט זייערע געשטרייפטע קליידער מיט די בוכשטאַבן „אַ־ה״, ד.ה. „אָקציאָנס־העפטלינגע״. די מלבושים פון די אומגעקומענע זענען דורך די דאָזיקע פרויען סעגרעגירט געוואָרן און ניט איינע פון זיי האָט דערקענט די קליידער פון איר מאַן אָדער זון.

מיט אַ חודש שפּעטער האָט מען די דאָזיקע פרויען טראַנספּאָרטירט קיין אוישוויץ, ווּ מען האָט זיי נאָך צוויי טעג געשיקט אין אויוון אַריין.

די בלוטדורשטיקע חיות האָבן זיך נאָך ניט געהאַט אָנגעזעטיקט מיטן יידישן בלוט. מען האָט ווידער פון פאַרשיידענע לאַגערן געבראַכט גרופּעס יידן. צווישן זיי אויך פון ראַדאָמער געטאָ, וועלכע זענען נאָך אַ קורצער צייט טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין מאטהאוזן, פלאָשווו און בוכנוואַלד.

ו

דעם 22.7.44 האָט די רויטע אַרמיי אַריינמאַרשירט קיין לובלין. זי האָט אָבער אין לאַגער קיינעם ניט געטראָפן, בלויז ליידיקע באַראַקן און ריזיקע מאַגאַזינען פון קליידער און אַנדערע פאַרשיידענע זאַכן, וואָס מען האָט צוגענומען ביי די העפטלינגע.

נאָר צוויי פרויען און פינף קינדער זענען נאָכדעם געפונען געוואָרן אין אַ קעלער. זיי זענען אויך שוין געווען באַשטימט עוואַקואירט צו ווערן, אָבער ס׳איז געשען אַ דעפעקט אין אויטאָ און צוליב גרויס מורא פאַרן שטאַרקן דראַנג פון די רוסן, האָט די ס״ס באין ברירה זיי איבערגעלאָזן און אַנטלאָפן. דאָס זענען די איינציקע לעבעדיקע עדות פון דער יידן־פאַרניכטונג אין מיידאַנעק.

אַ חוץ די אויבנדערמאָנטע זיבן נפשות, האָבן די באַפרייער ניט געטראָפן דאָרט קיין איין יידן.

# ווי אזוי א יידיש קינד פון לובלין איז ניצול געווארן פון די היטלעריסטישע רוצחים

אין דער צייטונג „אויף דער פריי״, אַרויסגעגעבן אין צענטער פון די באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט (פעברואַר־יוני 1946, אדר־סיון תש״ו), איז אָפּגעדרוקט די ווייטערדיקע דערציילונג וועגן דוד אייזנבערג, דער זון פון אונדזערע טייערע לאַנדסלייט באַלטשע און ישראל אייזנבערג פון לאָס־אַנזשעלעס. דוד איז איצט איינער פון די אָנגעזעענסטע אַדוואָקאַטן אין דער דאָזיקער שטאָט.

דוד אייזנבערג — איינער פון די געציילטע קינדער פון אונדזער צענטער, געבוירן דעם 8טן יוני 1941 אין לובלין.

זומער 1942 אַרויסגעפירט מיט זיין מוטער קיין מיידאַנעק. דעם 4טן אויגוסט ווערט ער אַרויסגעגנבעט פון דאָרט דורך זיין פאָטערס אַ באַקאַנטן, דעם פוילישן אַרבעטער קאַנציעווסקי, וועלכער האַלט אים ביי זיך.

קאַנציעווסקי ווערט אָבער ענדע נאָוועמבער 1942 אַרעסטירט פאַרן אָנטייל אין אונטערערדישער אַרבעט. דער קליינער דודל ווערט דורך קאַנציעווסקיס פרוי אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס. אַ האַלב פאַרפרוירענעם געפינט אים אין שניי אַ פוילישער פּאָליציאַנט, וועלכער גיט אים איבער דורכן לובלינער מאַגיסטראַט אין אַ פוילישער קינדערהיים.

דעם 25טן יולי 1945 קערט זיך אום פון אוישוויצער לאַגער צוריק קיין לובלין די מוטער פון קינד. זי דערוויסט זיך צופעליק, אַז איר קינד לעבט און נאָך לאַנגע באַמיונגען, געלינגט איר אים אַרויסנעמען פון דערציונגס־אַנשטאַלט ביים מאַריאַוויטישן קלויסטער.

# חורבן לובלין

משה זילבערבערג
דייטאָן, פּאַר. שטאַטן

אָנפאַנג 1946 האָב איך איז פעלדאַפינגער וואָכנבלאַט „דאָס פרייע וואָרט" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע און אומקום פון די לובלינער יידן. כ'האָב דאָרט געשילדערט, ווי אַן עד ראיה, די רציחות און יסורים פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, טאַטעס, מאַמעס און קינדער, און זייער טרויעריקן סוף אין דער עיר ואם בישראל, לובלין הקדושה.

באַלד נאָך דער באַפרייונג האָבן מיר, די שרידי החרב אויף דער בלוטיקער ערד פון עמלק־לאַנד, נישט געהאַט די פירקאַנטיקע יידישע אותיות צום דרוקן אונדזערע אויסגאַבן. דאָך האָבן מיר באַנייט די יידישע פרעסע מיט... לאַטיינישע בוכשטאַבן. ווידער האָבן די קלאַנגען פון זאַפטיקן יידישן לשון זיך געלאָזט הערן אינעם לאַנד פון די דענקערס און הענקערס. נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אונדזער בראָך, נוץ איך אויס די גאַסטפריינדלעכקייט פון „קול לובלין" בכדי ווידעראַמאָל פאַרעפנטלעכן מיינע זכרונות, מיט קליינע ענדערונגען.

אין אַ הערלעכן זומער־טאָג גיי איך אַרויס פון מיין וווינונג, מיט אַ בוך אונטערן אָרעם און לאָז זיך אַוועק איינעם פרעכטיקן לובלינער זאַקסישן גאָרטן. אָפּגעזונדערט אין אַן איינזאַמער אַלייע, פאַרטיף איך זיך אין דוד פרישמאַנס טראַגישע שילדערונגען וועגן די שרעקלעכע רציחות פון די אוקראַינישע היידאַמאַקעס איבער יידן אין ערשטן וועלט־קריג. אין גאָרטן שפּאַצירן זאָרגלאָז יידישע פּאָרלעך, אַ טייל טאַנצן אָדער זינגען אונטער קלאַנגען פונעם מיליטערישן אָרקעסטער.

מיט אַמאָל אַנטשטייט אַ געפערלעכע בהלה. אַלע לויפן צום אַרויסגאַנג. דער איבערפולטער פּאַרק ווערט שנעל אויסגעליידיקט. איייניקע באַקאַנטע פרעגן מיך לויפנדיק: „וואָס זיצסטו דאָ? ס'איז דאָך אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע!" איך פאַרלאָז שנעל דעם פּאַרק און שטופּ זיך צו צו דער ערשטער מעלדונג וועלכע איז אַרומגערינגלט פון אַ מאַסע מענטשן וואָס לייענען מיט שרעק:

בירגער! דער אייביקער שונא פון פּוילן, דייטשלאַנד, האָט אָן צו דערקלערן קריג, אַריבער די גרענעץ און אַרויף אויף דער פּוילישער טעריטאָריע, ברעכנדיק אַזוי אַרום די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן. דאָס פּוילישע פאָלק נעמט אויף רויִק דעם פּראָוואָקאַטאָרישן אַרויסרוף — דער נצחון פון גרונוואַלד וועט זיך ווידער איבערחזרן. מיר דערקלערן דעריבער אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון דער פּוילישער אַרמיי. די באַפעלקערונג ווערט אויפגעפאָדערט זיך צו פאַרהאַלטן מוסטערהאַפט און זיך אָנגרייטן פּראָדוקטן אויף 2 וואָכן.

אונטערגעשריבן: פּרעזידענט איגנאַצי מאָשציצקי.

אין לובלין איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. צוגעפאָרענע האָבן פאַרכאַפּט אַלע דראָזשקעס אָנצוקומען צו די באַנען און וואָס שנעלער אַהיים קומען. טויזנטער האָבן זיך געזאַמלט ביי די מאָביליזיר־פּונקטן, באַגלייט פון דער נאָענטער משפחה. געוויינען האָבן זיך אויסגעמישט מיטן האַלדזן און קושן. אויך ביי די שפּייז־קראָמען זענען געשטאַנען גרויסע רייען פון מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זיך אָנגרייטן עסנוואַרג.



די נאָוואָ־ריבנע גאַס אין לובלין פאַרן חורבן.
דאָס בילד, פאָטאָגראַפירט פון טים גידאַל אין יאָר 1932, איז דערשינען אין דער ירושלימער טאָג־צייטונג אין ענגליש „דזשערוסאַלעם פּאָסט", אין יאָר 1975, דעם 2טן מאַי.

דערביי זענען געווען קריגערייען און געשלעגן. פאַרנאַכט האָבן מאַגיסטראַט־פּלאַקאַטן גערופן די באַפעלקערונג צו גראָבן אָקאָפּעס.

דאָס אַלץ איז געשען פרייטיק, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939.

צומאָרגנס, שבת, האָבן יוגנטלעכע און נישט־מאָביליזירטע זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסן פון לובלין מיט לאָפּעטעס אין די הענט און גענומען גראָבן אָקאָפּעס אויף די אָנגעצייכנטע ערטער. באַלד האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי, ס'האָבן זיך באַוויזן עראָפּלאַנען. די אָקאָפּעס־גרעבער זענען זיך צעלאָפן, זוכנדיק שוץ אין די נאָענטע הייזער. די אויפזעערס פון ל. אָ. פּ. פּ. האָבן באַרויִקט די מענטשן, אַז עס דראָט נישט קיין שום געפאַר, ווייל די עראָפּלאַנען זענען... אונדזערע. זיי האָבן נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן די רייד, ווי די דייטשע „שטוקאַס" האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט גאַנץ נידעריק און אָנגעהויבן באַשיסן פון מאַשין־געווער די גאַסן וואָס זענען געווען פול מיט מענטשן, בעת אַנדערע עראָפּלאַנען האָבן געוואָרפן באָמבעס. אין געציילטע מינוטן זענען הונדערטער געפאַלן טויטע אָדער פאַרוווּנדעטע.

אין שטאָט האָבן זיך באַוויזן לאַסט־אויטאָס מיט סטודענטן פון קאַטוילישן אוניווערסיטעט. זיי האָבן געוואָרפן לאָזונגען: „בידער מיטן די דייטשן!" „מיר וועלן זיי נישט געבן קיין קנעפּל!"; „זאָל לעבן מאַרשאַל רידז־שמיגלי!". פּאַטריאָטישע לידער האָבן זיך געלאָזט הערן פון די הילכערס. אין די קלויסטערס האָבן גלחים געהאַלטן פּאַטריאָטישע רעדעס און באַשווירן די באַפעלקערונג צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. דער „גלאָס לובעלסקי" און „לובלינער טאָגבלאַט" האָבן באַריכטעט וועגן גרויסע נצחונות וואָס די פּוילישע אַרמיי האַלט אָפּ אויף די פראָנטן; אַז מיר זענען אַריינגעדרינגען קיין מזרח־פּרייסן; אונדזערע פליערס

# אייניקע פראַגמענטן פון אַ טראַגישער תקופה

ראובן ראָסעט / סאַן־פּאַולאָ

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין לובלין, האָב איך געוווינט אין טשעכיוו און געהאַנדלט מיט תבואה. ווי נאָר עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שיקאַנעס קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, בין איך מיט מיין פרוי און 5־יעריקן אַלעקס, אַוועק אין דאָרף פלאַשעוויטש, 10 קלמ. הינטער לובלין, ווו כ׳האָב געהאַט אַ גרויסן תבואה־שפייכלער. דאָס איז געשען דעם 6טן מאַי 1940. שפּעטער האָב איך אַהין גענומען אויך טאַטע־מאַמע, אירע 3 שוועסטערן — באַשע, סימע, גיטל און איר ברודער חיים־בער מיט זיין פרוי און פיר קינדער. מיר האָבן דאָרט געלעבט פריי, ביז דער לעצטער אויסזידלונג דעם 7טן סעפּטעמבער 1942. לויט אַ באַפעל פון די ס.ס., האָבן אַלע יידן פון 7 גמינעס, צוזאַמען מיט די בעלזשיצער יידן, נאָכן באַצאָלן אַ ריזיקע קאָנטריבוציע, זיך פאַרזאַמלט, ביי אַ 30 טויזנט מענער, פרויען און קינדער, אויפן בעלזשיצער שול־פּלאַץ. זיי זענען געוואָרן אַרומגערינגלט דורך באַוואָפנטע ליטווינער און אוקראַינער. די ס.ס. האָבן אָפּגעקליבן די יונגע, שיינע מיידלעך און יונגע מענער און אויף לאַסט־אויטאָס זיי אַוועקגעפירט אין מיידאַנעק. די פאַרבליבענע יידן האָט מען אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס און זיי אַוועקגעפירט אינעם בעלזשעצער פאַרניכטונגס־לאַגער.

איך האָב געהאַט אַ קוזין אין בעלזשיץ, וואָס האָט מיך פאַרשטעקט אין אַ באַהעלטעניש, ווו כ׳בין געלעגן איינגעקאָרטשעט מיט די קני צום פנים. מיין שווער און שוואָגער האָט ער באַהאַלטן אויפן בוידעם. טאָבע איז ביינאַכט צוגעגאַנגען צו אַ ליטווינער און אים געבעטן ער זאָל זי אָפּלאָזן ווייל זי איז מיט אַ קליין קינד. האָט ער געענטפערט: „לויף, איך זע גאָרנישט!" אין דער פינצטערער און קאַלטער נאַכט איז זי אַוועק אין דאָרף פלאַשעוויטש, צום דרוזשניק פּאָוושעדניאַק, וואָס האָט זיי געשאַפן אַן אָרט ביי אַ פּויער אויפן בוידעם. אָבער ווען איך בין געקומען בעטן דעם פּויער ער זאָל מיך אויסבאַהאַלטן, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט. זענען מיר צוזאַמען אַוועק צו אַ צווייטן פּויער, וואָס האָט מיר געזאָגט: „נאָר וואָס געווען דאָ אַ באַקאַנטער ייד, האָב איך אים פאַרטריבן, אָבער דיך נעם איך אַריין".

ער האָט אויפן בוידעם געמאַכט אַ ווענטל און אונדז באַהאַלטן. ער האָט ביי מיר גענומען געלט, אָבער קיין עסן נישט געגעבן. אַלע מאָל מיט אונדז זיך גערייצט: „צו וואָס מאַטערט איר זיך? במילא וועט מען פון אייך מאַכן זייף". טאָבע האָט שטיל געוויינט און געבעטן גאָט אויף אַ גיכן טויט פאַרן פּויער.

ביינאַכט זענען מיר פון אים אַוועק און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ סטערטע שטרוי. דעם זעלבן טאָג האָט דער פּויער זיך אָנגעפרעסן מיט הייס ברויט און איז אין שרעקלעכע יסורים געשטאָרבן. זיינע געשרייען האָבן מיר געהערט אין אונדזער באַהעלטעניש. דערנאָך בין איך אַוועק צום באַקאַנטן פּויער אַנטעק מישטאַל, וואָס האָט מסכים געווען אונדז אויסצובאַהאַלטן. כ׳האָב אַליין אויסגעגראָבן אין סטאָדאָלע אַ גרוב 4×8 מעטער. געמאַכט אַ פּריטשע און זי אויסגעבעט מיט שטרוי, פאַרדעקט פון אויבן מיט ברעטער און היי, און בלויז איבערגעלאָזט אַ שמאָלן צודעק צום אַרויסגיין. צוזאַמען מיט מיין ווייבס משפחה, פערצן מענטשן, זענען מיר דאָרט געלעגן 18—20 שעה אין מעת־לעת און נאָר אין די נעכט אַרויס צו באַזאָרגן זיך מיט עסן און דערליידיקן די באַדערפענישן.

*

די לאַגע פון די אויסבאַהאַלטענע יידן אין די דערפער איז געוואָרן אַלץ שווערער און ערגער. נישט נאָר זיי, נאָר אויך די פּויערן וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן האָט געדראָט דער טויט. אין די אַרומיקע וועלדער האָט זיך געפונען אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג, וואָס האָט געדראָט די פּויערן מיט שיסן, אויב זיי וועלן אויסגעבן יידן דער געסטאַפּאָ. די דייטשן איז געלונגען אַרומצורינגלען אין דער געגנט פון יאַסטקאָוו די פּאַרטיזאַנער און פון די 10 הרגענען 8.

אַ געוויסע נאַכט האָבן 2 באַוואָפנטע מענטשן אָנגעקלאַפּט אין בונקער און געבעטן ברויט און וואַסער. מיר האָבן זיי אַריינגענומען אין דער באַהעלטעניש. דאָס זענען געווען יצחק און מאַרטשינעק, די צוויי לעבנגעבליבענע פּאַרטיזאַנער וואָס זיי איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון דער אַרומרינגלונג. זיי האָבן מיט זיך געבראַכט די ביקסן מיט אַמוניציע. איצט זענען מיר שוין געווען זעכצן פערזאָן.

אַ געוויסן טאָג איז צווישן אונדז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. נישט האָבנדיק קיין שום מעדיקאַמענטן, האָט געדראָט דער טויט. די פּויערטע האָט דאַן געבראַכט פאַרשידענע באַבסקע רפואות, ווי געטרוקנטע ציבעלעס (צום עסן) און בימבער־סאַמאָגאָן — (צום טרינקען). אַזוי אַרום האָבן מיר באַקעמפט דעם טיפוס און געבליבן לעבן.

בדרך־כלל איז דאָס דאָרף געווען פריינדלעך צו יידן, ס׳האָבן זיך אָבער אויך געפונען אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן נאָכן ליקווידירן די פּאַרטיזאַנער, אויפגעהויבן די קעפּ און אָנגעהויבן מסרן אין דער געסטאַפּאָ אויף די פּויערן, וואָס באַהאַלטן אויס יידן. זיי האָבן זיי דערקענט לויט דער צאָל ברויט וואָס זיי האָבן געבאַקן און לויט די טעפּ געקעכטס וואָס זיי האָבן געקאָכט. אונדזער לאַגע איז געוואָרן געפערלעך, באַזונדערס נאָך דעם, ווי די געסטאַפּאָ האָט אונטערגעצונדן אַ כאַטע פון אַ פּויער, ווו ס׳זענען געווען באַהאַלטן יידן און אים פאַרברענט לעבעדיקערהייט, צוזאַמען מיט דער משפחה. אונדזער פּויערס זון האָט זיך דערנאָך אָנגעשיכורט און געדראָט אַלע צו דערהרגענען, אָבער מישטאַל האָט זיך פאַר אונדז איינגעשטעלט און געדראָט דעם זון, אַז פריער וועט ער אים דערשיסן.

אין אייניקע טעג אַרום, איז געקומען צו לויפן די פּויערטע און מיט שרעק דערציילט, אַז אַ גרופּע פּויערן מיט העק שלאָגן דעם זון, ער זאָל אויסזאָגן ווו מען באַהאַלט אויס יידן. יצחק מיט מאַרטשינעקן האָבן גענומען זייערע ביקסן, אַרויס פון דער סטאָדאָלע און גענומען שיסן אויף די פּויערן, וואָס זענען זיך צעלאָפן. דערנאָך זענען מיר אַלע אַריין אין שטאַל, איינגעשפּאַנט 2 פערד און אַנטלאָפן. איך מיט טובהן און אַלעקסן זענען אַוועק צום דרוזשניק פּאָוושעדניאַק, וואָס האָט מיר געהאָלפן אויסגראָבן אַ גרוב אין סטאָדאָלע, וועלכע מיר האָבן אונטערגעשפּאַרט מיט שפּאַלן, וואָס דער וואָיט האָט צוגעשטעלט. „דאָ וועט איר שוין זיצן ביז דער באַפרייאונג" — האָט ער געזאָגט.

*

נאָך דער באַפרייונג האָט טאָבע געוויגן 36 קילאָ.

מיין שוועגערין באַשע, וואָס האָט נאָך דער באַפרייונג געהאַט אַ רעסטאָראַן אויף לובאַרטאָווסקע 10, איז דורך די רוסן באַפרייט געוואָרן פון יאַסטקאָווער לאַגער אין יולי 1944. עס זענען אומגעקומען די עלטערן און מיינע אַ שוועסטער פון 8 יאָר.

אין מערץ 1945 בין איך אַוועק קיין לאָדזש. אין אויגוסט 1946 — קיין בערלין. דאָרטן, אין אונר"אַ־לאַגער, איז אין 1947 געבוירן געוואָרן מיין צווייטער זון, אפרים. אין 1951 זענען מיר אַוועק קיין פראַנקרייך און פון דאָרטן — קיין בראַזיל.

באַמבאַרדירן בערלין; מיר האָבן צוריק געשטויסן דעם שונא איבער דער גרענעץ.

וואָס אַ טאָג ווערט די לאַגע אין שטאָט ערגער, ס׳פעלן אויס פראָדוקטן, עס שאַפן זיך לאַנגע רייען ביי די בעקערייען, שפייז־געוועלבער און אַפּטייקן. דער מאַגיסטראַט לאָזט אַרויס אויפרופן נישט צו שפּעקולירן, נישט אויפשרויפן די פרייזן — די שפּעקולאַנטן וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן.

דורך לובלין הייבן אָן דורכגיין רעשטלעך פון דער צעקלאַפּטער פוילישער אַרמיי, ווי אויך איינצלנע זעלנער — אָן געווער, אָפּגעריסן, באָרוועסע, פאַרוווּנדעטע, וואָס בעטן עסן און ציווילע קליידונג. ערשט איצט האָבן מיר באַנומען דעם פאַרנעם פון דער מפּלה. פּוילן איז געבליבן אָן אַן אַרמיי און אָן אַ רעגירונג. ס׳האָבן זיך אויך באַוויזן אויטאָבוסן, פּריוואַטע אויטאָס, ווי אויך וועגענער געשפּאַנטע אין פערד, פול געפּאַקטע מיט פּליטים פון קאַטאָוויץ, בענדין, סאָסנאָוויץ און אַנדערע שטעט פון מערב־פּוילן. אויך די פוילישע רעגירונג האָט זיך פאַרהאַלטן אין לובלין. די באַפעלקערונג וואָס האָט געציילט פאַר דער מלחמה 120 טויזנט איינוווינער, האָט זיך איצט פאַרדרייפאַכט.

מיט אַמאָל האָבן זיך באַוויזן אויפרופן, אַז אַלע מענער וואָס קענען טראָגן געווער, זאָלן זיך פרייוויליק אַוועקלאָזן קיין סאָקאָל, אויפן וועג קיין גאַליציע און זיך אַנשליסן אין דער רעאָרגאַניזירטער פוילישער אַרמיי.

אין דער פינצטער, צוליב דער פאַרטונקלונג, האָבן זיך איבער די גאַסן און וועגן אַ לאָז געטאָן צופוס טויזנטער מענטשן מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, קיין מזרח. די באָמבאַרדירונגען אויף לובלין האָבן זיך פאַרשטאַרקט. די איינוווינער זענען שוין געווען מיד פון לויפן אין די קעלערן און אין די שוץ־גרובנס, אויף די פעלדער און דער עיקר — אויפן בית־עולם, ווו מ׳האָט געהאָפט ניצול ווערן פונעם טויט אין זכות פון די טויטע. וואָס אַמאָל האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען: „זאָלן זיי שוין אַריינקומען! זאָל זיך שוין אַמאָל ענדיקן!״

(המשך קומט)



אַ בילד פונעם יידישן בית־עלמין אין לובלין, ערב דעם חורבן — ביי דער מצבה פון רבקה שבתזאָהן ע״ה. עס שטייען (פון רעכטס): גיטל ז״ל, שרה ז״ל, דוב ז״ל, רוזשקע צווייקאפּט (איצט אין מאָנטרעאָל), טאָבעלע ז״ל און פייגעלע ז״ל (זיצט).

**צבי זילבערמאַן** / רמת־גן

# די מאַמעס אַ טרער

## (צו כל נדרי)

עס שטייט נאָך די זון גאַנץ הויך אויפן הימל,
ווען אויף שטעטלדיקע גאַסן ווערט רויִק און שטיל.
ערגעץ־ווו פאַרשווינדט דער רעש און טומל —
יידישע הערצער מיט אימה שוין פול.

אַ פאַרזיכטעק געפיל שוועבט אין דער לופט,
דער קלאַנג פון פאַרמאַכן לאָדנס טראָגט זיך פון ווייט.
„אָנטאָן זיך יום־טובדיִק״ — די מאַמע זי רופט;
„אין שיל צו מנחה״ — זאָגט דער טאַטע — „שוין צייט!״.

מיר גייען ביידע אין שיל, דער טאַטע און איך.
ער, פאַרזינקען אין זיינע געדאַנקען.
יום־כיפּור געוואָלט נאָר זיין תמיד מיט זיך,
פאַר גאָט אויסגיסן זיינע בקשות, פאַרלאַנגען.

„זע זיי אַ ייד״ — פלעגט ער זאָגן צו מיר.
„גענוג געשפּילט זיך, די העכסטע שוין צייט.
ווייס גאָט וואָס צו בעטן, געדענק וואָס איך זאָג דיר
אין אַזאַ ערנסטן טאָג — געדענק, ווער שוין אַ לייט!...״

איך אַ נאַר, געהאַט דאַן נאָר איין פאַרלאַנג, נישט מער:
ס׳זאָל גיכער אַוועק דער כל נדרי פאַרנאַכט.
ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל כ׳האָב ניט פאַרטראָגן די מאַמעס אַ טרער
ווען זי האָט מיך געבענטשט, געוויינט, געקושט און —
געבליבן פאַרשמאַכט.

אין אַזאַ מאָמענט, ווען איך פלעג זיך נאָר דערמאָנען,
האָט אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ, אַרומגעכאַפּט מיט שרעק.
אָך, ווי כ׳האָב ניט ליב געהאַט זען וויינען די מאַמען —
אָבער דאָס אַלץ איז דאָך שוין אַוועק...

ס׳פלעגט אויך דער טאַטע מיך בענטשן מיט געפיל,
דער טאַטע — ער האָט מיך ליב געהאַט זייער:
„זע זיי אַ ייד, דאָס איז דער עיקר״ — פלעגט ער שעפּטשען שטיל,
דערביי איז געפאַלן אַ טרער — אַ טרער און נישט מער.

היינט וויינט שוין ניט די מאַמע, אויך דער טאַטע איז שטיל.
געבליבן בין איך אַליין מיט מיין צער.
מיט טיפן טרויער און ווייטיק דאָס האַרץ איז פול,
די מאַמעס אַ טרער — — — כ׳וואָלט איצט מיין לעבן
געגעבן דערפאַר.

פאַרשווונדן דאָס גליק, דאָס אַש צעשפּרייט אויפן ווינט,
אין אַלע ווינקלען פון דער נשמה אַזוי פּוסט און לער.
אין האַרצן וועט אייביק בלוטיקן די וווּנד —
און שטילן וואָלט זי נאָר געקענט — די מאַמעס אַ טרער...

לובלין, 1946.

ערב אזכרה לקדושי לובלין
יתקיים בסוף חודש נובמבר בתל־אביב.
פרטים — בעמוד האחרון.

# אויפן אלטן לובלינער הייליקן ארט / ש. י. סטופניצקי

„לובלינער טאָגבלאַט", 18.7.1918. פון ייוואָ־אַרכיוו, ניו־יאָרק.

מיין ערשטער וויזיט ווען כ'בין געקומען קיין לובלין, איז געווען — דער אַלטער הייליקער אָרט. אָפּגערוקט פון שטאָט, ביי אַ שטילן וועג, באַהאַלטן צווישן הויכע בערג, באַשיצט פונעם שאָטן פון געדיכטע ביימער, ליגן די אַלטע באַוואַקסענע מצבות און דערציילן אונדז ווונדערבאַרע מעשות אָן אַ שיעור.

כ'האָב ליב צו הערן די מעשות פון דער גרויסער הייליקער פאַרגאַנגענהייט, הגם ניט שטענדיק זענען זיי היימלעכע. אדרבה, ס'רוב מעשות זענען דווקא אומעטיקע, טרויעריקע, וואָס נאָגן אַזוי דאָס האַרץ און רופן אַרויס טרערן.

וויינען איז געזונט, האָט אַמאָל געזאָגט אַ קלוגער מענטש, ווייניקסטנס האָט ער דאָס געמעגט זאָגן... ס'איז אפשר געזונטער ווי לאַכן, איבערהויפּט איז עס געזונט פאַר אַ געוויסן מין האַרץ־מענטשן. אַז מ'גייט אַרויף אויפן לובלינער אַלטן בית־הקברות און מ'האָט אַן אָפּענעם אויער צו הערן וואָס יעדער שטיין, יעדער בוים דערציילט, ווערט זיך אַזוי האַרציק און ס'ווערט דערנאָך אַזוי לייכט אויפן האַרצן, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט אַראָפּגעפאַלן.

— וואָס האָט מען צו וויינען ? — וועט פרעגן דער טרוקענער קאָפּ־מענטש, דער וואָס האַלט תמיד אין האַנט דעם בלייפעדער און חשבונט, רעכנט, איז מצרף אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע. אין אמתן, וואָס האָט מען צו וויינען, ווען מען זעט אַ מצבה וואָס איז אַלט בסך־הכל 377 יאָר ? פון דעסטוועגן ווייַנט זיך דאַביי אַזוי גוט, ווי עס ווייַנט זיך ווען מ'זעט אַן אַלטן טאַטן, פון וועלכן מ'איז אַ לעבן לאַנג געווען דערווייטערט, אָפּגעריסן.

— נאַריש קינד, וואָס ווייַנסטו ? — פרעגט דער אַלטער טאַטע — און פון זיינע אַלטע ליבע אויגן גיסן זיך טרערן.

עס ווייַנט זיך, ווען מ'זעט אַן אַלטע מצבה פון יאָר ש"א, אויף וועלכער ס'איז אויסגעקריצט: „דאָ האָט געפונען זיין רו ר' יעקב הלוי, באַהאַוונט אין דער חכמה פון אַלע ספרים ובפרט בששה סדרים". און ווער האָט נאָך פאַרשפּרייט תורה ווי ער.

עס ווייַנט זיך ווען מ'פאַרגלייכט דאָרט מיט אונדזער צייט, מיט די מאָדערנע מצבות. קיין חכמה פון אַלע ספרים, צוזאַמען מיט ששה סדרים, זעט מען היינט נישט.

דעסגלייכן בלייבט מען נישט גלייכגילטיק, ווען מען לייענט אַ מצבה פון ר' שלום שכנא, שנת שי"ט — העכער 350 יאָר. און די צווייטע זייט פון דער מצבה דערציילט, אַז: „אמרו, בקבר זה מקור חכמה נקבר ועולם בא בעורון", ד.ה. דער עולם זאָגט: אין דעם קבר ליגט אַ קוואַל פון חכמה און איצט איז די וועלט געשלאָגן מיט בלינדקייט.

און נישט בלויז ווייַנען ווילט זיך אויפן אַלטן הייליקן אָרט. ס'ווילט זיך אויך פאַרטיפן אין געדאַנקען. נישט ווילנדיק קומען געדאַנקען אין קאָפּ. עס טראַכט זיך וועגן גרויסן רעטעניש פון לעבן און טויט; וועגן דעם נאָך גרעסערן רעטעניש פון אייביקן יידישן פאָלק און זיין גורל אין דער וועלט; ווי אַזוי אַלע געזעצן פון געשיכטע און אַנטוויקלונג זענען עפּעס פאַר אים ווי נישט גילטיק.

אָט ליגן די אַלטע מצבות צעוואָרפן צווישן די בערג, פאַרשטעקט אין די שפּאַלטן און היילן, ווי ווען די וואָס האָבן אונטער זיי געפונען די אייביקע רו, וואָלטן פראַווען התבודדות. יעדער לעבט פאַר זיין דור, פאַר זיין צייט, ער איז אָפּגעטיילט פון שפּעטערן דור מיט אַ הויכן באַרג — און נאָר אַן אונטערערדישער גאַנג פאַראייניקט זיי און ברענגט זיי צוזאַמען אויפן עולם האמת און אַ הויכע מויער שיצט זיי אַלע צוזאַמען פון דרויסן... און דער וועג איז עפּעס אַן אומגעקערטער, נישט ווי דער סדר העולם. דאָרט אויבן, אויפן הר־ההר כביכול, ליגן די גאַנץ אַלטע קברים וואָס זענען אין יאָרן אַזוי ווייט פון אונדז, אָבער אין גייסט זענען זיי אונדז דאָך גאַנץ נאָענט. אַ מדרגה נידעריקער, נענטער צו אונדזערע דורות, ווערן קיין ספרים שוין נישט דערמאָנט. דער באַשיידענער טיטל אויף דער מצבה לויטעט: „איש קדוש סיני ועוקר הרים, הרביץ תורה בישראל".

אָט איז די מצבה פון מהרש"ל. דאָ רוט דער וואָס האָט באַרימט געמאַכט אין דער וועלט און זאָגאָר געשטעלט אַ דענקמאָל אין דער יידישער געשיכטע, וואָס וועט איבערדויערן די דענקמעלער פון בראָנדז און אייזן.

און אָט איז אַ מצבה פון ר' שלמה, באַרימט מיטן נאָמען יש"ר מקנדיא, וואָס איז געקומען פון דער ווייטער גריכישער פּראָווינץ, האָט געוואַנדערט איבער גאַנץ אייראָפּע, באַזוכט ביי רבנים און קראים און פאַרפאַסט פיל ביכער פון וויסנשאַפט און קבלה, וואָס זייער ווערט איז נישט פאַרלוירן ביז היינט.

דאָרט, אין אַ זייט, ליגט גאָר אַ מצבה פון דר' מונסאַלטאָ, אַ זון פון אַ דאָקטער. אויך זיין זיידע איז געווען לייב־דאָקטער און יועץ ביים מלך צרפת לודוויג דעם 16טן. אַזוי דערציילט מיט אַ געוויסן שטאָלץ דער אויפשריפט אויף דער מצבה.

דער אַלטער הייליקער אָרט אין לובלין מאַכט דעם איינדרוק פון אַ קיבוץ גלויות בזעיר אַנפין, עס זעט עפּעס אויס, ווי די באַרימטסטע און בעסטע זין וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט פאַרמאָגט אין דייטשלאַנד, איטאַליע, פּאָדאָליע, אוקראַינע, פּוילן, ליטע, בעהעמען און האָלאַנד — האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט אויף די ברעגן פון דער ביסטשיצע צו געפינען אַ מקום מנוחה. און אַז מ'גייט פאַרביי ביינאַכט פאַרן הייליקן אָרט און מ'הערט ווי די ביימער שושקען זיך און דער ווינט ברומט אין די בערג, דאַכט זיך, אַז דאָס רוישן די נשמות אונטער די מצבות און זאָגן עפּעס... ליידער, מיר פאַרשטייען נישט מער זייער שפּראַך...

אלע מיטגלידער פון לובלינער ברענטש פון אַרבעטער־רינג, אלע לובלינער לאַנדסלייט דאַרפן אבאָנירן די „לובלינער שטימע", וועלכע ברענגט יעדע וואָך אינפאָרמאַציעס און באַלויכטונגען פון יודישן און אַלגעמיינעם אַרבעטער־לעבן אין לובלין, פירט דעם קאַמף פאַר די אינטערעסן און אידעאַלן פון אַרבעטער־קלאַס, דערציילט דעם אמת וועגן לעבן אין לובלין און רייסט אַרונטער די מאַסקעס פון די היפּאָקריטן און פאָלקס־פיינט.

עס איז אינטערעסאַנט צו לעזן יעדע וואָך די „לובלינער שטימע"

דערשיינט וועכענטליך

אבאָנאַמענטס־פּרייז בלויז 1 דאָלאַר פאַר 3 חדשים.

אַדרעס:

Lublin, Zamkowa 2, Hilel Dubinsky dla "Lubliner Sztime".

„לובלינער טאָגבלאַט", איינציגע יודישע אומפּאַרטייאישע טאָג־צייטונג. — עקזיסטירט 18 יאָר

אַדרעס:

Lublin Krolewska 13, "Lubliner Tugblat"

## גרוסען פון דער היים!

ווילט איר וויסן, וואס עס הערט זיך אין לובלין, וואס ווערט דאָרט געשאַפן און געבויט, די פרייד און די לייד פון אייערע ליבסטע און נאָהנסטע?

ווילט איר האָבן די נאָהנטסטע, אָביעקטיווסטע ידיעות פון יודישן לעבן אין לובלין?

אבאָנירט די איינציגע יודישע טאָג־צייטונג אין לובלין

## „לובלינער טאָגבלאַט"

אומפּאַרטייאיש, אינטערעסאַנט, שפּאַנענד, געווידמעט אויסשליסליך דאָס אלגעמיינע יודישע לעבן אין לובלין

אונטער דער רעדאַקציע פון י. ניסענבוים.

בלויז פאַר 1 דאָלאַר א חודש באַקומט איר יעדן טאָג א „לובלינער טאגבלאַט" מיט האַרציקע בריף, גרוסן, ידיעות, אינפאָרמאַציעס פון אייער אלטער היים.

אַזוי האָבן די לובלינער אין ניו־יאָרק אַנאָנסירט אין זייער אויסגאַבע, מיט 40 יאָר צוריק, די וואָכנשריפט און טאָג־צייטונג וועלכע זענען דעמאָלט דערשינען אין לובלין.

# די טרויעריקע לאַגע פון יידישן שפּיטאָל

## ד״ר יעקב צינבערג

(„דער לובלינער״, אַרויסגעגעבן פון די פּראָגרעסיוו לובלינער בענעוואָלענט אַססאָסיאיישאָן אין ניו־יאָרק, נומ׳ 3, דעצ. 1935)

פון יאָר 1898 ביז 1933 בין איך געווען דער דירעקטאָר פון יידישן שפּיטאָל אין לובלין. דורך דער צייט האָט דאָס שפּיטאָל, ווי אויך איך פּערזענלעך, דורכגעמאַכט גוטע און שלעכטע דערפאַרונגען.

ביז 1914, ד. ה. ביז דער וועלט־קריג, איז דאָס שפּיטאָל, אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג, געווען אינגאַנצן זעלבשטענדיק און איז געווען באַטראַכט, פון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט, אויף דער זעלבער הויך ווי די קריסטלעכע שפּיטאָלן אין לובלין. איך מוז דאָ אונטערשטרייכן, אַז ביז 1914 האָט דאָס שפּיטאָל זיך נישט געניטיקט אין אויסערלעכע שטיצע און די אַדמיניסטראַציע פון שפּיטאָל האָט געהאַט בלויז איין זאָרג — די ווירטשאַפט.

אין דער צייט פון דער קריג איז די לאַגע פון שפּיטאָל געווען אומדערטרעגלעך, עס איז געבליבן אָן וועלכע שטיצע, קיינער האָט זיך דאַמיט ניט אינטערעסירט.

ערשט אין 1920, אַ דאַנק דער געמיינשאַפטלעכער הילף פון דער יידישער באַפעלקערונג, די געמיינדע פון לובלין און אויך לאַנדסלייט פון אַמעריקע, איז געלונגען צו ברענגען דאָס שפּיטאָל צו אַ דערטרעגלעכן צושטאַנד, און אַזוי גייט די אַרבעט נאָרמאַל ביז 1930.

ווען דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט אויסגעבראָכן, האָט דאָס שפּיטאָל אָנגעהויבן צו ליידן, ווייל די שטיצע פון דער יידישער קהילה אין לובלין, ווי אויך פון די קהילות פון גאַנצן ראַיאָן, האָבן מיט איין מאָל אויפגעהערט. אויך דער מאַגיסטראַט, וועלכער איז לויטן געזעץ פאַרפליכטעט צו שטיצן אָרעמע קראַנקע, האָט, לויט זיינע קריסטלעכע נייגונגען, געשיקט אַלע קראַנקע, אויך יידישע, צו קריסטלעכע שפּיטעלער, אונטער דעם אויסרייד, אַז דאָס יידישע שפּיטאָל האָט ניט די נויטיקע מאָדערנע איינאָרדענונגען.

אויך די פּראָווינצער געמיינדעס האָבן אויפגעהערט צו שיקן די קראַנקע קיין לובלין צוליב דעם, וואָס זיי האָבן ניט



דאָס יידישע שפּיטאָל אין לובלין

געקענט צאָלן פאַר זיי, און אויף אַזאַ אופן איז דער איינקונפט פון שפּיטאָל אַזוי פאַרקלענערט געוואָרן, אַז עס האָט געדראָט די געפאַר אַז דאָס איינציקע יידישע שפּיטאָל אין לובלין און ראַיאָן זאָל פאַרמאַכט ווערן.

פיל האַרצווייטיק און אומאַנגענעמלעכקייט האָב איך איבערגעלעבט אַלס דירעקטאָר. ניט זעענדיק קיין האָפענונג אַליין צו קענען העלפן דער לאַגע, האָב איך אין יאָר 1933 רעזיגנירט. איך בין אָבער געבליבן אָרדינאַטאָר פון איין אָפּטיילונג. דער דירעקטאָר־אַמט איז איבערגעגאַנגען צו מיין קאָלעגע ד״ר מאַנדלבאַום, וועלכער האָט מיט ענטוזיאַזם און פיל ענערגיע זיך געאָפּפערט דעם שפּיטאָל. קיין זאַך איז ניט געווען צו שווער, קיין צייט צו לאַנג — אַלץ האָט ד״ר מאַנדעלבוים געטאָן און טוט כדי אַוועקצושטעלן דאָס שפּיטאָל אויף אַ געזונטן באָדן.

אָבער איין שוואַלב קען קיין זומער נישט מאַכן. ווייל אויב ד״ר מאַנדעלבוים וועט קיין מאַטעריעלע הילף נישט קריגן, צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון שפּיטאָל, און אויך אַז מען זאָל קענען די אָרעמע קראַנקע האַלטן ווי לאַנג זייער קרענק פאָדערט — וועט זיין גאַנצע אומדערמידלעכע אַרבעט לטובת דעם שפּיטאָל זיין אַרויסגעוואָרפן.

פילט מיט, ליבע ברידער — לאַנדסלייט פון אַמעריקע — מיט די אָרעמע קראַנקע פון לובלין אין גאַנצן אומגעגנט, וועלכע זענען געצוווּנגען אָנצוקומען צו די קריסטלעכע שפּיטעלער, וווּ זיי פילן זיך פרעמד און ווערן באַהאַנדלט ווי אומגעבעטענע געסט.

אַפילו די מאָגערע הילף איז אויך שווער צו קריגן — און פיל שטאַרבן אָן מעדיצינישע הילף.

# מוסרים און פּראָוואָקאַטאָרן אין אַמאָליקן לובלין / משה ציגעלמאַן

צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, און דער עיקר, כדי נישט צו טרעפן אין די געפילן פון די לעבן־געבליבענע משפּחות, וועל איך נישט דערמאָנען די נעמען פון די יידן וואָס האָבן, ווער פרייוויליק, ווער נאָך שווערע פייניקונגען, מיטגעאַרבעט מיט דער פוילישער געהיים־פּאָליציי, די א. ג. דעפענסיווע, און דערפירט צו אַרעסטן און אורטיילן אויף אַ סך אידעישע חברים זייערע. כ׳וועל דעריבער אָנגעבן בלויז די נעמען פון די פּראָוואָקאַטאָרן און מוסרים פּאָליאַקן.

בעת דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905, זענען געווען אין לובלין צוויי יידישע מוסרים, וואָס איינער פון זיי איז דערשאָסן געוואָרן דורך דער פּ.פּ.ס.־באָיוווקע, און דער צווייטער איז דערשאָסן געוואָרן, ווען ר׳איז געלעגן אינעם מיליטערישן שפּיטאָל אויף קאָלאָנטאַיאַ, דורכן שפּעטערדיקן דעפּוטאַט פון פּ.פּ.ס., אַרציש עווסקי, מיט דער מיטהילף פון אַרבעטער־טוער פּאַוועל ריטשעק.

אין 1920 איז פאָרגעקומען דער אַרעסט פון לובלינער „רעווקאָם״ (רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט) און טעאָדאָראַ פעדער, די הערצמאַנאָווע און זיגמונטאָווע, לערערקעס אין דער יידישער פאָלקס־שול פון דער מאַנדעלקערן אויף לובאַרטאָווסקע 24, זענען מיט נאָך אַנדערע פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגיאָריקע תפיסה־



קן „השומר הצעיר" אין לובלין, 1927. (דאָס בילד האָט צוגעשטעלט שלמה זינשטיין, ניו־יאָרק)

שטראָפן און שפּעטער געוואָרן אויסגעטוישט דורכן ראַטנפאַרבאַנד פאַרן גלח בוטקעוויטש. ביי די סטאַליניסטישע „רייניקונגען" האָט מען זיי אַרעסטירט. זיי זענען אָפּגעזעסן לאַנגע יאָרן אין די סאָוויעטישע תפיסות און לאַגערן. נאָר טעאָדאָראַ פעדער איז געבליבן לעבן און האָט נאָך דער מלחמה זיך צוריקגעקערט אין באַפרייטן פוילן, ווו זי האָט אַ געוויסע צייט פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון פּ.פּ.ר.

אין 1924 האָט אַ פּראָוואָקאַטאָר מעסטער פאַרשיט אין לובלין אַ גרויסע צאָל קאָמוניסטן. אין 1926 האָט אַ מוסר (אַ זון פון אַ בייגל־הענדלער) „פאַרשיט" עטלעכע צוואַנציק קאָמוניסטן.

אין די יאָרן 1927—29 איז געווען טעטיק אין לובלין אַ געפערלעכער פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט גורם געווען צום אַרעסט און פּראָצעס פון העכער 40 מאַן. ר'האָט כלומרשט געהייסן שמוליק רעדלמאַן, וועלכער איז גאָר געווען אין... פּאַריז. דער שרייבער פון די שורות האָט דעמאַסקירט דעם ריכטיקן פּראָוואָקאַטאָר און די פּאַרטיי האָט פון פּאַריז אַראָפּגעבראַכט דעם אמתן רעדלמאַן. ער איז אויפן פּראָצעס אַרויסגעטרעטן אַלס עדות און אַ דאַנק אים זענען אייניקע באַשולדיקטע באַפרייט געוואָרן.

אין 1937 איז אין לובלין פאָרגעקומען דער באַרימטער פּראָצעס פון די 40, בראש מיטן שול־קוראַטאָרס טאָכטער וואַנדאַ לעוויצקאַ און די טאָכטער פונעם פּרעזעס פון לובלינער האַנדלס־קאַמער, יאַנינאַ ביער. דער פּראָצעס האָט אויפּגערודערט גאַנץ פוילן. אַלס באַשולדיקער איז אַרויסגעטרעטן דער טרויעריק־באַרימטער פּראָקוראָר באָריטשקאָ. צווישן די אַרעסטירטע פּוילישע קאָמוניסטן האָבן זיך געפונען צוויי אויסוואָרפן, אָקאָנאָווסקי און דוראַקעוויטש, וועלכע האָבן עדות געזאָגט קעגן זייערע יידישע חברים און חברטעס, מיט וועמען זיי האָבן פריער מיטגעאַרבעט.

אויסער די אויבן־דערמאָנטע, זענען אין לובלין געווען טעטיק פאָלגנדע פּוילישע פּראָוואָקאַטאָרן: וויקוש און וואָיטשיק פון רעווקאָם, בראַזאָוו און גאַלונסקי פון די לינקע פּ.פּ.ס. בראַזאָוו איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און גאַלונסקי איז דערשאָסן געוואָרן דורך דער פּוילישער אונטערגרונט פאַרן מיטאַרבעטן מיט דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט; אַנטאָני גייסאַ, איינער פון די אַכט זין פון אָנפּיסיקן אינוואַליד־בעטלער — ער לעבט נישט מער. זביטשאָק, אַן אינטעליגענטער בויאַרבעטער, אַן „אויסגעזעסענער" קאָמוניסט (4 יאָר), האָט בעת דער אָקופּאַציע „פאַרשיט" די לובלינער אָרגאַניזאַציע פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" און פון פּ.פּ.ר. ער איז אַנטלאָפן מיט די דייטשן.

דער צווייטער פּראָוואָקאַטאָר, באָגדאַן פּערצינסקי, איז נאָך דער באַפרייונג אַרעסטירט געוואָרן. ר'איז אָבער אויפן פּראָצעס באַפרייט געוואָרן און געאַרבעט אין פּיאָסק. ר'איז אָבער ווידעראַמאָל אַרעסטירט געוואָרן און בעת דער אויספאָרשונג אין דער צענטראַלער תפיסה אין מאָקאָטאָוו, איז ער משוגע געוואָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז די רשימה פון די מוסרים און פּראָוואָקאַטאָרן איז אַ פיל גרעסערע — איך האָב נאָר אָנגעגעבן די מיר באַוווסטע נעמען.

קרן־קיימת טוערס אין לובלין: געזעגענען די עולים קיין ארץ־ישראל, ראָטנבערג און מילשטיין. (צוגעשטעלט פון י. זשיטאָמירסקי אין תל־אביב) ←



# וואָס הערט זיך אין אונדזער אַלטער היים?

(אַ בריוו פון לובלין)

י. ניסנבוים

איבערגעדרוקט פון דעם יובילעאום־זשורנאַל לכבוד דעם 25־יאָריקן יובל (1934—1909) פון „לובלינער יאַנג מענס", ברענטש 392 אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק.

וואָס הערט זיך אין לובלין?

„וואָס הערט זיך?" — די פראַגע קלינגט באַנאַל, בעת אַ באַגעגעניש פון צוויי קאָלעגן, וואָס טרעפן זיך יעדן טאָג אין דער זעלבער שטאָט. די פראַגע איז אָבער אַבסאָלוט אויפריכטיק, ווען זי ווערט געשטעלט פון מענטשן פון איין זייט אָקעאַן צו זייערע נאָענטע און אייגענע, ווייט איבער ימים און לענדער.

און עס ווילט זיך איך, ליבע פריינט, גערן ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע גאַנץ גענוי. אָבער וועגן וואָס פריער אייך שרייבן?

די שטאָט בכלל? — אייער־אונדזער לובלין, איז זיך באַדייטנדיק פונאַנדערגעוואַקסן, זינט יענע יאָרן, ווען איר, ליבע לאַנדסלייט, האָט זי פאַרלאָזט. לובלין ציילט היינט 120 טויזנט איינוווינער, דערונטער בערך 50 טויזנט יידן. צענטליקער נייע גאַסן און געסלעך. די מערהייט אינעם נישט־יידישן קוואַרטאַל. פיל גאַסן האָבן פאַרלאָרן זייערע אַלטע נעמען, וואָס דערמאָנען אין די צאַריש־רוסישע צייטן און באַקומען נייע נעמען, וועלכע אַנטשפּרעכן דעם נייעסטן קאַפּיטל געשיכטע פונעם באַפרייטן און אומאָפּהענגיקן פוילן. אַ גאַס אויפן נאָמען פון זשווירקאָ און וויגוראַ — צוויי פליער, וועלכע זענען אומגעקומען נאָך אַ העלדישן זיג אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן פלי־קאָנקורס. אַ גאַס אויפן נאָמען פון בראָניסלאַוו פּיעראַצקי — דער אינערן־מיניסטער, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אוקראַאיניש־נאַציאָנאַליסטישע טעראָריסטן. אַ גאַס אויפן נאָמען פון קאָשטשושקאָ; אַן אַלייע אויפן נאָמען פון מאַרשאַל פּילסודסקי. פאַראַן אויך אַ גאַס „1־טער מאַי". דער דאָזיקער נאָמען איז געגעבן געוואָרן דורכן ערשטן סאָציאַליסטישן מאַגיסטראַט אין לובלין. עס איז אָבער נאָך נישט פאַראַן קיין גאַס אויפן נאָמען פון אונדזער גרויסן פאָלקס־דיכטער י. ל. פרץ, וועלכער איז געבוירן אין אונדזער וואָיעוווּדזטווע, הגם שוין עטלעכע יאָר, ווי די ראַטמענער פון „בונד" האָבן אין שטאָטראָט אַזאַ פאָרשלאָג אַריינגעטראָגן. — עס זענען צוגעבויט געוואָרן פיל נייע הייזער, אָבער דאָס זענען אַלץ עפנטלעכע מלוכהשע, אָדער קאָמונאַלע געביידעס. וווינונגען־הייזער — גאָר ווינציק. דער פאַר איז אַזוי גרויס דער דירות־מאַנגל און עס ליידט דערפון קודם־כל די אָרעמע און די אַרבעטער־באַפעלקערונג.

עס זענען דורכגעפירט געוואָרן פיל אינוועסטיציעס: אַ ניי שעכט־הויז, וואַסער־לייטונג, קאַנאַליזאַציע, אַן עלעקטראָווניע אדג"ל. דערויף איז געמאַכט געוואָרן אַ הלוואה ביי אַן אַמעריקאַנער פירמע „אולען", וועלכע האָט אויך איר חשבון די אַרבעט דורכגעפירט. די דאָזיקע פירמע האָט געשלאָסן אַ געהיימען אָפּמאַך מיט די לובלינער אַנטיסעמיטן (ענדעקעס) און צווישן די 2 טויזנט אַרבעטער האָט זי קיין איין ייד נישט צוגעלאָזן.

איר ווילט דאָך אַוודאי וויסן, ווי אַזוי עס זעען אויס די ענגע און צעהויקערטע געסלעך פון אייער שטאָט לובלין, ווו איר זענט אויסגעוואַקסן און פונוואַנען איר זענט אַוועק אין דער גרויסער וועלט אַריין?

די געסלעך פון „הינטערן שלאָס" — די קראַוויעצקע, זאַמקאָווע, „יידן־גאַס", טשוואַרטעק, רוסקע אדג"ל — אָט דאָס קעניגרייך פון יידישן דלות, איז נאָך אָרעמער געוואָרן, דערשלאָגענער. די קליינע הייזלעך זענען נאָך מער אויסגעבויגן געוואָרן, די ווענט מער אָפּגעשיילט און אין די הילצערנע „בודקעס" פון קראַוויעצקע גאַס ווינען נאָך אַלץ די זעלבע הענדלערקעס. אַ מאַן, אַ ווייב, אַ זעקס קינדערלעך, אַ וואַרשטאַט — אַלץ אין איין „בודקע" אָדער גאָר אין אַ פּיכט קעלער־שטיבל, ווו קיין ברעקל זון קומט נישט צו.

דערפאַר איז אויף לובאַרטאָווסקי גאַס, אין אַ גרויסן גאָרטן אויפגעבויט געוואָרן אַ ריזיקע געביידע מיט עטלעכע הונדערט צימערן, ליכטיק, גערוים און באַקוועם — דאָס איז די אַזוי־גערופענע „ישיבת חכמי לובלין".

אַ דריי הונדערט בחורים, זינדלעך פון פאַרמעגלעכע חסידים, קומען דאָ אַהער, אין דער אגודהשער פעסטונג אַריין, כדי זיך אויסצולערנען מאָדערנע מעטאָדן, ווי אַזוי צו באַקעמפן דעם פרייען געדאַנק. פון דער דאָזיקער ישיבה דאַרפן עס ווערן צוגעשטעלט אין די שטעטלעך אַריין „אויסגעבילדעטע" רבנימלעך. פאַר אָט דעם דאָזיקן פאַנאַטיזם און קלעריקאַליזם בויט מען לוקסוס־פּאַלאַצן פאַר גראָשנס, וואָס זענען געזאַמלט געוואָרן צווישן די ברייטסטע מאַסן אויך אין אַמעריקע.

אין דער זעלבער צייט קען קיין שום יידישע קולטור־

אינסטיטוציע זיך נישט אַנטוויקלען, ווייל זיי האָבן נישט קיין געהעריקן לאָקאַל. אויך די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען מוזן זיך שטיקן אין ענגע שטיבלעך.

די לובאַרטאָווסקע גאַס איז נאָך ווייטער אַ האַנדלס־גאַס, אָבער נישטאָ שוין יענע סוחרים און יענע מסחרים, וואָס אַמאָל. דער לאַנג־דויערנדיקער ווירטשאַפטס־קריזיס האָט אַלץ אַראָפּגעשווענקט.

עס מערן זיך כסדר די געוועלבלעך מיט סאָדע־וואַסער און בכבודע פּרויען, אַמאָליקע סוחרטעס, שטייען אויף די גאַסן מיט קוישלעך בייגל אויף די הענט.

די צענטראַלע גאַס, די קראָקעווער פאַרשטאָט, זעט אויס פּרעכטיק. עס האָבן זיך פאַרמערט די שיינע געשעפטן מיט ריזיקע שויפענצטער. די מערהייט פירמעס איז שוין אָבער קריסטלעכע. יידן ווערן לאַנגזאַם, אָבער סיסטעמאַטיש אַרויסגעשטויסן פון האַנדל.

ברייט איז זיך אָבער פונאַנדערגעוואַקסן דאָס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע לעבן אויך אויף דער יידישער גאַס.

עס זענען געשאַפן געוואָרן צען יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע בענק; גוט זיך אַנטוויקלט; געוואָרן אַן עקאָנאָמישער שטיץ־פונקט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. גאַנץ שנעל האָבן זיי אָבער אַלע באַנקראָטירט. בלויז דערפאַר, ווייל אין שפּיץ פון די בענק זענען געשטאַנען „שיינע יידן", וועלכע האָבן פּשוט פאַרטאַכלעוועט געזעלשאַפטלעכע געלטער און דערפאַר זענען פיל פון זיי אַוועק אין קרימינאַל און אַנדערע האָבן מיט אייגענע הענט פאַרצויגן אַ שטריק אויפן האַלדז.

און כאַראַקטעריסטיש: געבליבן איז בלויז איין־איינציקער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו — „די באַנק פאַר כאַלופּניקעס און האַנטווערקער", געגרינדעט און אָנגעפירט דורך די סאָציאַליסטישע האַנטווערקער, וועלכע האָבן נאָך מיט 7 יאָר צוריק זיך אָפּגעטיילט פון דעם פאָלקיסטישן האַנטווערקער־פאַריין, וואָס פּרעדיקט כלומרשט „דעמאָקראַטיזם" און דינט פאַקטיש דעם הערשנדיקן פאַשיסטישן רעזשים, און געשאַפן אַ זעלבשטענדיקע סאָציאַליסטישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע, וואָס געפינט זיך אונטער דער השפּעה פון „בונד" און אַרבעט־צוזאַמען מיט די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַריינען. אין שפּיל פון דער דאָזיקער באַנק שטייען די אַלטע טוער, די חברים בעריש קרעמפּעל, נחום לעפלער און אַנד. אַ קליינע באַנק, אָבער גוט און ערלעך געפירט.

שוין פופצן יאָר, ווי עס דויערט אַ פאַרביטערטער קאַמף אין דער לובלינער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אַכט יאָר האָבן דאָרט געהערשט די אַנטיסעמיטישע ענדעקעס. זיי האָבן גערודפט די יידישע מאַסן. די ראַטמענער פון „בונד" זענען געוואָרן אַרעסטירט און דערווייטערט. אויף דער קאַמפּס־פּאָזיציע איז געבליבן די אומגעהויער־איבערגעגעבענע, ענערגישע און זייער פּאָפּולערע פירערין פון „בונד" אין לובלין, די חברטע בעלאַ שפּיראָ. זי איז אַרויס אין קאַמף קעגן די ענדעקעס,

און אין רעזולטאַט האָבן די יידישע און פּוילישע סאָציאַליסטן ביי די וואַלן אין יאָר 1927 אָפּגעהאַלטן אַ ריזיקן נצחון, פאַרטריבן די רעאַקציאָנערע אַנטיסעמיטן און צום ערשטן מאָל האָט לובלין באַקומען אַ רויטן, אַ סאָציאַליסטישן מאַגיסטראַט. נאָך פערצן חדשים, האָט די רעגירונג פונאַנדערגעלאָזט דעם שטאָטראַט און אַוועקגעזעצט אַ קאָמיסאַר.

פופציק פּראָצענט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג האָט דעמאָלט געשטימט פאַרן "בונד" און ביז היינט צו טאָג איז די דאָזיקע סאָציאַליסטישע השפּעה נישט געמינערט געוואָרן אין שטאָט. און הגם די אַרבעטלאָזיקייט איז גרויס, האָט זיך דאָך די אַרבעטער־באַוועגונג ברייט און מעכטיק פונאַנדערגעוואָקסן.

אין לובלין איז די אַרבעטערשאַפט אייגהייטלעך און פעסט. פרעמד איז אונדז די שפּאַלטונגס־קראַנקהייט. פאַראַן חוץ דעם אויך אַנדערע פּאַרטייען: פּועלי־ציון לינקע, פּועלי־ציון רעכטע, קאָמוניסטן — זייער איינפלוס איז אָבער זייער אַ קליינער. זיי האָבן אין לעצטן יאָר נישט באַוויזן שוין דורכצופירן אַפילו קיין איין ראַטמאַן.

די קהילה איז אַן אַבסאָלוטע פעסטונג פון די יידישע רעאַקציאָנערע פּאַרטייען. די בודזשעטן ווערן דעריבער פאַרווענדעט אויף מקוה, תלמוד־תורה אדג"ל. דער „בונד" האָט פאַרלאָזט די קהילה און די יידישע אַרבעטער באָיקאָטירן זי.

די שענסטע קולטור־שאַפונג פון די יידישע אַרבעטער אין לובלין זענען די יידישע פאָלקס־שולן. דאָ ווערט געשמידט די נייע, די וועלטלעכע יידישע קולטור. דאָ ווערט דערצויגן דער באַוווסטזיניקער און קאַמפּספּולער יונגער יידישער אַרבעטער־דור. דערפאַר טאַקע זענען די דאָזיקע שולן, ווי אַ דאָרן אין אויג דער יידישער און פּוילישער רעאַקציע, מיט וועלכער די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן פירן אַ העראָישן געראַנגל פאַרן קיום פון די דאָזיקע שולן.

ברייט־פאַרצווייגט איז די טעטיקייט, וואָס עס האָט אַנטוויקלט דער יידישער אַרבעטער־קלאַס אין לובלין. צווישן די פאַרשידענע קאַמפּס־פּלאַצוווקעס פאַרנעמט אַ באַזונדערן אָרט דער וועכנטלעכער אָרגאַן „לובלינער שטימע", וואָס דערשיינט שוין 6 יאָר אָן איבעררייס יעדע וואָך, ווו דער וווּקס און די טעטיקייט פון דער סאָציאַליסטישער, פון דער בונדישער באַוועגונג אין לובלין באַקומט אַ געהעריקע אָפּשפּיגלונג און ווו עס ווערט אויך אַרונטערגעריסן די מאַסקע פון דער יידישער, ווי פון דער פּוילישער רעאַקציע.

אין שטאָט וואַקסט זיך פונאַנדער דער אַנטיסעמיטיזם,



דער קרן־קיימת קאָמיטעט אין לובלין, בעתן באַזוך פון דיכטער נ. ביסטריצקי פון ארץ־ישראל. (צוגעשטעלט פון י. זשיטאָמירסקי, תל־אביב)

וועלכער ציט זיינע וואָרצלען פון היטלער־דייטשלאַנד, און דערפאַר דאַרף טאַקע אונטערגעשטראָכן ווערן אויך דער פרייד־יקער פאַקט, וואָס צווישן דער יידישער און פוילישער אַרבעטערשאַפט פון אַלע שאַטירונגען הערשט אַ מוסטערהאַפטע איינהייטלעכקייט, פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט און קאַמפּס־געמיינזאַמקייט אויף אַלע געביטן.

— פונוואַנען יידן האָבן פרנסה ?

— איר ווייסט עס נישט ? — גלויבט, אַז מיר אַליין ווייסן עס אויך נישט... מ׳לעבט. אַ ברירה האָט מען ?...

**פון דער רעדאַקציע :**

מיר האָבן איבערגעדרוקט דאָס אַרטיקל פון קדוש יעקב ניסענבוים ווי אַ ד אָ ק ו מ ע נ ט פונעם יידישן לעבן אין לובלין מיט 40 יאָר צוריק. אונדז וווּנדערט שטאַרק וואָס דער מחבר, רעדאַקטאָר פון „לובלינער טאָגבלאַט", האָט נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט די טעטיקייט פון די צ י ו נ י ס ט י ש ע אָרגאַניזאַציעס אין לובלין, זייער פאַרנעם און השפּעה.



אַ גרופּע לובלינער אין מיידאַנעק, שוין נאָך דער באַפרייונג, אין יאָר 1948. עס שטייען פון רעכטס : ווּעסטלער, בראָם, גיוּוערץ, חנה וואַסאָנג (ווייץ), קאָרנבערג, וועסטלער.



לובלינער יידן באַטייליקן זיך אין בנין הארץ, ווי בוי־אַרבעטער אין תל־אביב, מיט 40 יאָר צוריק.

שטייט פון רעכטס : שמואל מאַנדלסבערג. פון לינקס : יוסף ראחמאַן (היינט — דיפּלאָמירטער „רב־קבלן" פאַר זיינע פאַרדינסטן אַלס בוי־אונטערנעמער אין מדינת ישראל). זיצט אונטן, אינמיטן : צדוק גאָלדשטיין ז"ל.

דאָס בילד איז דערשינען אין „הארץ" דעם 17.2.1967.

# א בריוו פון לובלין - פעברואר 1975

לובלין, דעם 3.2.75

חשובער פריינד ר׳ דוד !

אַוודאי האָט די יום-כיפּור-מלחמה גורם געווען בלבול מוחות און במילא אויך צערודערונג אין פעסטגעשטעלטע כללים אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. איז אַלזאָ קיין חידוש, אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַן איבערייס אין אונדזער חליפת מכתבים. לאָמיר האָפן, אַז להבא וועט דאָס לעבן ביי אייך זיך נאָרמאַליזירן אויף פעסטע שלום-יסודות און איר וועט רויִק קענען פון צייט צו צייט אָנשרייבן עטלעכע שורות.

פון אייער איצטיקן בריוו דערוויס איך זיך, אַז די לובלינער גיבן אַרויס אַ „לובלינער שטימע". פאַרוואָס האָט לובלין ביז איצט נישט געהאַט די זכיה צו זען דעם זשורנאַל ? איז בכן אַ יושר, אַז איר זאָלט פּרוּוון אַריינשיקן איין עקזעמפּלאַר (מעג זיין פון פאַריקן יאָר). איך קען נישט דעם כאַראַקטער פון דער צייטשריפט, במילא ווייס איך נישט וואָס צו שרייבן פון היינטיקן יידישן ישוב אין לובלין, מיט די עטלעכע צענדליק יידישע נפשות. ס׳זענען דאָך „אָראָפּגעפאַלענע בלעטער".

וואָס שייך בילדער, האָב איך בשעתו געשיקט אַ ביסל פאָטאָגראַפיעס פון היינטיקן לובלין, נאָר, ווי איר האָט מיר געשריבן, מען האָט זיי ביי אייך צוגענומען, אָדער אויף אייגענער האַנט „אויסגעבאָרגט". האָט איר זיי צוריק באַקומען ? אויב נישט, צי זאָל איך שיקן דובליקאַטן ? קוואַליפיצירן זיי זיך צו פאַרעפנטלעכן אין אייער יאָר-אויסגאַבע ? איך האָב אָנגעשריבן אַן אזכרה (קינה) וועגן אַמאָליקן יידישן לובלין. שוין באַלד 20 יאָר, ווערט זי יאָר-יערלעך געלייענט ביים מאַסן-קבר אויפן יידישן בית-החיים בעת די יאָרצייט-פייערונגען. יודעי חן האָבן זיך אויסגעדריקט פּאָזיטיוו וועגן אינהאַלט און פאָרם פון דער אזכרה.

איך האָב אונטערגעשטראָכן בכיוון די ווערטער „עטלעכע צענדליק יידישע נפשות", און דאָס צוליב דעם, וואָס אַ ייד האָט זיך דערלויבט צו דערציילן אין „קול ישראל", אַז אין לובלין זענען געבליבן 3 (דריי) יידישע משפחות. מיר איז באַוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן איבער זיבעציק בני אברהם, יצחק ויעקב, אויסער אַ פיר צענדליק קינדער פון געמישטע חתונות.

איז אייך באַקאַנט אַ בית הדפוס ווּ מען דרוקט לוחות (קאַלענדאַרן), אָדער איר קענט צופעליק אַזעלכן וואָס שטעלט זיי צוזאַמען ? איך האָב זיך מתחייב געווען לגבי דעם ועד הקהילות אין וואַרשע צוהעלפן צוזאַמענשטעלן דעם לוח אויף יאָר תשל"ו. מעגלעך, אַז עס וועט מיר נייטיק זיין צוגאָבלעכע פּרטים וועגן פאַרשידענע דאַטעס. בעט איך טאַקע אַ באַלדיקע תשובה, צי איר האָט אַ מעגלעכקייט צו שיקן מיר אַ לוח פאַרן יאָר תשל"ו. כ׳דאַנק אייך פאָרויס !

אייער שלום גאָרן

**באַמערקונג פון רעדאַקציע :**

מיר האָבן דערפילט ביידע בקשות פון פריינד שלום גארן און אים אַרויסגעשיקט פון ישראל אַ טאַשן־קאַלענדאַר אויפן יאָר תשל"ו און אויך צוויי קאָפּיעס פון „קול לובלין". דאָס ערשטע האָט ער דערהאַלטן, דאָס צווייטע (די צייטונגען) — נישט.

## אָנדענק־ליד פאַר לובלין

לובלין, עס בענקט זיך נאָך דיר לובלין, / עס בענקט זיך נאָך יענע צייטן, / ווען טאַטע־מאַמע זיצן צו־זאַמען / ביים טיש דעם געגרייטן.

שבת, יום־טוב, אַפילו אין דער וואָכן, / בענקט זיך נאָך דעם גע־שמאַק פון מיין מאַמעס קאָכן, / אַפילו נאָך דעם חדר, / ווו כ'האָב געלערנט כסדר.

די קינדער־יאָרן וואַכן נאָך גוט אין זכרון / גוטע, אָדער שלעכטע. / איך האָב נישט געהאַט אַזאַ גוטן לעבן / אָבער געלעבט מיט האָפענונג און שטרעבן.

די יוגנט — די בעסטע צייט, / איז אַוועק מיט צרות און לייד. / אָבער לובלין, ווו כ'בין געבוירן און דער־צויגן, / בענקט זיך נאָך איר / כאָטש עס זענען פיל יאָרן פאַרפלויגן.

עס נעמט מיך אַדורך אַ גרויל און אַ ציטער, / ווען כ'דערמאָן זיך דעם שרעקלעכן אומקום / פון מיין פאָטער און מוטער.

דאָס ליד, צי ס'איז שלעכט אָדער גוט, / איז נישט געשריבן מיט טינט, / נאָר מיט טרערן און בלוט...

**אברהם וואַלדהאָלץ**



אַ גרופּע „יונגבאָריסטן" (קינדער־אָרגאַניזאַציע פון לינקע פּועלי־ציון) אין לובלין, אין יאָר 1934. (צוגעשיקט פון קאָפּל מיזשעריצקי, בוענאָס־איירעס).



נאָך אַ פוטבאָל־מעטש צווישן „הכוח" לובלין און „מכבי" קראָקע, אין יאָר 1927, פאָרגעקומען אין לובלין. (דאָס בילד האָט צוגעשיקט פריינד שלאָס פון מאָנטרעאָל).


# אין ראָד פון צאָרן

**מיינע איבערלעבונגען אין דער 2־טער וועלט־מלחמה**

פון **שלמה שטאָקפיש** איז נאָר וואָס דערשינען אין פאַרלאַג „ישראל־בוך".

אין בוך ווערט געשילדערט דער דערנער־וועג פון אַ לובלינער ייד — פון אַפּריל 1939 ביז מאַי 1945. נע־ונד, פאַרשיקונג, קאַטאָרגע־אַרבעט און מלחמה־איבערלעבונגען פון אַ סאָלדאַט אין דער רויטער אַרמיי.

**פרייז פון בוך**
**(240 ז"ז) — 25 ל"י.**
**אין אויסלאַנד — 5 דאָלאַר.**

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן דירעקט צום מחבר:
שלמה שטאָקפיש, קרית אליעזר, שדרות רוטשילד 32 א, חיפה.
אָדער טעלעפאָניש: 527594 (04). • ISRAEL

מעגלעך, אַז דאָס בוך וועט מען קענען קויפן ביים אַריינגאַנג צו דער יערלעכער אזכרה, פאַר אַ ספּעציעלן הנחה־פּרייז.

# אין שליחות פון לובלינער אין ישראל צו לובלינער אין דער וועלט

## דוד שטאַקפּיש

דריי חדשים האָט געדויערט מיין שליחות, אין נאָמען פון די לובלינער אין ישראל, צו די לובלינער אין זיבן לענדער. פאַר דער צייט האָבן מיין פרוי רבקהלע און איך באַזוכט מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס, בוענאָס־איירעס, סאַן־פּאַולאָ, ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, לאָנדאָן, בריסל און פּאַריז און אין די אַלע ערטער געטראָפן זיך מיט הונדערטער לאַנדסלייט אויף עפנטלעכע צוזאַמענקונפטן, פּריוואַטע אויפנאַמעס און אינטימע שמועסן. טיף אין זכרון און אויף לאַנגע יאָרן וועלן בלייבן איינגעקריצט די ווירנדיקע באַגעגענישן, באַגלייט מיט אויפריכטיקער פריינדשאַפט און האַרציקער גאַסטפריינטלעכקייט, שוין אָפּגערעדט פון דער פּערזענלעכער זאָרג און אינטערעס וועלכע מ׳האָט אונדז אַרויסגעוויזן אומעטום. אונדזערע לובלינער יידן אין דער וועלט האָבן נישט אַנטוישט די געסט פון ישראל — אין מאָראַלישן, געזעלשאַפטלעכן און פינאַנסיעלן זין.

די עצם שליחות איז געווען אַן אויסטערלישע. ווי איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל זאָל דעלעגירן איר פּאָרזיצער אין אַזאַ צאָל לענדער — און עס זאָלן זיך צו איר אָנשליסן אַזעלכע ערנסטע, סאָלידע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַראיין און די וועלט־באַוועגונג פון מפ״ם? האָב איך טאַקע אומעטום דערציילט, אַז הגם איך דערפיל אַ שליחות פון דריי, געהערט אָבער די בכורה צו לובלין. דעריבער האָב איך פאַר אַלעמען זיך באַמיט צו דערנענטערן און דערמוטיקן אונדזערע לאַנדסלייט אין די תפוצות — פאַר מדינת ישראל און פאַרן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל.

## ● אין מאָנטרעאָל

די ערשטע סטאַציע אונדזערע איז געווען — מאָנטרעאָל. דאָ מוז איך פעסטשטעלן, אַז נישט נאָר ווען דער סוף איז גוט איז אַלץ גוט, נאָר עס קאָן אויך זיין אַ גוטער אָנהייב מיט אַ גלענצנדיקן העפּי־ענד. שטעלט אייך פאָר, אַז פון דער זוניקער ישראל גיט מען אַ פאַל אַריין אין אַ לאַנד וואָס איז באַדעקט מיט שניי, עס פאַרנעמט זיך אויף אַ שטאַרקן פראָסט און בייזע ווינטן דערמאָנען די לובלינער קעלטן — פון דעסטוועגן ווערט וואַרעם אויף דער נשמה, ווען אויפן עראָפּאָרט וואַרטן דיך אָפּ מיט פרייד און שמייכלען שרה און סעם ברייטער, רחלע זימלשטערן, רוזשקע צווייקאפט. דערנאָך פאַרפאָרט מען אין דער ליכטיקער וווינונג פון די ברייטערס, ווו עס נעמט באַלד קלינגען דער טעלעפאָן, צי די געסט זענען בשלום אָנגעקומען. אַלץ איז אַזוי היימיש און געמיטלעך.

וועגן דער הכנסת־אורחים פון שרה און סעם ברייטער וויל איך ניט שרייבן קיין סך, ווייל מיין שפּראַך איז צו אָרעם אויף איבערצוגעבן די אַלע מאָמענטן פון זאָרג פאַר באַקוועמלעכקייט, ווי אונדזערע גאַסטגעבערס אין מאָנטרעאָל האָבן דאָס אַרויסגעוויזן פאַר די 9 טעג פון אונדזער באַזוך. אויף דער זעלבער האַרציקער באַציונג און פריינדשאַפט האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אין אַלע ווייטערדיקע אכסניהס אונדזערע ווו מ׳איז איינגעשטאַנען — און כ׳וועל זיי שוין איצט אויסרעכענען:

אין טאָראָנטאָ — ביי פייגעלע און מאיר פרידמאַן;

אין ניו־יאָרק — ביי צפורה און יוסף שפּייזמאַן;

אין לאָס־אַנדזשעלעס — ביי באַלטשע און ישראל אייזענבערג;

אין בוענאָס־איירעס — ביי ראָסיטאַ און דוד מיזשעריציקי;

אין סאַן־פּאַולאָ — ביי ראובן ראָסעט;

אין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ — ביי דער טאָכטער פון צעשע און סימאָן זיידנווערג;

אין לאָנדאָן — ביי בעל און אייזיק קרעמפּעל;

אין בעלגיע — ביי רוזשע און ירחמיאל וויעזשכאָווסקי און ביי ד״ר מרדכי און מערי ליכטפעלד;

אין פּאַריז — ביי פאַני און זשאָרזש גאָרפינקעל.

אין די אַלע היימען האָט אונדז גאָרנישט געפעלט. איך האָב קיין איינמאָל נישט געהאַט דאָס געפיל, אויך ביים געזעגענען זיך, אַז מיינע גאַסטגעבערס נעמען ערנסט דאָס פאָלקסווערטל, אַז „מיט געסט פרייט מען זיך צוויי מאָל: ווען זיי קומען אָן און זיי פאָרן אַוועק״. מיין דערפאַרונג האָט באַוויזן גראָד ס׳פאַרקערטע — אַז די דערמאָנטע יידן האָבן אויפריכטיק באַדויערט די צעשיידונג. אויף צוויי ערטער האָט מען אַפילו געלאָזט פאַלן אַ טרער, און גראָד מענער... איניקע האָבן בעתן געזעגענען זיך דערקלערט און דערנאָך אויך געשריבן אין בריוו, אַז מיט אונדזער אַוועקפאָרן איז זייער שטוב געוואָרן ליידיק. אַזוי איז אויך אונדז געוואָרן פּוסט אין האַרצן, ווען מ׳האָט זיך באַדאַרפט צעשיידן מיט אַזעלכע ווו״לע מענטשן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן קיין מאָנטרעאָל. סעם ברייטער באַשרייבט (אויף ז׳ 23) וועגן מיין באַזוך און כ׳האָב נישט בדעה צו דובלירן מיט נאָך אַ שילדערונג, דעריבער וועל איך זיך באַגנוגענען מיט עטלעכע אַלגעמיינע אויספירן:

פאַראַן אין מאָנטרעאָל אַן אַקטיווע לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, מיט וועלכער עס פירט אָן אַ דערפאַרענער קאַדער געזעלשאַפטלעכע טוערס נאָך פון פאַר דער מלחמה. גלייכצייטיק איז אויך טעטיק אַ פרויען־קאָמיטעט (ליידיס אָקזילערי), וועמענס אויפטוען וואָלטן געמעגט דינען ווי אַביישפּיל פאַר אַלע אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט, אַריינגערעכנט אויך ישראל.

די אָנפירונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, הגם זיי געהערן אין גרעסטן טייל צום „אַרבעטער־רינג״ וואָס איז נאָענט צום „בונד״ — זאַמלט געלט פאַר ישראל און סאָלידאַריזירט זיך מיט דער יידישער מדינה. אויסער דעם, פירן זיי די נאָרמאַלע אַרבעט פון אַ סאָסייטי, ווי סאָציאַלע הילף, שטיצע פאַר לאַנדסלייט אין אַ ריי לענדער, אויך אין ישראל, קולטור־טעטיקייט, און פאַר אַלעמען — חבר׳ישע צוזאַמענטרעפן, וועלכע טראָגן אַ משפּחהדיקן כאַראַקטער, וואָס האַלטן צוזאַמען די מענטשן און לאָזן זיי נישט פאַרגעסן ווער זיי זענען און פון וואַנען זיי קומען...

איך בין נאָך אונטערן איינדרוק פונעם קבלת פנים פאַר די געסט פון ישראל, אַ שבת־צו־נאַכטס. געקומען זענען אַ 70 לובלינער יידן. ווי מען האָט מיך אינפאָרמירט — נישט אַלע, ווייל אין מאָנטרעאָל, פּונקט ווי אין די אַלע שטעט ווו עס זענען טעטיק אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן, זענען פאַראַן אַזעלכע יידן, וואָס דער „לובלינער יחוס״ שטייט זיי נישט אָן און זיי מיידן אויס צו טרעפן זיך מיט שטעטישע. אויף יענעם מיטינג אין מאָנטרעאָל האָט געהערשט אַ יום־טובדיקע שטימונג, אויך אַ דאַנק דעם פיינעם אָוונטברויט וועלכן די פרויען, בראש מיט רחלע זימעלשטערן, האָבן אַליין צוגעגרייט.

אין די ווייטערדיקע טעג ביסטו פאַרבעטן אין פאַרשידענע היימען און אינסטיטוציעס. צו די לעצטע דאַרף מען האָבן אַ באַגלייטער — סיי צוליב דער שפּראַך, סיי צוליב דער קאָמוניקאַציע. סעם ברייטער לאָזט איבער אַלע געשעפטן און איז אַ וווּנדערבאַרער מורה־דרך אין דער פאַר מיר פרעמדער און קאַלטער שטאָט. אויך אברהם צווייקאפּט לייגט אַוועק אַ טאָג אַרבעט און מיט זיין

פרוי רוזשקע פאָרט מען אַרום באַוואונדערן די שיינקייטן פון מאָנטרעאָל, אַן איינגעהילטע אין שניי. עס פאַרבעטן אונדז צו זיך די סלאָמאַס, די זימעלשטערנס, די צווייקאפּטס. מען באַזוכט אויך די היים פונעם לאַנדסמאַן שלאָס, וואָס האָט נאָך מיט 60 יאָר צוריק אויסגעוואַנדערט פון לובלין קיין קאַנאַדע.

אומפאַרגעסלעך איז דער געזעגענונגס־אָוונט ביי די סלאָמאַס. דער געמיטלעכער שמועס וועגן ישראל, די זכרונות פון דער אַלטער היים, די אויפגאַבן פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט אין די איצטיקע טעג — ווערן געפירט אין אַן אַטמאָספער פון פריינדשאַפט און צוטרוי. מיר באַשטימען אַלע, אַז אונדזערע לאַנדסלייט אין מאָנטרעאָל וועלן יעדן יאָר אַריינשיקן אַ רעגולערן אָפּצאָל פאַרן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל; זיי וועלן פאַרשפּרייטן אַ צאָל עקזעמפּליאַרן פון אונדזער אויסגאַבע „לובלינער שטימע"; די אינדיווידועלע הילף וועלכע זיי ערטיילן פאַר לובלינער אין ישראל, זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם קאָמיטעט אין לאַנד. מיר האָבן אויך באַשלאָסן, אַז די בריוולעכע קאָנטאַקטן און פּערזענלעכע באַזוכן זאָלן זיין וואָס אָפטער און אַז מען דאַרף שטיין אין כסדרדיקער פאַרבינדונג.

אַגב, די דערמאָנטע באַשלוסן האָב איך זיך באַמיט אַדורכצופירן אויך אין די אַנדערע ערטער וועלכע כ'האָב באַזוכט — און נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום קעגנערשאַפט. אונדזערע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס זענען געווען איינשטימיק מיט די פאָרשלאָגן, וועלכע איך האָב געבראַכט פון ישראל.

## ● אין טאָראָנטאָ

נישט באַוויזן רעכט זיך „אויסצוניכטערן" פון די פיינע לובלינער איינדרוקן אין מאָנטרעאָל — און דער עראָפּלאַן ברענגט דיך קיין טאָראָנטאָ. די תמיד שמייכלדיקע פייגעלע פרידמאַן וואַרט אונדז אָפּ מיט איר באַקוועמען אויטאָ, אין באַגלייטונג פון יוסף בראָם און זיסל פעפערמאַן. ווידער איז וואַרעם אויף דער נשמה, ווייל מען געפינט זיך נאָכאַמאָל צווישן היימישע יידן, וואָס פירן דיך אַוועק אין „ווייסן הויז" — אַזוי רופט מען דאָרט די שיינע וויללע פון מאיר פרידמאַן, דער פּרעזידענט פון די לובלינער און אומגעגנט־אָרגאַניזאַציע אין טאָראָנטאָ.

מ׳לא, אַ שיינע וווינונג איז זייער אַן אָנגענעמע זאַך, בפרט פאַר געסט פון אַ ווייט לאַנד. נאָר אויב צו דעם צוגעבן אַ סך פריינדשאַפט, אויפמערקזאַמקייט, זאָרג און וואַרעמקייט — פילסטו זיך גוט, מיט אַ לייכט געמיט און אויסגעצייכנטער שטימונג. דאָס אַלץ האָבן מיר געפונען נישט נאָר אין דער וווינונג פון די פרידמאַנס, נאָר אויך אין די אַנדערע לובלינער היימען. די חברים פון קאָמיטעט און זייערע פרויען איז ממש געגאַנגען אין לעבן מיר זאָלן זיי וויזיטירן — צו אַן אָוונט־ברויט, צו אַ מיטאָג, סתם אַ באַזוך. אַזעלכע איינלאַדונגען זענען געווען בשפע: צו די אַלספעקטאָרס, בראָמס, פעפערמאַנס, וואַקסבוימס, גראָסמאַנס, צוקערפיינס און אַנדערע. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז די אַלע האַרציקע לאַנדסלייט זענען געווען גרייט צו באַגלייטן אונדז אומעטום, ווייזן די שטאָט, אירע שיינקייטן, ווי אויך וויזיטירן יידישע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע טאָראָנטאָ מעג שטאָלצירן.

דער צוזאַמענטרעף מיט לובלינער אַ זונטיק בייטאָג, איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. די 60 משפחות פון לובלין, כעלעם, מאַרקושאָוו, קראָשניק און אַנדערע ערטער פון לובלינער געגנט, האָבן מיך גאַנץ אויפמערקזאַם אויסגעהערט. אין משך פון איבער אַ שעה צייט האָב איך זיי אַריינגעפירט אין דער אַקטועלער פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער מדינה און אויך דערציילט וועגן די אויפטוען און ווייטערדיקע פּלענער פון אירגון יוצאי לובלין אין ישראל. דעם פאָרזיץ האָט געפירט מאיר פרידמאַן, באַגריסט האָט זייד־פאָרעם (פון כעלעם).

פאַר דעם צוזאַמענטרעף, האָט מען באַזוכט דעם מאָנומענט פאַר די קדושים פון לובלין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין טאָראָנטאָ. אגב, אויך אין מאָנטרעאָל זענען מיר געווען אויפן אָרטיקן בית־הקברות, ביים לובלינער מאָנומענט, און אויך זיך אָפּגעשטעלט ביי די מצבות פון לייבל לערער ז"ל, כעלע ראָזענבוש־קרעמפּעל ז"ל און אַנדערע.

וועגן אונדזער באַזוך אין טאָראָנטאָ איז אויך געמאָלדן געוואָרן אין שטאָטישן ראַדיאָ. צום געזעגענונג־אָוונט ביי די פרידמאַנס אין שטוב, איז געקומען אַן אָנגעזעענער עולם. ס'האָט געהערשט אַ פריילעכע אַטמאָספער. נאָך אַזאַ פיינעם פאַרברענג אין קאַנאַדע, האָט נישט צורו געלאָזט די פראַגע: וואָס דערוואַרט אונדז אין ניו־יאָרק, וווּהין מיר דאַרפן פליען נאָכן וויזיט אין טאָראָנטאָ?

## ● מיט לובלינער יידן אין ניו־יאָרק

אוי, האָט מען אונדז אָנגעשראָקן אַ ביסל מיט ניו־יאָרק: נישט נאָר אין אַלגעמיין, אַז ס'איז אַ שטאָט מיט אַ סך פאַרברעכנס, נאָר אויך בנוגע לובלין... אַז ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו ריידן, מען פירט נישט קיין טעטיקייט אדג"ל. אָבער ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען אין דער דאָזיקער ריזן־מעטראָפּאָליע, האָט מען זיך אַנטוישט... צום גוטן. אויפן עראָפּאָרט קענעדי וואַרטן דיך אָפּ צוויי טייערע לובלינער יידן, שלמה זינשטיין און יוסף שפּייזמאַן. מיר פאַרפאָרן מיט שלמהס אויטאָ צו די שפּייזמאַנס אין דער וווינונג אין מאַנהעטן, ווו צפורה וואַרט אונדז אָפּ מיט אַ סך שמייכלען, פרייד און אָוונט־ברויט. זי ווייזט אונדז אויך דעם „פאָרווערטס", ווו ס'איז אַנאָנסירט דער מיטינג פון די לובלינער אויף דעם נאָענטסטן זונטיק, ביי דער פרוי פליישהאַקער אין וווינונג, מיט אונדזער אָנטייל. מיר שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן טשערמאַן פון די לובלינער, אַלעקס פינקעלשטיין (וואָס איז נפטר געוואָרן אין אויגוסט ה.י.) — און צומאָרגנס באַגלייט ער מיך אין עטלעכע אינסטיטוציעס. אַלעקס איז מסכים, אַז די קאָנטאַקטן צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן זענען טאַקע געווען שוואַכע, נאָר ער זאָגט צו אויף להבא צו שטיין מערער אין פאַרבינדונג מיט ישראל.

דער צוזאַמענטרעף מיט אַ 40 לובלינער יידן ביי אונדזער סעקרעטאַרין, בערטאַ און צאַלעל פליישהאַקער, איז געווען אַ צופרידנשטעליקער. אויפן אָרט איז געזאַמלט געוואָרן קנאַפּע טויזנט דאָלאַר: אַ העלפט — פון די אָנוועזנדיקע, נאָך 500 דאָלאַר האָבן דעקלאַרירט אין נאָמען פון די „אַלטע לובלינער" — די פריינד שיינער און ראָטשילד. דער טשעק איז שפּעטער געוואָרן אַריינגעשיקט קיין ישראל.

אויפן דערמאָנטן מיטינג פון די לובלינער איז נאָך מער באַוווּסט געוואָרן דער גוט באַקאַנטער ענין וועגן באַדייטנדיקע סומעס דאָלאַרן, וועלכע ליגן אין די קאַסעס פון די צוויי אַלטע לובלינער סאָסייטיס און ס'איז שווער צונויפצוברענגען די באַפולמעכטיקטע אויף אונטערצושרייבן וועגן איבערווייזן די געלטער קיין ישראל. דער האַרציקער און ווילער ייד, סאָל שיינער, האָט פאַרשפּראָכן אַלץ צו טאָן, כדי אַרויסנעמען די „פאַרפרוירענע" דאָלאַרן פון באַנק — און לאָמיר האָפן, אַז דאָס וועט אים געלינגען, ווי ער שרייבט אין זיין לעצטן בריוו צו אונדז וועגן פּראָיעקט צו קויפן אַן אַמבולאַנס פאַרן מגן דוד אדום א.נ. פון די לובלינער קדושים.

פון די גאַסטפריינטלעכע וויזיטן און אויפנאַמעס ביי לובלינער אין ניו־יאָרק, וויל איך דערמאָנען די זינשטיינס, די פּרוכטמאַנס, די שיינערס און די גרענדערס, ווי אויך דער רירנדיקער צוזאַמענטרעף מיט פאָלע דרייבלאַט. פון פילאַדעלפיע איז ספּעציעל געקומען אונדז זען אונדזער יוגנט־חבר משה שטיינשטאָק, וואָס מיר האָבן בכלל נישט געוווּסט צי ער לעבט.

אַ דאַנק הערי פּרוכטמאַן און זיין פרוי, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן דעם מאָנומענט און דאָס אַש פון די לובלינער קדושים, ווי אויך אייניקע קברים פון לאַנדסלייט, וועלכע מ'האָט געבראַכט צו אייביקער רו אויף יענעם בית־עלמין.

←



אַן אויפנאַמע פאַר די געסט פון ישראל אין דער ווינונג פון שלמה זינשטיין און זיין פרוי (שטייען פון רעכטס — די צווייטע און דריטער). זיצן, פון לינקס: יוסף און צפורה שפייזמאַן.

כ'מוז נאָך דערמאָנען צוויי וויזיטן, אין באַגלייטונג פון צפורה שפייזמאַן: אין ייוואָ, וווּ מיר האָבן געפונען אַ געבונדענעם קאָמפּלעט־יאָרגאַנג פון „לובלינער טאָגבלאַט" פון יאָר 1918, די אויסגאַבן „קול לובלין" און אַנדערע ביכער וועגן דער אַלטער היים; אין דער ווינונג פון די שיינערס, ווו עס האָט זיך געפונען אַ גאַנצער אַרכיוו פון דאָקומענטן, בילדער און אויסגאַבן וועגן דער טעטיקייט פון די אַלטע לאַנדסמאַנשאַפטן. אַ טייל מאַטעריאַלן דרוקן מיר טאַקע איבער אין דער איצטיקער „לובלינער שטימע".

אויב מיר האָבן אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט אָנצוקוקן די אונ"אָ־געביידע, דעם העכסטן בנין „עמפּייר סטייט בילדינג" און אַנדערע ניו־יאָרקער מערקווירדיקייטן, איז עס צו פאַרדאַנקען דעם יונגן פּראָפעסאָר פון ניו־העמפּשירער אוניווערסיטעט, מייק ראָזענבוש (מיין פּרויס אַ ברודער־זון), וואָס איז ספּעציעל געקומען פון באָסטאָן קיין ניו־יאָרק, כדי ווייזן די שטאָט, ווי ער האָט עס געטאָן מיט 2 וואָכן פריער אין מאָנטרעאָל. מייק איז געבוירן אין לובלין, דער זון פון כעלע קרעמפּעל ז"ל און אייזיק ראָזענבוש ז"ל. ער איז פּראָפעסאָר פאַר רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור.

פון די ניו־יאָרקער דערינערונגען, וועל איך ניט פאַרגעסן דעם הערלעכן אָוונט, ווען די געסט פון ישראל, מיט אַ גרופּע לובלינער, זענען דורך צפורה שפייזמאַן פאַרבעטן געוואָרן אויף דער פאָרשטעלונג „דורות גרינע פעלדער", אין וועלכער זי שפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלן. נאָכן ספּעקטאַקל זענען מיר אַוועק אין אַ קאַפע: די שפייזמאַנס, די וואַסערשטרומס מיט זייערע קינדער, די זינשטיינס, מייק ראָזענבוש. ביים געזעגענען זיך, האָט דער ניט איבעריק געזונטער זעליג וואַסערשטרום זיך אָנגערופן:

— נאָכן היינטיקן צוזאַמענטרעף מיט לובלינער און פון דער פאָרשטעלונג, איז מיר צוגעקומען אַ האַלב געזונט...

אויך מיר זענען אַוועק פון ניו־יאָרק צופרידענע און דערמוטיקטע, הגם ס'איז אין דער שטאָט פאַראַן אַ ברייט פעלד פאַר לובלינער אַקטיוויטעטן. נאָר דאָס איז שוין אָפּהענגיק פון אונדזערע לאַנדסלייט דאָרטן, אויף ווי ווייט זיי וועט זיך גלוסטן צו אַנגאַזשירן אין דער סאָסייטי־טעטיקייט.

## אין לאָס־אַנזשעלעס

אַז אַ לובלינער דערמאָנט לאָס־אַנזשעלעס, האָט ער גלייך אין זינען ישראל אייזענבערג, ווייל איינס „בינדט זיך" מיטן צווייטן. נאָך אַ קנאַפּע 6 שעה פליען פון ניו־יאָרק, טאָ ווער, מיינט איר, האָט אונדז אָפּגעוואַרט אויפן עראָפּאָרט, אויב ניט דער האַרציקער ר' ישראל מיט זיין שוואָגער איזאַק עהרענבערג?! די צוויי יידן לאָזן דיך באַלד פילן, אַז נישט נאָר וואָס ביסט אין זייערע הענט, נאָר אויך אין... לובלין. אָט זיצן מיר ביי אַ טיש, אויף וועלכן די האַרציקע באַלטשע אייזענבערג האָט אַוועקגעשטעלט פון כל־טוב. די מאַמעשי (די אלמנה פון ר' משהלע אייזענבערג הי"ד) מיט איר טאָכטער גינאַ, דער זון ישראל, די שנור באַלטשע, דער איידעם איזאַק, די אייניקלעך — שוין חתונה געהאַטע, די פאַמיליע שנור, די פרוי טעמע און נאָך לאַנדסלייט, פרייען זיך מיט די געסט פון דער יידישער מדינה. אויף זונטיק פאַרנאַכט איז אין דער זעלבער ווינונג באַשטימט אַן אויפנאַמע. געקומען זענען אַ 20 לובלינער (מענדעלע מילשטיין האָט זיך צוגעשטעלט אַזש פון סאַן־פראַנציסקאָ), וואָס האָבן זיך פריער אונטערגעלענט די הערצער מיט אַ כיבוד, וועלכן די אייזנבערגס האָבן צוגעגרייט כיד המלך. דערנאָך האָב איך דערציילט דעם עולם וועגן געראַנגל פון מדינת ישראל פאַר שלום, זיכערקייט, עליה־אויפנעם און עקאָנאָמישן וווילשטאַנד, ווי אויך זיי אָפּגעגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון אירגון יוצאי לובלין — די אויפטוען און פּראָיעקטן פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין דער יידישער מדינה.

מיט 3 טעג שפּעטער זענען מיר געווען פאַרבעטן אין דער ווינונג פון מערי און יואל גאָלדמאַן. ס'איז ממש אָנצוקוועלן, וואָס אַ לובלינער ייד האָט דערגרייכט — פינאַנסיעל און געזעלשאַפטלעך. וועגן זייערע שפּענדונגען פאַר ישראל רעדט מען אין לאָס־אַנזשעלעס מיט אַ סך אָנערקענונג. מיר זענען אויך געווען די געסט ביי גינאַ און איזאַק עהרענבערג, וואָס האָבן אונדז דערמעגלעכט אַ באַזוך אינעם וווּנדערבאַרן „דיסני־לענד".

ס'איז צום באַדויערן, וואָס נישט אַלע לובלינער אין לאָס־אַנזשעלעס זענען געקומען צום קבלת־פּנים, נעמענדיק אין אַכט, וואָס אַ חודש פאַר אונדזער אָנקומען, האָט ישראל אייזענבערג געגעבן אַ מעלדונג אין דער אָרטיקער יידיש־ענגלישער וואָכנשריפט וועגן באַזוך פונעם פאָרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין מיט זיין פרוי, און אויך געלאָזט פאַרעפנטלעכן די בילדער פון ביידע. אַז מען שמועסט אַמעריקאַנער „פּאַבליסיטי" — איז דאָך ניט שייך. ר' ישראל האָט אויך פונאַנדערגעשיקט צו יעדן איינעם אַזאַ איינלאַדונג — און ניט אַלע האָבן געוואָלט זיך טרעפן מיט לאַנדסלייט, אויס מורא, ווייזט אויס, אַז אַזאַ וויזיט וועט אפשר דאַרפן קאָסטן עטלעכע דאָלאַר. ליידער, אַ ניט קליינע צאָל לובלינער, ניט בלויז אין לאָס־אַנדזשעלעס, פירן אַזעלכע „חשבונות"...

## אין בוענאָס־איירעס

אַ חסד האָט מיר געטאָן פריינד משה קויפמאַן, רעדאַקטאָר פון דער בוענאָס־איירעסער יידישער טאָג־צייטונג „די פּרעסע", וואָס האָט באַערט מיט זיין אָנוועזנהייט דעם פייערלעכן מיטינג פון די לובלינער אינעם זאַל פון דער פעדעראַציע פון פּוילישע יידן און אויספירלעך באַשריבן יענע אונטערנעמונג, ווי אויך מיין וויזיט מיט מיטגלידער פון לובלינער קאָמיטעט אין דער רעדאַקציע — און אַזוי אַרום פאַרשפּאָרט מיר צו שרייבן (זע ז' 31).

כ'בין אָבער ניט באַפרייט פון צו שילדערן געוויסע „לובלינער איינדרוקן און אָבסערוואַציעס" אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע. אויך דאָ האָבן אָפּגעוואַרט גוטע חברים נאָך פון דער אַלטער היים: די ברידער קאָפּל און דוד מיזשעריצקי מיט זיין פרוי ראָסיטאַ. ביי זיי ביידע האָבן מיר גענאָסן פון הכנסת־אורחים אין משך פון 2 וואָכן. ראָסיטאַ און דוד אין בוענאָס־איירעס, פּונקט ווי באַלטשע און ישראל אין לאָס־אַנזשעלעס, זענען אויסגעצייכנטע גאַסטגעבערס און מען פילט זיך גוט אין אַזעלכע יידישע היימען.

דער ערשטער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען ביי דער פאַמיליע טעמפּעלדינער, וואָס האָט אַוועקגעשאָנקען אַ שטוב פאַר דער לאַנדסמאַנשאַפט צו פירן דאָרט איר טעטיקייט. אַ 20 יידן

פון לובלין האָבן געהאַט וואָס צו ריידן אויף אַזאַ צוזאַמענקום. אויך איטע און קאַפּל מיזשעריצקי, זייער זון מענדעלע מיט דער פרוי, מירטאַ מיזשעריצקי און איר מאַן ; די פאַמיליע אורבאַן — זיי אַלע האָבן אונדז פאַרבעטן אין זייערע היימען.

מיין איינדרוק פון די לובלינער אין בוענאָס-איירעס איז אַזאַ : עס קומט די יידן די פולע אָנערקענונג, וואָס זיי האַלטן אויף די אָרגאַניזאַציע. איך מיין, אין דער ערשטער ריי, דעם פּרעזידענט קלאַוויר, דעם וויצע-פּרעזידענט גראַדעל, דעם סעקרעטאַר ק. מי-זשעריצקי, די פאַרוואַלטונג-מיטגלידער טעמפּעלדינער, זילבערג און אַנדערע. ס'וואָלט אָבער געווען אַ יושר, ווען מען ברייטערט אויס די טעטיקייט אויפן געביט פון קולטור, פאַראייביקונג, סאָ-ציאַלע הילף און מיטאַרבעט מיט נאָך געזעלשאַפטן און אָרגאַני-זאַציעס. און פאַר אַלעמען — ענגער מאַכן די ביז איצט לויזע קאָנטאַקטן מיט די לובלינער אין ישראל. כוויל האָפן, אַז איר וועט אָננעמען אונדזערע פריינדלעכע עצות און פאָרשלאָגן.

## אין סאַן-פּאַולאָ און ריאָ-דע-זשאַנעיראָ

אויף אַזאַ אויפנאַמע אין דער שיינער בראַזיליאַנער שטאָט סאַן-פּאַולאָ האָב איך זיך ניט געריכט. אויפן פלי-פעלד האָבן אונדז אָפּגעוואַרט עטלעכע דעלעגאַציעס פון אַ ספּעציעלן קבלת-פּנים קאָמיטעט : פון די לובלינער — ראובן ראָסעט, מינדל און לאַזער גאָלדבוים, מאיר כהן ; פון מפ"ם — אורון מאַנדעל ; פון ייוואָ — דזשייקאָב אוחופּאַטאַ ; פון דער געזעלשאַפט פריינד פון יידישן טעאַטער — דוד סגי-נהור. מיין פרוי און איך פאַרפאָרן אין דער וווינונג פון ראובן ראָסעט, אַ ייד פון לובלין, וואָס פאַר דער מלחמה האָבן מיר זיך ניט געקענט, נאָר אויפגענומען, איינגעאָרדנט און געזאָרגט פאַר אונדז האָט ער אַזוי, ווי עס קאָן זאָרגן אַ נאָענטער, לייבלעכער ברודער. זיין פאָלקסטימלעכקייט, פשוטקייט און הכנסת-אורחים — האָט אונדז ממש געריריט.

דער קבלת-פּנים קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט אַ גאַנצן פּלאַן פאַרן 9-טאָגיקן באַזוך — און כ'שיק אָפּ דעם לייענער אויף ז' 33, ווו פריינד לאַזער גאָלדבוים האָט אין דער דאָרטיקער יידישער צייטונג באַריכטעט וועגן אַלעמען.

איך וועל לאַנג געדענקען די סדר-נאַכט ביי ראובן ראָסעט אין הויז, מיט זיין פאַמיליע : צוויי זין, שנורן, אייניקלעך, די שוועגערין מיטן מאַן און זייערע קינדער און עטלעכע פריינד. איבער צוואַנ-ציק פּערזאָן האָבן אָפּגעריכט דעם סדר ניט נאָר כדת וכדין, נאָר אויך ווי... אין לובלין. נאָר ווי קאָן עס זיין אַ יידישע שמחה אָן אַ טרער ? אַלע האָבן געדענקט — און ראובן ראָסעט האָט עס אויך דערמאָנט אויפן הויכן קול — אַז מיט אַ יאָר צוריק האָט נאָך גע-לעבט די באַלעבאָסטע פון דער דאָזיקער יידישער היים, טובה ראָסעט ע"ה.

מיר זענען אויך געוואָרן אויפגענומען אין די היימען פון סימאַ און שמואל בערגמאַן, פון מינטשע און מאָטל דינער, פון מינדל און לאַזער גאָלדבוים, פון די מאַנדעלס און אַנדערע.

דער געזעגענונג-אָוונט האָט ניט צוגעצויגן קיין גרויסן לוב-לינער עולם. זאָלן מיר מוחל זיין די לאַנדסלייט וואָס זענען נישט געקומען, אויב כ'וועל אַ טייל פון זיי חושד זיין, אַז די מורא קוים וועט מען דאַרפן מיט עפּעס זיך באַשטייערן פאַר די לובלינער אין ישראל, האָט זיי באַוויגן צו זיצן אין דער היים. די מסיבה איז אָבער אַדורך אין אַ האַרציקער אַטמאָספער. דערפאַר האָבן שוין גע-זאָרגט דער גאַסטגעבער ראובן ראָסעט, די באַגריסערס : לאַזער גאָלדבוים, דער שרייבער גוטערמאַן, דער דיכטער משה קנאַפּהייס און אַנדערע.

*

אַפילו אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי ריאָ-דע-זשאַנעיראָ, ווו עס זענען פאַראַן אפשר אַ צאָל לובלינער וואָס מ'קען זיי אָפּציילן אויף די פינגער פון איין האַנט — וועט אונדזער אַ לאַנדסמאַן ניט גיין



ביי שלמה פעלד אין שטוב, אין ריאָ-דע-זשאַנעירא. עס שטייען פון רעכטס : דער גאַסט-געבער, רבקה און דוד שטאַקפיש, די טאָכטער פון ש. פעלד און אירע 2 קינדער.

פאַרלוירן. בסך-הכל אַנדערהאַלבן מעת-לעת איז אונדז אויסגעקו-מען צו זיין אין יענער שטאָט און פאַר דער צייט האָבן מיר גע-נאָסן פון דער גאַסטפריינדלעכקייט פון סילוויאַ זיידנווערג, די טאָכ-טער פון צעשע און סימאָן זיידנווערג, אונדזערע קאָמיטעט-מיטגלי-דער. ס'איז פאַר אונדז געווען אָנגענעם אויך צו פאַרברענגען אין דער היים פון אונדזער בן-עיר שלמה פעלד (ברודער פון עובדיה פעלד) און זיין פרוי. אויך די טאָכטער מיטן מאַן און קינדער זענען געווען פאַרבעטן — און ווידער איז געווען אַ גאָפּל. אַז מ'איז אין דער היים.

אין שייכות מיט דער וויזיט אין ריאָ, מוז איך דערמאָנען אַ טייערן קראַשניקער ייד, אברהם קאָוועו. אין זכות פון דעם וואָס כ'בין געווען דער רעדאַקטאָר פונעם יזכור-בוך „ספר קראַשניק", האָט דער דערמאָנטער לאַנדסמאַן אונדז אָפּגעוואַרט אויפן ערפּאָרט און דערנאָך אַרומגעפירט איבער דער שטאָט, וואָס מ'זאָגט אַז זי איז איינע פון די שענסטע אין דער וועלט. נאָך דער הער קאָוועו, ווי דער פּרעזידענט פון דער צאַלרייכער און אַקטיווער קראַשניקער סאָסייטי, האָט ליבערשט געוואָלט ריידן וועגן זיין שטעטל נאָענטער פון לובלין קראַשניק און דער עיקר — ווייזן מיר דעם „היכל קראַשניק" אין ריאָ. אַזוי ווי מיר איז גוט באַקאַנט דער „היכל קראַשניק" אין תל-אביב, האָב איך פשוט מקנא געווען די קראַשניקער יידן אין ישראל און אין בראַזיל, וואָס האָבן אויף אַזאַ בכבודיקן און עפעקטיוון אופן פאַראייביקט זייערע קדושים. איך מיין, אַז די גרויסע לובלין דאַרף זיך שעמען פאַר דער קליינטשי-קער קראַשניק, ווייל מיר האָבן ביז איצט נאָך נישט באַוויזן אויפ-צושטעלן עפּעס מאָנומענטאַלס, וואָס זאָל אָנשפּרעכן דער עיר ואם בישראל — לובלין.

מיט אַזעלכע מחשבות פאַרלאָז איך דעם אַמעריקאַנער קאָנטי-נענט מיט דער בראַזיליאַנער פלי-געזעלשאַפט „וואַריג". עס דער-וואַרט אונדז אַ „שוועבן אין דער לופטן" במשך אַ 14 שעה, אַן אַן אָפּשטעל, ביז מ'וועט אין אַ מזלדיקער שעה אָנקומען קיין לאָנדאָן.

## אין ענגלאַנד און בעלגיע

ווייל איז דער קליינער צאָל לובלינער משפחות אין לאָנדאָן, וואָס דאָרט וווינט אַזאַ וואַרעמער ייד ווי איזאַק קרעמפּעל, וואָס טוט אַלץ וואָס מעגלעך אויפצוהאַלטן די גרופּע לאַנדסלייט, צו-נויפצאַמלען זיי ביי זיך אין שטוב און ניט לאָזן פאַרגעסן די אַלטע היים, די אומגעקומענע טאַטע-מאַמע, די פאַרגאַזטע שוועסטער און ברידער. בסך-הכל 3 טעג איז אונדז אויסגעקומען צו זיין אין דער הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד, אָבער איזאַק האָט שוין געזאָרגט דער-פאַר, אַז אַ 5 לובלינער משפחות זאָלן זיך צונויפקומען אין זיין גאַסט-פריינדלעכער היים אין לאָנדאָן. איך האָב זיי דערציילט וועגן אונדזערע פּראָבלעמען. עס זענען געווען אויך פראַגן, ווי צ"ב : „פאַרוואָס ווערן נישט אָפּגעדרוקט אין 'לובלינער שטימע' אויך

אייניקע אַרטיקלען אין ענגליש ?" ; „וואָס טוען מיר מיטן געלט ? — און אויך אַזאַ סקעפטישע פראַגע : „ווי לאַנג וועלן אָנהאַלטן די לאַנדסמאַנשאַפטן ?" מיינע ענטפערס האָב איך אָנגעהויבן פון דער לעצטער פראַגע — אַז אונדזער דור, די שארית הפליטה, איז שולדיק אַ גרויסן מאָראַלישן, נאַציאָנאַלן און משפחהדיקן חוב די קדושים, כדי זיי פאַראייביקן. אָבער ניט ווייניקער ווי מען זאָרגט פאַרן אָנדענק פון די טויטע, אַזוי איז אויך אונדזער חוב אינזינען צו האָבן די לעבעדיקע יידן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, וואָס נייטיקן זיך אין אַ גוט וואָרט און אין מאַטעריעלער הילף. וואָס שייך אונדזער פאַרווענדן דאָס געלט, איז מיין תשובה געווען, אַז מיר פאַרעפנטלעכן קאַסע־באַריכטן, אַז עס פונקציאָנירט אַ רעוויזיאָנס־קאָמיסיע מיט אַ דיפלאָמירטן בוכהאַלטער, וואָס קאָנטראָלירן די הכנסות און הוצאות. מיר האָבן אויפגעשטעלט אין תל־אביב אַ מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק ; מיר שטיצן יידישע פען־מענטשן און קולטור־טוערס, וואָס אַ דאַנק דעם פאָנד זענען דערשינען אַ 10 ביכער, מיט דער צושריפט אַז זיי זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל ; אַז מיר האָבן אויסגעשטרעקט אַ ברודערלעכע האַנט קנאַפע 40 משפחות לובלינער נייע עולים, וואָס זענען אין די יאָרן 1967—1970 געקומען קיין ישראל ; אַז אונדזער ליטעראַטור־פרעמיע א.נ. פון די קדושי לובלין, עטאַבלירט פון מערי און יואל גאָלדמאַן, זענען געוואָרן אַ שם־דבר אין די ליטעראַרישע קרייזן אין ישראל און אַז 20 נויטבאַדערפטיקטע פאַמיליעס געניסן פון כסדרדיקע שטיצע, באַזונדערס אויף פסח און ראש־השנה.

איך בין איבערצייגט, אַז די בערך 10 לובלינער משפחות אין לאָנדאָן וועלן האָבן דעם געהעריקן אינטערעס און געפיל צונויפצוקומען זיך כאָטש איינמאָל אין יאָר אויף אַן אָנדענק־אַקט און דער עיקר — שטיין אין קאָנטאַקט מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, באַזוכן די יידישע מדינה און דאָ זיך טרעפן מיט אונדז. אויף יענעם צוזאַמענטרעף איז אויך געווען אַ צוזאָג אַריינצושיקן יעדעס יאָר אַ באַשטייערונג פאַרן אירגון יוצאי לובלין.

אויך אין בעלגיע זענען פאַראַן געציילטע משפחות לובלינער יידן, נאָר וועגן אַן אָרגאַניזירטער טעטיקייט איז נישטאָ וואָס צו ריידן. די פאַמיליעס וויעזשבאָווסקי און ראָזענבוש זענען אָפטע געסט אין ישראל און תמיד טרעפן זיי זיך מיט אונדז און גיבן אויך באַשטייערונגען. דאָס זעלבע — ד"ר ליכטפעלד, וואָס וווינט נישט אין בריסל, נאָר אין דער פראָווינץ.

## ● אין פאַריז

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די לובלינער און אומגעגנט אין פאַריז, פריינד משה זאַלצמאַן, האָט אין דער אָרטיקער טאָג־צייטונג „אונדזער וואָרט" פאַרעפנטלעכט אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן אונדזער באַזוך אין פראַנקרייך (זע זייט 36) — און איך פאַרשפאָר איבערצוחזרן זיין באַשרייבונג. איך בין אָבער ניט פריי פון אייניקע באַמערקונגען :

א. ביידע לאַנדסמאַנשאַפטן פירן אַ זייער אַקטיווע און קאָאָרדינירטע טעטיקייט און האָבן אַ גוטן נאָמען ביים יידישן ישוב אין פאַריז.

ב. ביידע טוען אַלץ וואָס מעגלעך, אויף צו באַטייליקן זיך אינעם מגבית פאַר ישראל — און זייער אָנטייל איז גאָר אַ באַדייטנדיקער.

ג. הגם קיין איינע פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן פירט נישט קיין סעפעראַטע אונטערנעמונגען, נאָר אַלץ ווערט געטאָן צוזאַמען שוין עטלעכע יאָר, האַלט איך פאַר אַן אַנאַכראָניזם די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון צוויי לובלינער אָרגאַניזאַציעס, וואָס ביידע לעבן בשלום און פירן זייער אַרבעט אין האַרמאָניע און קאָאָפעראַציע. עס וואָלט געווען אַ יושר, זיי זאָלן אַדורכפירן די פאַראייניקונג און שאַפן אַן איינהייטלעכע לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט.

אין פאַריז גייט שוין פון לאַנג אַרום אַ ווערטל, אַז אַ גאַסט דאָרט פון אַ צווייט לאַנד, באַזונדערס פון ישראל, איז פאַרזיכערט מיט אַ יאָר קעסט, ווייל עס גייט ממש אין לעבן דעם רוב לאַנדסלייט מ'זאָל ביי זיי אָפשטאַטן אַ וויזיט, עסן אַן אָוונט־ברויט, צי אַ מיטאָג. אַזוי האָבן מיר באַזוכט די גאַסטפריינדלעכע היימען פון געניע און שמואל שפירא, אלתר און פייגעלע זאָבערמאַן, זאָשע און ניומעק פערלמוטער, פאָלע און משה זאַלצמאַן, ביי די פאַמיליעס וואַרא, האָס, ביי שרהלע גאָלדאַדלער, ביי דינהלע ראָטשטיין און איר מאַן — שוין אָפגערעדט פון דער וווינונג, ווי דערמאָנט, ביי פאַני און זשאָרזש גאָרפינקעל (קראָשניק־לובלין), ביי בתיה אַבראַמאָוויטש (אייזנער), ביי רוזשקע און מרדכי לערמאַן און נאָך טייערע יידן, וואָס ס'איז אוממעגלעך צו געדענקען אַלעמענס נעמען. וויל איך אויף דעם וועג זיי אויסדריקן אונדזער דאַנק און אָנערקענונג.

## ● וואָס מיינט לאַנדסמאַנשאַפטן ?

רעזומירנדיק מיינע רייזע־איינדרוקן און אָבסערוואַציעס פון יידישן לעבן אין זיבן לענדער, האָב איך אין אַן אַרטיקל אין „פאָלק און ציון" (נומ' 6, ירושלים, אויגוסט־סעפטעמבער 1975) און אין דער העברעישער טאָג־צייטונג „על המשמר" (תל־אביב, 24.8.75) צוו. אַנד. געשריבן וועגן לאַנדסמאַנשאַפטן :

> אַ מאָדנע פאָלק, די יידן ! נישט גענוג וואָס מ'איז צעשפליטערט אויף פאַרטייען און גרופן, ווירקן נאָך אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן די... לאַנדסמאַנשאַפטן. אַזוי אין ישראל, ווי אין די תפוצות, בילדן די אָפשטאַמיקע פון איין שטאָט צי שטעטל אַ געשלאָסענעם קאָלעקטיוו, איינגעפאַסט אין אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער רעם, מיט אייגענע בודזשעטן און סטאַטוטן, כדי זיך „אויסצולאָדן" פון דער נאָסטאַלגיע, סענטימענטן און דערינערונגען פון דער אַלטער היים און גלייכצייטיק ציען דעם גאָלדענעם פאָדעם פאַר אַקטועלער טעטיקייט צו העלפן דעם לאַנדסמאַן, דעם אָרטיקן ישוב און פאַר אַלעמען — מדינת ישראל.
>
> ...ביז היינטיקן טאָג זענען די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין כמעט אַלע אָן אויסנאַם תפוצות אַ וויכטיקער פאַקטאָר אָנצוהאַלטן און אַקטיוויזירן דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן. מען באַגנוגנט זיך ניט בלויז מיט די יערלעכע אזכרה־אַקטן און אויפשטעלן די מאָנומענטן לזכר די קדושים. מען האָט אויך געבויט און מען האַלט אויס פאַרשידענע אינסטיטוציעס, די זייער אָפטע צוזאַמענטרעפן ווערן פאַרוואַנדלט אין משפחהדיקע מסיבות, ווו איינער טוליעט זיך צום אַנדערן, נאָך דעם ווי מ'איז געוואָרן אַזוי פאַריתומט און פאַראייניזאַמט. לאַנדסמאַנשאַפט סימבאָליזירט אפשר אויפן סאַמע בולטסן אופן דעם ווילן פון די יידן אָנצוהאַלטן היסטאָרישע פאָלגלעכקייט און נאַציאָנאַלן המשך. דער בונד מיטן עבר שטערט נישט דער וואַכזאַמקייט צו דער קעגנוואַרט. די פאַרוואָרפענע בריק צווישן נעכטן און היינט וועלן אָן שום ספק שטאַרקן דעם מאָרגן...

**שרייבנדיק די דאָזיקע שורות, האָב איך קודם כל געהאַט פאַרן אויג אונדזערע לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט, וואָס צוזאַמען מיטן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל, דערפילן זיי די אַלע אויפגאַבן, וועלכע עס פאָדערט פון אונדז די איצטיקע גורלדיקע צייט.**

*

פ.ס.: ס'איז זייער מעגלעך, אַז אין מיין באַשרייבונג פון די באַזוכן אין 10 שטעט, האָב איך אַוודאי אַדורכגעלאָזט געוויסע נעמען. בעט איך שוין מחילה, ווייל ס'איז געטאָן געוואָרן אָן שום כוונה. ווער איז דען מסוגל אַלץ און אַלעמען צו געדענקען פון אַזאַ ווונדערבאַרער נסיעה ?

# ווי אזוי מאָנטרעאָל האָט אויפ־ געגומען די געסט פון ישראל

**סעם ברייטער** / מאָנטרעאָל

דער פאָרשלאָג צו אָרגאַניזירן אַ באַזוך פון פאָר-זיצער פון אירגון יוצאי לובלין אין ישראל אין פאַר-שידענע לענדער, ווו ס׳געפינען זיך לובלינער יידן — איז געווען זייער אַ ריכטיקער, ווייל מיר מוזן אונטער-האַלטן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט צווישן זיך, וואָס דאַרף קומען צום אויסדרוק ניט בלויז דורך באַזוכן פון לוב-לינער פון אויסלאַנד אין ישראל, נאָר פון צייט-צו-צייט אויך אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ד.ה. לובלינער פון ישראל — קיין אויסלאַנד. איז געווען ריכטיק דער באַ-שלוס צו שיקן מיט דער דאָזיקער אויפגאבע דעם פריינד דוד שטאָקפיש, וואָס איז געווען דער פּאַסיק-סטער קאַנדידאַט אויסצופירן אַזאַ שליחות.

מיר האָבן מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויפן באַזוך. אויפן פלי-פעלד האָבן די געסט אָפּגעוואַרט: רוזשקע צווייקאַפּט, רחלע זימעלשטערן, שרה ברייטער און איך.

בשעת דעם באַזוך פון דודן אין מאָנטרעאָל, האָט דאָ געהערשט אַ שווער וועטער, מיט אַ סך שניי און פראָסט. ניט געקוקט אויף די דאָזיקע שוועריקייטן, האָט אונדזער פאָרזיצער, הגם אַ פאַרקילטער, אַדורכגעפירט דעם אָנגעצייכנטן פּראָגראַם און ניט מוותר געווען פון קיין שום אונטערנעמונג.

איך מוז ניט פאָרשטעלן אונדזער פאָרזיצער, מיט זיינע טיפע קענטעניש פון די ישראל-פּראָבלעמען, זיין איבערגעגעבנקייט דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און דערפאַרונג אויפן דאָזיקן געביט, די חברישע באַציונג צו מענטשן — דאָס אַלץ האָט געמאַכט זיין באַזוך נאָך אינטערעסאַנטער, אַטראַקטיווער און דערפאָלגרייכער.

מיר אין מאָנטרעאָל זענען געווען זייער צופרידן פון זיינע אויפטריטן אומעטום און אויף יעדער טעמע. זיינע צוזאַמענטרעפן, רעפעראַטן, דיסקוסיעס און שמועסן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קענטעניש, שיינעם יידיש און געהאַלטן די פאַרזאַמלטע אין שפּאַנונג. מיר זענען געווען שטאָלץ, אַז מיר האָבן צווישן אונדז אַזאַ לובלי-נער ייד.

מיר האָבן אָרגאַניזירט עטלעכע צוזאַמענטרעפן מיט לובלינער. אויף דעם קבלת-פּנים זענען געווען אַנוועזנד 60 פּערזאָן. דוד האָט רעפערירט וועגן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע אין ישראל און פאַרשטייט זיך, אויך דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון אירגון יוצאי לובלין און די פּלענער אין דער צוקונפט. מיר האָבן אָנגענומען קאָנקרעטע באַשלוסן וועגן אונד-זער ווייטערדיקער אַרבעט אין מאָנטרעאָל, וועגן פאַר-שטאַרקן די פינאַנסיעלע הילף פאַרן אירגון אין ישראל און וועגן פאַרשטאַרקן אונדזערע קאָנטאַקטן.

נאָך צוזאַמענטרעפן פון לובלינער זענען פאָרגע-קומען, צווישן אַנדערן, ביי מיר, ביי דער פאַמיליע צווייקאַפּט, ביי דער פאַמיליע סלאָמאַ (דער געזעגע-נונג-אָוונט). פיל פּראָבלעמען זענען אונדז קלאָר גע-וואָרן און מיר זענען דערפאַר זייער דאַנקבאַר אונדזער פאָרזיצער, וואָס האָט אויך באַזוכט פאַרשידענע געזעל-שאַפטן און אינסטיטוציעס, ווי די יידישע פאָלקס-שול, די קהילה, די לובאַוויטשער ישיבה, אויך אַנטיילגענו-מען, מיט גרויס דערפאָלג, אין אַ פאַרזאַמלונג פון דעם הסתדרות-קאַמפּיין.

מיר האָבן פאַר אונדזערע ליבע געסט אויך אַרגא-ניזירט אַן אויספלוג איבער דער שטאָט, אַ דאַנק אברהם צווייקאפּט.

אין אַ קאַלטן, פראָסטיקן זונטיק פרי האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן באַזוך ביים דענקמאָל פאַר אונדזערע קדושים, ווי אויך ביי די מצבות פון לייבל לערער, בעלע ראָזענבוש-קרעמפּעל און פון אַנדערע לובלינער.

נאָך דעם 10-טאָגיקן באַזוך אין מאָנטרעאָל, האָבן מיר באַגלייט אונדזער פאָרזיצער צום עראָדראָם, ערב זיין נסיעה קיין טאָראָנטאָ. מיר האָבן באַדויערט, וואָס



אַ גרופּע לובלינער פון מאָנטרעאָל, באָסטאָן און ישראל ביים מאָנומענט פאַר די קדושים פון לובלין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן בית־הקברות אין מאָנטרעאָל.



פּרעזידיום פונעם לובלינער מיטינג אין מאָנטרעאָל (פעברואַר 1975), מיטן אָנטייל פון די געסט פון ישראל. עס שטייען פון רעכטס: צעשע זיידנווערג, רוזשקע צווייקאפּט, רחלע זימעלשטערן, שרה און סעם ברייטער. עס זיצן: הערצמאַן, זימעלשטערן, דוד און רבקה שטאָקפיש.

דער וויזיט האט געדויערט אזוי קורץ. איך מיין אבער, אז די אנגעצייכנטע אויפגאבן, וועלכע מיר האבן צו-זאמען ארומגערעדט, וועלן אונדז אנרעגן צו ווייטער-דיקער ארבעט.

*

צום סוף זאל מיר דערלויבט זיין אנצוצייכענען די 2 וויכטיקסטע אויפגאבן אין דער נאענטסטער צוקונפט:

1. צוטרעטן צו די צוגרייטונגען צום ארגאניזירן דעם צווייטן וועלט-צוזאמענפאר פון לובלינער אין יש-ראל, אין צוזאמענהאנג מיטן 30סטן יום העצמאות.

2. רעאליזירן די אלע באשלוסן, וואס מיר האבן אנגענומען בעת דעם באזוך פון אונדזער שליח פון ישראל.



דריי „לובלינער פרעזידענטן" און איין וויצע-פרעזידענט, מיט זייע-רע פרויען, אויף אן אויפנאמע ביי די ברייטערס אין שטוב אין מאנטרעאל, אין חודש פעברואר 1975. עס שטייען פון לינקס אויף רעכטס: רחלע און נתן זימלשטערן, סעם און שרה ברייטער. עס זיצן: פייגעלע און מאיר פרידמאן פון טאראנטא, דוד און רבקהלע שטאקפיש פון ישראל.



אויף דער פייערונג לכבוד 20 יאר עקזיסטענץ פון לובלינער און אומגעגנט לאנדסמאנשאפט אין טאראנטא.

## משה דיין — דער „איינזאמער וואלף"

(סוף פון ז' 45)

זעלשאפטלעכע ערד-ציטערנישן אין די סאמע דראמאטישסטע טעג, וואס דאס לאנד האט איבערגעלעבט. אין קורצע, אפטמאל אפילו גאנץ לאקאנישע שורות ווערן אין אט דעם בוך געבראכט צום אויסדרוק די פארהוילענע שטריכן פון דיינס כאראקטער, וועלכע האבן אים געשטויסן צו נעמען אויף זיך די ראל פון א מיליטערישן און פאליטישן פירער, וועלכער איז, לויט זיין מיינונג, בארופן צו פירן די שיף פון דער מדינה איבער די צעשטורעמטע וואסערן דווקא אין די צייטן, ווען עס לויערן אויף איר די גרעסטע געפארן. פון די שילדערונגען פון זיינע קינדער-יארן, און אפילו פון דער אויפפי-רונג פון זיין פאטער שמואל דיין, וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דגניה און פון נהלל און וועמענס כאראקטער-שטריכן זיין זון האט פון אים געירשנט — קענען מיר פארשטיין דעם פראגמאטישן צוגאנג פון משה דיין צו די פאליטישע און אידעאלאגישע פראבלעמען, זיין צינישן צוגאנג צו די באגריפן פון אידעאלאגיע און זיין עמביוואלענטישע באציאונג צו דער געזעל-שאפטלעכער מאראל. פון דאנען דרינגען מיר אויך ארויס דעם מקור פון דער זיגזאג-ליניע אין זיינע פאליטישע און אידעישע קאנצעפציעס און אויך אין דער פאפולאריטעט זיינער ביים פאלק: דער מאן, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט זיין אוממיטלבארער שפראך און פארם פון אויסדרוק, און וועלכער רעכנט זיך נישט מיט קיין „אימאזש" און קיין „כאריזמע" — ער איז דאס געווארן דאס וואס מען רופט ביי אונדז א „כאריזמאטישע פערזענלעכקייט", וואס לאזט נישט זיין צו זיך גלייכגילטיק; דער מאן, וועלכער איז אמאל ביים אנהייב פון זיין קאריערע, באצייכנט געווארן (אין א קאריקאטור אין „דבר") אלס „דער שטיפער", האט מיט דער צייט, שוין ווי א מיליטערישער און פאליטישער מנהיג, זיך אויסגעארבעט די סאברישע צערטל-קרוין פון א „חברהמאן" — טיילווייז אויך אין „זכות" פון די רכילות וועגן זיינע מעשים און אויפטועך אין זיין פריוואטן לעבן. ביי דעם אלעמען האט משה דיין, אין איין דראמאטישן מאמענט, סימבאליזירט מיט זיין פערזאן די נאציאנאלע געשלאסנקייט און דערהויבנקייט, די פארשטארקונג פון דער „נא-ציאנאלער מאראל" אין די טעג ערב דער זעקס-טאגיקער מלחמה — און דער זעלבער משה דיין האט אויך סימבאליזירט מיט זיין פערזאן די נאציאנאלע פארצווייפלונג, וואס האט ארומגעכאפט דאס פאלק אין דער תקופה פון דער יום כיפור-מלחמה. דער סימ-באל פון דער הצלחה איז געווארן דער סימבאל פון דעם „מחדל", פון דעם גרויסן דורכפאל, וועלכע האט אויך אים אראפגעשליידערט פון זיין פירער-פיעדעסטאל.

פארשידן זענען די אפשאצונגען וועגן דער צוקונפט פון משה דיין, וועלכער איז היינטיקן יאר געווארן א בן-ששים. טייל האלטן, אז ער האט שוין „אפגעשפילט זיין ראל", אז ער האט שוין פאר-ענדיקט זיין פאליטישע קאריערע, ווייל נאך דעם „מחדל", איז פארלוירן געגאנגען דער בלינדער צוטרוי, וועלכן עס האט אים געשאנקען א גרויסער טייל פון פאלק, אפטמאל נישט ווייסנדיק וואס פארא וועג דיין האט אויסגעקליבן פאר זיינע פראגמאטישע קאנצעפציעס. אנדערע ווידער זאגן, אז דער „איינזאמער וואלף" האט נאך זיינע כוונות נישט אויפגעגעבן און אז ער ווארט אויף א געלעגנהייט, „דאס פאלק זאל אים רופן", כדי צו „ראטעווען די מדינה" אין פאל פון א קריטישער אנטשיידונג, אדער אין פאל פון א נאציאנאלן קריזיס. ווי עס זאל אבער נישט זיין — דער נאמען משה דיין איז נאך אלץ נישט אראפ פון די צייטונגס-קעפ, און משה דיין האט נאך אלץ נישט אויפגעהערט צו זאגן זיין ווארט, טאקע ווי אן איינזאמער וואלף אין אונדזער געדיכטן פאליטיש-אידעישן וואלד. דער נאמען משה דיין האט נאך אלץ נישט אויפ-געהערט צו זיין א דערשיינונג אין אונדזער מלוכהשן לעבן, און דערפאר איז אזוי וויכטיק צו לייענען די אינטערעסאנטע ביאגרא-פיע פון דער דאזיקער רעטענישפולער געשטאלט.



קאָמיטעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט „לובלין און אומגעגנט" אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.
עס זיצן פון רעכטס: מ. וואַקסבוים, י. צוקערפיין, אַנאַ בראַם, מ. פרידמאַן, מ. אַלספעקטאָר.
עס שטייען: א. לאַופער, פ. יאַבלאָנסקי, ה. זיגעלמאַן, ז. פעפערמאַן.



אַ גרופּע חברים און סימפּאַטיקער פון „בונד" אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, אין יאָר 1952, בעת אַ צוזאַמענטרעף פון לובלינער. עס שטייען פון רעכטס: ענגעלסבערג, וואָרמאַן ז"ל, ראָזענבוש ז"ל, ח. ניסענבוים, ל. לערער ז"ל, פינקעלשטיין ז"ל, וואַסערשטרום (איצט אין ניו־יאָרק), עס זיצן די פרויען: ענגעלסבערג, וואָרמאַן, בעלע קרעמפּעל־ראָזענבוש ז"ל, ציטרין, וואַסערשטרום, פרוי בעל. אין דער אונטערשטער ריי: אברהמלע וואַסערשטרום, ......, מאָטל ראָזנבוש.



Lubliner and Vicinity Society
in Toronto
cordially invites you to its
20th ANNIVERSARY BANQUET
on Sunday, March 9, 1975
Beth Torah Congregation
47 Glenbrook Avenue, Toronto, Ontario
Dancing and Entertainment
Cocktails at 5:30 p.m. Dinner following
Members Only Free Entrance
The Committee
President MAX FREIDMAN
Friends and Guests are welcome $30.00 per couple

איינלאַדונג צו דער פייערונג לכבוד 20 יאָר „לובלינער און אומגעגנט לאַנדסמאַנשאַפט" אין טאָראָנטאָ — און די פייערונג גופא.






## קבלת־פנים אין טאָראָנטאָ פאַר די געסט פון ישראל



דער געזעגענונגס־אָוונט



אין דער וווינונג פון די פרידמאַנס



און אין דער וווינונג פון די אַלספעקטאָרס

## אין ניו־יאָרק



צפורה שפייזמאַן (טענענבוים) ווי אַ לערערין פון יידיש אין אַ ניו־יאָרקער עלטערן־היים. אונטן — אַ לענגערע נאָטיץ אין דער ענגליש־יידישער וואָכנשריפט „אמעריקען עקזאַמינער" וועגן צפורהס פעדאַגאָגישע טעטיקייט.

# Nurses at Rest Home Learn to Talk Yiddish

Registered nurses, licensed practical nurses and nurses aides at the Jewish Institute for Geriatric Care in New Hyde Park are attending weekly classes in conversational Yiddish so they can understand their patients better.

Although most of the elderly men and women at the nonsectarian institute speak English, some have reverted to Yiddish, their mother tongue, and cannot communicate well with the staff.

Concerned about the situation, nursing personnel asked if it would be possible to learn basic Yiddish words and phrases.

### A Plea for Water

Because of the enthusiastic response of the day staff, a class is being planned for the night nursing staff.

An acutely ill patient asking for water received a quick response from an aide who understood her plea, "Ich bin dorshtick." (I am thirsty.)

One nurse reported that after chatting briefly in Yiddish with a withdrawn old man, he told her, "I thought nobody cared about me. Now I again am somebody."

Mrs. Zypora Spaisman of the institute's recreational staff, who has Yiddish theater experience, conducts the class. Born in Poland, she was in Russian concentration camps during World War II, and lived in France and Canada before coming to this country in 1955.

The class learns such useful phrases as: "Gibt mir eine kuldreh." (Give me a blanket.) "Ich fuhl heiss." (I feel hot.) "Mein kopf tut mir vay." (My head hurts).

Wynomia McArn, a licensed practical nurse of Merrick, said, "When I came to New York from Virginia some years ago, I found it hard to understand many people. Accents were confusing. So I really sympathize with the problem the Yiddish-speaking patients have."

זכרונות, בילדער, דאָקומענטן און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַר „קול לובלין", ביטע שיקן אויפן אַדרעס:

**D. Shtokfish, 14 Hatzanchanim,**
**Ramat-Gan 52 341, Izrael.**

פאָטאָגראַפיעס זענען געוואונטשן שוואַרץ־ווייס. ניט אין קאָלירן.

# מזל־טוב דעם פּאָרל שיינער
# אין ניו־יאָרק



די „גאָלדענע חתונה" פונעם אַקטיוון טוער און בויער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק, סאָל שיינער און פרוי. מיר ווינטשן זיי פון גאַנצן האַרצן אַ „מזל־טוב" — ביז 120!

✶

ערשט נישט לאַנג האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פון סאָל שיינער, אין וועלכן ער שרייבט צוו. אַנד.:

מר דוד שטאָקפיש און קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

איר וועט אַנטשולדיקן פאַר מיין שווייגן ביז איצט, ווייל מיין פרוי און איך זענען געוועזן אויסער ניו־יאָרק אַ גאַנצן זומער, אויף אַפּרו. נאָך די יום־טובים וועל איך איינאָרדענען אַ צוזאַמענטרעף פון די לובלינער אין ניו־יאָרק און מיר וועלן באַטראַכטן אייער בקשה וועגן די „פאַרפרוירענע" געלטער אין אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט. איך דענק, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר צו שיקן פאַר דעם געלט אַן אַמבולאַנס א. נ. פון די קדושי לובלין, וואָס זאָל באַדינען אַ שפּיטאָל צי דעם מגן־דוד אדום אין ישראל. ווי איז אייער מיינונג וועגן דעם?

ליבער לאַנדסמאַן! אייער וויזיט ביי אונדז אין דער היים האָט מיין פרוי און מיר פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן. מיר זענען אייך זייער דאַנקבאַר. ס'האָט אונדז געפרייט צו באַקענען אייער פרוי און די אַקטריסע צפורה שפּייזמאַן. איך ווינטש אַלע לאַנדסלייט אין ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

מיט פריינדשאַפט

**סאָל שיינער**



## עלטסטע לובלינער פרוי (100 יאָר!) אין ניו־דזשערסי

„איך ביןביילע פון טשאַטיק" — האָט מיט געריירטקייט און פרייד אויסגערופן ביילע וויינזיכער (פון דער היים: ברייטער), די עלטסטע לובלינער יידישע פרוי (100 יאָר!), וואָס ווינט היינט אין ניו־דזשערסי, ווען זי האָט פון סעם ברייטער באַקומען אונדזער אויסגאַבע „לובלינער שטימע", אויף דער חתונה פון איר איניקל. זי האָט געהאַלטן איןביידע הענט די צייטונג, געקושט די בילדער און כסדר אויסגערופן: „אוי, דאָס זענען דאָך מיינע טייערע לובלינער יידן אין ישראל".

די דאָזיקע פרוי, וואָס האָט דערגרייכט אַזאַ הויכן עלטער, איז ביים פולן באַוווסטזיין, נוצט נישט קיין ברילן, באַדינט זיך אַליין, מאַכט איינקויפונגען אין די געשעפטן און איז אַרומגערינגלט מיט פיל אַכטונג און כבוד פון איר משפחה.

אויפן בילד: ביילע פון טשאַטיק, ווי זי אַליין באַצייכנט זיך מיט שטאָלץ ון איר טאָכטער פעני, געבוירן אין לובלין, איצט — 74 יאָר אַלט.

ווינטשן מיר די צוויי לובלינער פרויען נאָך אַסך יאָרן פון געזונט און וווילזיין.



דאָס בילד אויבן שטעלט פאָר די חתונה פונעם זון פון בערטאַ און צאַלעל פליישהאַקער אין ניו־יאָרק. בערטאַ פליישהאַקער איז די סעקרעטאַרין פון דער לובלינער סאָסייטי אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

→

אויפן בילד רעכטס: די חתונה פון צילאַ נאַגעל, דאָס ערשטע אייניקל פון חיה און זעליג וואַסערשטראָם אין ניו־יאָרק.



# לובלינער אין ניו־יאָרק האָבן ניט פאַרגעסן...

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1975.

טייערער פריינד,

מיר באַדויערן אויפריכטיק וואָס מ׳האָט ביז איצט ניט געשריבן, ווייל נישט שטענדיק גייט עס לויטן פּלאַן און ווילן. דיין וויזיט אין ניו־יאָרק איז שטאַרק צונוץ געקומען, די צוזאַמענטרעפן האָבן אונדז צוריק געבראַכט אין דער אַלטער היים און דערמאָנט די קינדער־ און יוגנט־יאָרן. איך שאַץ אייער אַרבעט אויפן געביט פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט.

דאָס לעבן אין אַמעריקע האָט איר געקענט אָבסערווירן פון דער נאָענט. דוכט זיך, אַז אַ העלפט דערפון פאַרברענגט מען אין אויטאָ...

מיר, די לובלינער אין ניו־יאָרק, האָבן געהאַט אַ גרויסן פאַרלוסט. דעם 22סטן אויגוסט ה.י. איז אונדזער טשערמאַן, אַלעקס פינקעלשטיין, פּלוצים געשטאָרבן. מען האַט אים קובר געווען מיטוואָך, דעם 27סטן אויגוסט. אין אָקטאָבער וועט פאָרקומען דער אַרויספאָר צום לובלינער מאָנומענט, ווו מען וועט באַערדיקן דאָס אַש וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון טויטן־לאַגער מיידאַנעק אין לובלין. איך וועל וועגן דעם באַזונדער שרייבן. אין סעפּטעמבער וועלן מיר ווידער האָבן אַ צוזאַמענטרעף פון די לאַנדסלייט.

צום נייעם יאָר ווינטשן מיר אייך און אַלע לובלינער אין ישראל אַ יאָר פון געזונט און פרייד, און דער מדינה — אַ דויערהאַפטיקן שלום. איך האָף צו קומען אייך באַזוכן דעם קומענדיקן זומער.

**הערי און אַננאַ פּרוכטמאַן**

---

**טייערע לאַנדסלייט,**

דער איצטיקער פאַרגרעסערטער נומער 10 „קול לובלין" (56 זייטן) האָט היי־יאָר אָפּגעקאָסט, אויך צוליבן יקרות, צוויי מאָל אַזוי פיל ווי פאַראַיאָרן. מיר ווייסן, אַז איר זייט אַלע צופרידן פון אונדזער אויסגאַבע — מ׳דאַרף זי אָבער אויך אויסהאַלטן און דערמעגלעכן כאָטש איינמאָל אין יאָר זאָל דערשיינען אונדזער טריבונע און בריק צווישן אַלע לובלינער אין דער וועלט. שיקט אַריין, ווינציקסטנס, 10 דאָלאַר פאַרן זשורנאַל. אויב איר שיקט מערער — איז אַוודאי גוט!
אַ דאַנק!

---



די אַנטהילונג פון מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין — אין ניו־יאָרק. עס שטייען פון לינקס אויף רעכטס: הענעק פרוכטמאַן, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן טרויער־אַקט; דער חזן יעקב האַסס, פאָגעלגאַרן, גרענדע, פלוג.



ביים מאָנומענט פון די לובלינער אין ניו־יאָרק. עס שטייען פון לינקס אויף רעכטס: צינאַמאָן, לאָלאַ וואַגנער ז״ל, יעלעניעוויטש, פרוי גרובער, שערל וווּרמאַן (צינאַמאָן), הער פרוכטמאַן, זיין שוועסטער און פרוי.

---

ניו־יאָרק, דעם 6.25.75

טייערע פריינד — שלום רב לכם!

...קודם וויל איך נאָכאַמאָל דאַנקען פאַר דער זייער וואַרעמער אויפנאַמע וואָס איר האָט פאַר מיר געמאַכט. דאָס גיט מיר שוין די אַספּיראַציע ווידער צו קומען — און וואָס שנעלער. פון דער פאַרזאַמלונג בין איך נאָך באַאיינדרוקט.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, איז פונקט פאָרגעקומען דער לעצטער מיטינג פון סעזאָן ביי די לובלינער. הגם איך האָב דעם זונטיק געהאַט זייער אַ וויכטיקן באַנקעט פון דער ישיבה־קאָלעדזש, ווייל מיר, דאָס הייסט די שארית הפליטה, האָבן דאָרט אַ קאַטעדרע צו שטודירן דעם חורבן, דאָך האָב איך געפונען צייט בייצוּווינען דעם לובלינער מיטינג. איך האָב זיי אָפּגעגעבן אַ פיינעם באַריכט פון ישראל, באַזונדער פון אייער צוזאַמענטרעף. איך גלויב, אַז מיר איז געלונגען צו שאַפן אַ גוטע אַטמאָספער פאַר בעסערע פאַרבינדונגען.

דעם אמת זאָגנדיק, בענקט זיך נאָך ישראל. דאָ ביי אונדז זענען איצט מוראדיקע היצן מיט פייכטקייט. דער ערגסטער קלימאַט אין דער וועלט איז אין ניו־יאָרק. הלוואי זאָלן די פּאָליטישע קלימאַטן זיין בעסערע.

גרוס אַלע מיינע חברים און אַלע לובלינער.

שלמה זינשטיין

קאָנסטיטוציע

פון די —

# פּראָגרעסיוו לובלינער

בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאַן

אָרגאַניזירט אין 1904



1936

שערבלאַט פונעם סטאַטוס (124 ז״ז!) פון די „פּראָגרעסיווע לובלינער״ אין ניו־יאָרק.

---

מאָנטרעאָל, דעם 10טן יולי 1975 י.

טייערע פריינד

איך ענטפער אויףביידע בריוו:

מיר שיקן אַ רשימה פון אַלע לובלינער, וועלכע נעמען אָנטייל אין אונדזער טעטי־קייט אין מאָנטרעאָל.

מיר בעטן אייך אַרויסצושיקן 30 עקזעמפּ־לאַרן „קול לובלין״ אויף אונדזער אַדרעס. פאַר דעם זשורנאַל וועט די לאַנדסמאַנשאַפט באַצאָלן נישט קוקנדיק אויף דעם, צי זי וועט איינקאַסירן דעם אָפּצאָל אָדער נישט.

דעם 20סטן אויגוסט ה. י. פאָר איך קיין פוילן און וועל דאָרט זיין ביזן 3טן אָקטאָ־בער. אויב עס וועט מיר נישט זיין צו שווער, וועל איך צופאָרן אויף אַ פּאָר טעג קיין שוועדן און דענעמאַרק. אויב איך וועל לעבן און זיין געזונט, רעכן איך אין הערבסט 1976 צו קומען אויף אַ פּאָר וואָכן קיין ישראל. ווען איך וועל זיין אין לובלין, וועל איך מיך אָריענטירן, וואָס מען קאָן טאָן וועגן די ענינים וואָס עס האָט באַרירט שלום גארן.

ביי מיר פּערזענלעך איז אַלץ בסדר, סיי מיט געזונט און סיי מאַטעריעל, הלוואי ווייטער נישט ערגער. דער עיקר — עס זאָל זיין שלום אויף דער וועלט און איבערהויפּט אין ישראל, ווייל „לא מצא הקדוש ברוך הוא מתנה טובה לישראל כשלום, שנאמר ה׳ עוז לעמו יתן, ה׳ יברך את עמו בשלום״.

פאַרבלייבט געזונט און האַרציק געגריסט,

אייער

אהרון ניסענבוים

---

# „די שארית הפליטה אין אַמעריקע לעבט נישט נאָר מיט דער פאַרגאַנגענהייט״

שמועס מיטן וויצע־פּאַרזיצער פון דער וועלט־פעדעראַציע פון אַנטי־נאַצי קעמפער און געוועזענע קאַצעטלער, **שלמה זינשטיין** פון ניו־יאָרק

מיט צוויי חדשים צריק האָט אונדזער לאַנדסמאַן ש. זינשטיין באַזוכט ישראל און די תל־אביבער טאָג־צייטונג „לעצטע נייעס״ האָט מיט אים דורכגעפירט אַן אינטערוויו וועגן זיין אַקטיווער געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט אין ניו־יאָרק. ביי דער געלעגנהייט דרוקן מיר איבער פו־נעם „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״ די ביאָגראַפיע פון אונדזער בן־עיר, **שלמה זינשטיין.**

געבוירן 9 מאַי 1913 אין לובלין, פוילן. עלטערן — באַשעפטיקטע אין דער לעדער־בראַנזשע. געלערנט אין חדר, יידישע פאָלקס־שול און אין שפּערס גימנאַזיע. אין דער פּריסטער יוגנט געוואָרן אַקטיוו אין דער ׳השומר הצעיר״־באַוועגונג, ווו ער טרעט אַרויס אַלס דעקלאַמאַטאָר און פירט אויס דראַנאָווס „משוגענער אין שפּיטאָל״. שפּע־טער געשאַפן אין די הכשרה־קיבוצים דראַ־מאַטישע קרייזן, און מיטן קבוץ ׳במעלה״ אין פּלאָנסק אויפגעפירט וואָלפס פּיעסע „די גע־לע לאַטע״, דר. צפּורס „אויפשטאַנד״. די פאָרשטעלונגען אויך געגעבן אין דער סביבה. אין וואָלאַצלאַוועק פירט ז. אויף זיין דראַ־מאַטיזאַציע פון דוד פרישמאַנס „גולם״ און די פּיעסע „דער אַרבעטלאָזער״ (פון אַרטיסט סאַמבערגס רעפּערטואַר), ווי אויך רעווי־פאָרשטעלונגען.

אין 1937, בעתן דינען אין דער פוילישער אַרמיי, אויפגעפירט מיט אַ ליבהאָבער־קרייז אין סאַרנע, וואָלין, קאָברינס „דאָרפסיונג״, דערנאָך אַרומגעפאָרן איבער פוילן מיט וואָרט־קאָנצערטן פון יידישן קינסטלערישן רעפּערטואַר. ביים אויסברוך פון דער צוויי־טער וועלט־מלחמה, אַנטלאָפן קיין אוקראַי־ניש סאָוויעט־רוסלאַנד, ווו ער האָט פון 1939 ביז 1941 אָנגעפירט אין בראַילאָוו מיט אַ דראַמקרייז, אויפפירנדיק אַקטועלע פּיעסן און סצענקעס און לייענענדיק פון שלום־עליכם, בערגעלסאָנס „דער טויבער״ און גאָרקיס „די מוטער״, זיך אויך באַטייליקט אין אַ טעאַטער־קאָנקורס, און באַקומען אַן אויסצייכענונג אַלס בעסטער פאָרלייענער. נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע, אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער געטאָ פון זשמערינקאַ (טראַנסניסטריע), ווו ער איז געווען לערער פון די יידישע קינדער און מיט זיי געמאַכט קליינע אויפפירונגען, באַזונדערס פון ארץ־ישראל־כאַראַקטער. אויך מיטגעאַרבעט מיט די פּאַרטיזאַנער פון יענער געגנט.

נאָך דער באַפרייונג, געקומען אין באַמ־בערגער לאַגער, און דאָרט געגרינדעט די „באַמבערגער יידישע דראַמאַטישע סטודיע״, מיט וועלכער ער פירט אויף זיינע אייגענע דראַמאַטיזאַציעס (פון זכרון) פון אַשס „קי־דוש השם״, שלום־עליכמס „200,000״, זיינע אַ רעווי „תל־אביב״ א.אַ.

ז. האָט אויך דאָרט געהאָלפן גרינדן די צייטונג „אונדזער וואָרט״ (אין יידיש, פריער מיט לאַטייניש, דערנאָך מיט יידישע או־תיות), ווו ער האָט געשריבן בילדלעך פון נאַצי־גיהנום, פעליעטאָנען א״פ בן־ארי און געווען ליטעראַרישער רעדאַקטאָר. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער „לאַנדסבערגער צייטונג״ און אין מינכענער זשורנאַל „דער לעצטער חורבן״, און איז אַרומגעפאָרן מיט קאָנצערטן צוזאַמען מיטן חזן שווימער.

אין 1947 געקומען אין אַמעריקע, ווו ער האָט געהאַט די געלעגנהייט אָפּט אויפצו־טרעטן אין בעסערן, קינסטלערישן רעפּער־טואַר אויף אַ ריי אָנגעזעענע יידישע וואָרט־קאָנצערטן און פייערונגען אין ניו־יאָרק און איבער אַנדערע שטעט פון אַמעריקע, און אין יוני 1951, געהאָלפן שאַפן אַ דראַמאַטישע גרופּע, וועלכע האָט געגעבן 2 פאָרשטעלונ־גען.

ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט ז. געהאָלפן גרינדן דעם צווייג פון פליטים ביים יידיש - נאַציאָנאַלן אַרבעטער - פאַרבאַנד („מסדה״, צווייג 403), פון וועלכן ער איז דער פאָרזיצער.

---

# זוכט קרובים

---

**פרץ שעכטמאַן** אין בראַזיל ווערט געזוכט דורך דעם העניעק פרוכטמאַן אין ניו־יאָרק. זיין אַדרעס:

Harry Fruchtman
4905 Beach 49 St.
Brooklyn, N. Y. 11224, U.S.A.

**מענדל ראָזענטאַל**, זון פון איטשע־לייב און דאָרא ווייַנבוך, געוווינט אין לובלין אויף רינעק 2, ווערט געזוכט דורך העניריק ראָזענטאַל אין בוענאָס־איירעס. זיין אַדרעס:

Henryk Rosental,
Via Monte No. 2457
Bs. Aires,
Argentina

THE NEW LUBLINER AND VICINITY
BRANCH 3 6 0 WORKMEN'S CIRCLE

B. Fleishhacker
Financial Secretary
2761 Strickland Avenue
Bklyn, N.Y. 11234
Tel: 763-4148

טײַערע פרײַנד:

איר ווערט פארבעטן צו קומען צו דעם
לעצטן מיטינג פון דעם סעזאָן

זונטיק, דעם 8טן יוני - 1 בײַ טאג

אין סטאטלער-הילטאן האטעל
7טע עוועניו און 33טע גאס, ניו-יארק.

טאג אָרדענונג:

1. באריכט פון דעם לעצטן מיטינג.
2. א געניויען באריכט וועגן מקבר זײַן די אש פון מאידאנעק.
3. פארשיידנס

בײַ דעם געזעגענונגס מיטינג וועלן מיר האָבן די באוואוסטע ישראל זינגערין חנה אליאן מיט איר פיאניסט, וועלכע וועלן אונדז פארווײלן מיט יידישע און העברעאישע פאלקסלידער.

צוזאמען וועלן מיר פארברענגען און אנגענעמען נאך מיטאג און זיך ווינטשן אײנער דעם אנדערן א פרײלעכן און געזונטן זומער.

מזל טוב: מר. און מרס. פלוג לכבוד זײער טאכטערס חתונה.

א רפואה שלמה ווינטשן מיר פרײַנדין אברהם לעדערמאן, פרײַנדין לאלא וואגנער און הרב טווערסקי.

א געשמאקער צובײַס וועט סערווירט ווערן.

מיט פרײַנדלעכן גרוס,

א. פינקעלשטײן, פארזיצער
א. גרענדער, וויצע פארזיצער
ב. פלײשהאקער, סעקרעטארין
ס. בוים, רעק. סעק. און קאסירער

☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆

Dear Friends:

The final meeting of the current activities season will be held on Sunday, JUne 8th at 1 P. M. at the Statler Hilton Hotel, 7th Ave. & 33rd St. NYC.

Of special interest on the agenda will be the itme concerning the burial of ashes from Maidanek.

The talented Israeli singer HANNA ELLYAN will render a concert program of Yiddish and Hebrew songs.

Delicious refreshments will be served.

MAZEL TOV Mr. & Mrs. Flug upon the marraige of their duaghter.

We wish a speedy recovery from illness to: Mrs. A. lederman, Lola Wagner and Rabbi Twersky.

FraTernally yours

A. Finkelstein, Chair. A. grander, V. Chair. B. Fleishhacker, Secy. S. Baum, Treas

opeiu-153

אײַנלאַדונג צום מיטינג פון די לובלינער אין ניו-יאַרק

# א לובלינער מיטינג אין בוענאָס־איירעס

### מ. ק.

(„די פרעסע", בוענאָס־איירעס)

דוד שטאָקפיש, באַקאַנטער פובליציסט, רעדאַקטאָר און קולטור־עסקן פון ישראל, איז מיט דער גאַנצער האַרציקייט אויפגענומען געוואָרן, צוזאַמען מיט זיין פרוי רבקה, אויף אַ מיטיק אין הויז פון קולטור־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן, ווו ער האָט שבת ביינאַכט דערעפנט דעם קולטור־זמן מיט אַן אויסגעצייכנטן פאָרטראַג. די מסיבה האָבן אָרגאַניזירט די לובלינער לאַנדסלייט, ווייל חוץ אַלע אַנדערע אַקטיוויטעטן, קולטור־געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און שרייבערישע, איז דוד שטאָקפיש אויך דער פאָרזיצער פון „אירגון יוצאי לובלין בישראל", און איינע פון די שליחותן פאַר זיין רייזע איבער זיבן ישובים פון צפון אַמעריקע, קאַנאַדע, לאַטיין־אַמעריקע און אייראָפּע, איז די פאַרבינדונג פון די לובלינער אין דער גרויסער וועלט מיט זייערע בני־עיר פון ישראל, וואָס פירן דאָרט אַ וויכטיקע טעטיקייט.

עס האָט אָנגעפירט מיט דער מסיבה און אַרויסגעטראָטן מיטן דערעפן־וואָרט דניאל קלאָוויר, דער פרעזידענט פון לובלינער לאַנדסלייט פאַריין, מיט פריינטלעכע אָפּשאַצונגס־ווערטער פאַרן גאַסט.

קאָפּל מיזשעריצקי, סעקרעטאַר פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט און חבר פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן, האָט זייער לעבעדיק געשילדערט די געמיינזאַמע יאָרן אין דער קינדער־ און יוגנט־אָרגאַניזאַציע און האָט אַרויסגעבראַכט די פרייד פון דאָזיקן צוזאַמענטרעף מיט דוד שטאָקפיש, נאָך די יאָרן פון חורבן, פון זיין נע ונד אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי אַ גאַסט פון ישראל און פון דער יידישער אויפריכטונג און אויפקום.

יעקב גראַדעל האָט זייער וואַרעם אָפּגעשאַצט די לייסטונגען פון דוד שטאָקפיש פאַר די צוויי יזכור־ביכער נאָך דער פאַרשניטענער עיר ואם בישראל לובלין, אין יידיש און עברית, און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די טעטיקייטן פון דעם לובלינער לאַנדסלייט פאַריין.

לעאָן מיטלמאַן האָט אַרויסגעהויבן די שרייבערישע שליחותן פון דוד שטאָקפיש, וואָס האָט אויך רעדאַקטירט דאָס בוך „בריוו פון פראָנט" פון זיין העראָישן ברודער, וועלכער איז געפאַלן לעבן וואַרשע נאָך זיין לאַנגן מאַרש מיט דער פוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך פאָרמירט אין ראַטנפאַרבאַנד.

עס האָט נאָכגעפאָלגט מיט אַ באַגריסונגס־וואָרט דער לאַנדסמאַן כאָסע פעלד, און די פרויען טעמפּלדינער און מיזשעריצקי האָבן צוגעטראָגן דער פרוי רבקה שטאָקפיש אַ בלומען־מתנה.

דוד שטאָקפיש האָט זיין ענטפער־וואָרט אָנגעהויבן מיט דאַנקשאַפט פאַר דעם האַרציקן קבלת־פנים. „אָבער מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט און באַשיידנקייט דאַרף מען זאָגן, אַז דעם גרעסטן טייל פון דעם קומט דער עיר ואם בישראל לובלין פון וואַנען מיר אַלע שטאַמען און מדינת ישראל פון וואַנען איך קום. דאָס זיינען צוויי געאָגראַפישע באַגריפן: לובלין, וואָס איז שוין מער ניטאָ און ישראל, פאַר וועמען מיר אַלע קעמפן, דאָרטן און דאָ."

דוד שטאָקפיש האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין רייזע איבער זיבן יידישע ישובים, אָבער דאָס גייסטיק עמאָציאָנעלע פון לובלין וועט ניט פאַרגעסן ווערן, סיי פון די וואָס זיינען אַהער געקומען



אַ גרופּע לובלינער אויפן צוזאַמענטרעף מיט די פאָרשטייער פון ישראל אין בוענאָס־איירעס

און אויך פון די וואָס קומען ניט און ווילן אפשר פאַרגעסן, ווייל דאָרט האָבן געלעבט די קדושים, און ווייל מיר זענען דאָרט אויסגעוואַקסן. דאָס איז דער גייסטיקער מהות פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס קיין שום פאָלק האָט ניט אין אַזאַ מאָס ווי מיר ייִדן, ווייל אין קיין שום פאָלק איז מען ניט געבליבן אַזוי איינזאַם ווי מיר.

די לאַנדסמאַנשאַפטן זענען וואָלונטאַרע אינסטיטוציעס. אין יישראל איז קודם כל אונדזער אויפגאַבע קעגנזייטיקע הילף. נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָבן מיר אויפגענומען עולים, אַ פערציק משפחות, אָפּשטאַמיקע פון לובלין, וואָס דער גאָמולקאַ־רעזשים האָט פאַרטריבן פון פוילן.

דוד שטאָקפיש האָט זייער רירנדיק געשילדערט די יזכור־אַקטן פון די לובלינער לאַנדסלייט, דעם מאָנומענט לזכרון פון די קדושים, דעם אָרגאַן „לובלינער שטימע", די צוויי יזכור־ביכער און די ליטעראַרישע פּרעמיעס אויפן נאָמען פון די קדושים, וואָס ווערן אויסגעטיילט יעדעס יאָר צו צוויי שרייבער, פינאַנסירט פון יואל גאָלדמאַן, אַ לובלינער לאַנדסמאַן פון לאָס־אַנזשעלעס, און דערמאָנט די וויכטיקע פּראָיעקטן פון די לובלינער אין ישראל, וואָס קאָנען רעאַליזירט ווערן מיט דער הילף פון אַלע לובלינער לאַנדסלייט אין דער גרויסער ייִדישער וועלט.



אויף אַ פאַרזאַמלונג פון לובלינער אין בוענאָס־איירעס (מערץ 1975). עס זיצן פון לינקס: קלאַוויר, פּרעזידענט פון די לובלינער ל"ל אין אַרגענטינע, רבקהלע שטאָקפיש, פרוי מיטעלמאַן, דוד שטאָקפיש (רעדט), לעאָ מיטעלמאַן און רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע", מ. קויפמאַן.

# מיר וועלן ניט פאַרגעסן די לובלינער גאַסטפרײַנטלעכקייט אין ישראל

## לעאָן מיטעלמאַן / בוענאָס־איירעס

(פון זיין באַגריסונג־רעדע לכבוד דעם שליח פון ישראל)

מיר נעמען איך אויף מיט העפלעכקייט און ברודערלעכע וואַרעמקייט, וואָס וועט אויך געבן אַ געלעגנהייט זיך דורכצושמועסן וועגן אַלע פּראָבלעמען וואָס אינטערעסירן לובלינער ייִדן אין בוענאָס־איירעס און אויף דער גאַנצער וועלט. פאַר מיר און פאַר מיין ליבער פרוי איז עס אַ געוואַלדיקע שמחה צו האָבן אייך פאַר אַ גאַסט, ווייל איר האָט רעדאַגירט דאָס בוך וועגן מיין ברודער שלמה „בריוו פון פראָנט" — די בריוו וועלכע מאיר שילדקרויט האָט אָפּגעהיטן אַ סך יאָרן, ביז זיי זענען דערשינען אין אַ בוך־פאָרם.

ווען מיט 8 יאָר צוריק האָב איך און מיין פרוי באַזוכט ישראל, האָבן די לאַנדסלייט דאָרט מיך אויפגענומען מיט אַזאַ פריינדלעכקייט און הכנסת־אורחים, אַז ביז היינט קענען מיר דאָס נישט פאַרגעסן. איר האָט מיר דאַן דערמעגלעכט, אין „בית סוקולוב" אין תל־אביב, ביי אַ פול געפּאַקטן זאַל מיט לובלינער, צו רעפערירן וועגן דעם פולבלוטיקן לעבן און פאַרצווייגטער טעטיקייט פון אַרגענטינער ייִדנטום אויפן געביט פון קולטור, חינוך און קאָאָפּעראַציע.

אַ טייל פון אונדזער טעטיקייט איז געווען געווידמעט דאָס דערשיינען פונעם בוך פון מיין ברודער שלמה „בריוו פון פראָנט". אויף דעם אָוונט זענען אַרויסגעטרעטן מיט רעדעס: קאָפּל מיזשריצקי, גראַדל, חיים פינקלשטיין, ווי אויך מיין ווייניקייט.

מיר ייִדן האָבן אַ נייגונג צו פאַרשטיין די וועלט, אָבער די וועלט וויל אונדז ניט פאַרשטיין. לאָמיר האָפן, אַז די איצטיקע ישראל־רעגירונג טוט אַלץ, בכדי אַרויסצוגיין פון דער פאַרפלאָנטערטער לאַגע. מיר לובלינער אין בוענאָס־איירעס ווינטשן דער ישראל־רעגירונג דערפאָלג אין איר טעטיקייט לטובת דעם שלום. מיר שיקן איבער פלאַמיקע גרוסן דעם הערצישן צה"ל און אויך דעם אירגון יוצאי לובלין אין ישראל פאַר זיין געבענטשטער טעטיקייט.

מיר בעטן אייך: קומט אונדז באַזוכן וואָס אָפטער!


צו אַלע ייִדיש־לייענערס אין לאַנד און אויסלאַנד!

שוין דערשינען

„דאס לעבן פון משה דיין"

פון **שבתי טבת**

אין דער ייִדיש־איבערזעצונג פון **עובדיה פעלד**

ביידע בענד אַנטהאַלטן ביי 600 ז"ז און קאָסטן אין לאַנד **60** ל"י; אין אויסלאַנד — **12** דאָלאַר.

די צוויי בענד נעמען אַרום צענדליקער פּערזענלעכקייטן און אַ תקופה פון 50 יאָר אומאָפּהענגיקייט־קאַמף.

עקסקלוסיווער פאַרקויף: י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, אלנבי 31.

**I. L. Peretz Publishing, 13 Allenby st., Tel-Aviv, Izrael.**



אויף דעם געזעגענונג־אָוונט לכבוד די געסט פון ישראל אין דער וווינונג פון ראובן ראָסעט

# „לובלינער טעג" אין סאַן־פּאולאָ

לאַזער גאָלדבוים

(„דער נייער מאָמענט",
סאַן־פּאַולאָ, 4.4.1975)

אויף אַ קורצן באַזוך קיין סאַן־פּאַולאָ איז געקומען דער באַקאַנטער ישראלדיקער שרייבער, איבערזעצער, זשורנאַליסט און קולטור־טוער, ח' דוד שטאָקפּיש, אין באַגלייטונג פון זיין פרוי רבקהלע.

דער חשובער גאַסט איז אַרויסגעטראָטן עפנטלעך מיט רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמעס, וואָס מיר וועלן זיך באַמיען צו באַריכטן לויט דעם סדר פון די אַרויסטריטן.

ביי אַ גרויסן עולם צוהערער, האָט פרייטיק, דעם 28סטן מערץ, דער ישראל־גאַסט דוד שטאָקפּיש געהאַלטן אַ פאָרטראַג אד"ט „שלום־אויסזיכטן און מלחמה־געפאַרן אויפן נאָענטן מזרח".

דער לייטער פון יידישן קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער „העבראַיקאַ" ח' אורון מאַנדעל עפנט דעם אָוונט און דער שרייבער מאיר קוטשינסקי שטעלט פאָר דעם גאַסט, וועלכער רעדט וועגן דער קעגנוואַרטיקער פּאָליטישער לאַגע אויפן מיטעלן מזרח.



עס זיצן פון רעכטס: ש. בילעט, רבקה שטאַקפּיש, לאַזער גאָלדבוים, ראובן ראָסעט, דוד שטאַקפּיש.

*

דער קאָמיטעט פאַר אויפנעמען דעם לובלינער לאַנדסמאַן, אַקטיוון עסקן, רעדאַקטאָר פון אַ צאָל יזכור־ביכער, ה' דוד שטאָקפּיש, האָט איינגעאָרדנט דעם 29סטן ד.ח. אין לאָקאַל פון „השומר הצעיר" אַן אָוונט ספּעציעל געווידמעט פראַגן, וואָס דער עולם זאָל שטעלן און דער גאַסט פון ישראל זאָל ענטפערן. דעם אָוונט האָט געעפנט דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט ה' אורון מאַנדעל, און פאָרגעשטעלט דעם גאַסט. פריינד לאָזער גאָלדבוים, סעקרעטאַר פון די לובלינער אין בראַזיל, האָט באַגריסט דעם גאַסט.

פאַרן אָנהייב פון דעם אָוונט האָט די רעציטאַטאָרין גינטשע קאָן דעקלאַמירט אַ געדיכט פון י. ירושלמי א.נ. „האַלאָ! האַלאָ!", וואָס האָט אַן אַקטועל פּאָליטיש־סאַטירישן אונטערשלאַק, און האָט אויסגענומען ביים עולם. דערנאָך האָט מען גענומען שטעלן פראַגן.

עס איז געווען אַ גרויסע „נאָכפראַגע" אויף אַלע דעטאַלן וואָס עס טוט זיך אין ישראל.

דער רעפערענט, ה' דוד שטאָקפּיש, האָט עטאַפּנווייז געענטפערט אויף פראַגן, וואָס בינדן זיך איינע מיט דער אַנדערער. זאַכלעך, קלאָר, האָט ער אַנטוויקלט די פּראָבלעמען. ווי אַ מענטש אַן אינעווייניקסטער, האָט ער אַלע טעמעס באַהאַנדלט מיט באַהאַוונטקייט און אויפגעוויקלט די פּאַנאָראַמע פון די וויכטיקסטע, אַקטועלע פּראָבלעמען, סיי די אָנגעווייטיקטע און סיי די דערפרייענדיקע.

דער עולם איז אַוועקגעגאַנגען אַ צופרידענער.

*

אין פּראָגראַם פון די קולטור־פרימאָרגנס פון פאָלקס־אוניווערסיטעט ביי דער „העבראַיקאַ" איז זונטיק, דעם 30סטן מערץ פאָרגעקומען אַ לעקציע געהאַלטן פון ישראל־קולטור־שליח דוד שטאָקפּיש אויף דער אויבנדיקער טעמע.

דער לייטער פון יידישן קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער „העבראַיקאַ", ה' אורון מאַנדעל, עפנט דעם פרימאָרגן און גיט איבער ס'וואָרט דעם לעקטאָר צו רעפערירן וועגן דער דערמאָנטער טעמע. דער רעפערענט, אין משך פון איבער אַ שעה צייט, האָט אויפגעוויזן מיט ציפערן די פאַרפעסטיקונג און באַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור, ווי ס'ווערן פון יאָר־צו־יאָר פאַרגרעסערט די צאָל אַרויסגעגעבענע יידישע ליטעראַרישע ווערק און דאָס מיט דער טיילווייזער פינאַנציעלער שטיצע פון דער רעגירונג.

די צאָל אָנוועזנדיקע — אַ 350 פערזאָן.

*

אין דער רחבותדיקער רעזידענץ פון ה' ראובן ראָסעט, איז פאָרגעקומען אַן איינדרוקספולע געזעגענונג־מסיבה, וואָס איז געוואָרן צוגעגרייט דורך דעם גאַסט־געבער ביד הרחבה פאַר זיינע לאַנדסלייט און געסט, דוד און רבקהלע שטאָקפּיש, מיט דער באַטייליקונג פון אַ שיינער צאָל געסט און לובלינער לאַנדסלייט, וועלכע זענען געקומען זיך געזעגענען מיט דעם פּאָרל. צווישן די געסט האָבן זיך אויך געפונען דער אַרגענטינער דיכטער משה קנאַפהייס און זיין פרוי, די קונסט־מאָלערין, רות קרוין.

דער גאַסטגעבער, ה' ראובן ראָסעט, געזעגנט זיך מיט זיינע ליבע געסט און לאַנדסלייט, וועלכע ער האָט געהאַט דעם כבוד און דאָס פאַרגעניגן צו האָבן ביי זיך אין הויז די גאַנצע צייט פון זייער אויפהאַלט אין סאַן־פּאַולאָ און ווינטשט זיי אַ האַרציקן צאתכם לשלום. עס קומט דאַן צום וואָרט דער סעקרעטאַר פון לובלינער לאַנדסלייט פאַראיין אין סאַן־פּאַולאָ, ה' לאָזער גאָלדבוים, וועלכער רעכנט אויס די אומגעהויערע לייסטונגען און פאַרדינסטן פון ה' דוד שטאָקפּיש אויפן קולטורעלן און סאָציאַלן געביט אין מדינת ישראל, ספּעציעל וואָס

שייך די לובלינער לאַנדסלייט, פון וועלכן פאַרבאַנד ער איז דער פּרעזידענט. עס קומען נאָך צום וואָרט: דער שרייבער יצחק גוטערמאַן, רעדאַקטאָר ק. חרמץ, אהרן קנאָוולער און דער דיכטער משה קנאַפּהייס. אַלע רעדנער שטרייכן אונטער די וויכטיקע ראָלע וואָס עס שפּילט ח׳ דוד שטאָקפיש אין דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין מדינת ישראל, זיין גרויסן ביישטייער ביים רעדאַקטירן אַ גרויסע צאָל יזכור־ביכער פון פאַרשידענע יידישע קהילות און דעם גוטן איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט ביי אונדז אין ישוב מיט זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן און באַלערנדיקע רעפעראַטן. פרוי גינטשע קאָן דעקלאַמירט אַ סאַטירישן מאָנאָלאָג „דיפּלאָמאַטן". נאָך דעם קומט צום וואָרט דער באַערטער, וועלכער דאַנקט זיינע חברים און פריינד פאַר דער וואַרעמער פאַראינטערעסירונג מיט אים און זיין פרוי, ספּעציעל איז ער מלא התפעלות פון זיין לאַנדסמאַן, דעם עסקן ראובן ראָסעט, וועלכער האָט זיי אויפגענומען מיט פאַמיליאַרער וואַרעמקייט און האַרציקייט, לאָזנדיק אויף זיי אַ שטאַרקן איינדרוק. ער רעדט נאָך וועגן זיין קולטור־טעטיקייט אין ישראל, וועגן די אַקטיוויטעטן פון לובלינער לאַנדסלייט־פאַראיין און זיינע פּלענער פאַר דער צוקונפט, רעכענענדיק אויף דער הילף פון די לובלינער לאַנדסלייט אין די תפוצות. ער גיט איבער אַ מתנה דעם לאַנדסמאַן ראובן ראָסעט און געזעגנט זיך האַרציק מיט אַלע חברים און פריינד. צום שלום ווערט סערווירט פאַר די געסט אַ שיינער כיבוד, געשמאַקע פּסחדיקע מאכלים און משקאות, פאַרברענגענדיק אין אַ חברישער סביבה ביז שפּעט אין דער נאַכט.

## אַ בריוו פון דענעמאַרק

אָרהוס, 30.8.75

ליבער פריינד דוד,

אַ דאַנק פאַר אייערע ווּנטשן צום נייעם יאָר און פאַר די וואַרעמע ווערטער. לעצטנס איז ביי מיר געווען ניט מיט אַלעמען בנוגע דעם געזונט. איך אַרבעט אין אַ שטאָט, ווּ עס זענען נישטאָ קיין סך יידן און אויך נישט געטראָפן דאָ קיין לובלינער. מעגלעך, אַז אַזעלכע געפינען זיך אין קאָפּענהאַגען און כ׳וועל זיך באַמיען צו דערוויסן וועגן דעם. אפשר זענען פאַראַן לובלינער פון נאָך דער מלחמה, אָבער דאָס איז שוין נישט אונדזער לובלין...

איך גלויב צו קומען אויף אַ באַזוך קיין ישראל אין יאָר 1976 און מיט פרייד זיך וועלן זען מיט אייך און מיט נאָך לאַנדסלייט. איך ווינטש אייך אַלעמען כל טוב.

מענדל ווייסמאַן



פּורים־פייערונג ביי די לובלינער אין פּאַריז. עס שטייען פון לינקס: מ. לעווינבוים, א. זאָבערמאַן, י. זילבערמאַן, ש. האַס, זש. גאָלדבוים, ט. פאָרשטעטער־קאָרמאַן, ג. שוואַרץ, י. ראָזנצווייג, ד"ר שטיין, מ. ראָזנבלום, גערשנזאַפּט, וועקשטיין, ח. פינקעלשטיין, א. ראָטשטיין.

# דערפרייכע? — דערפאָלגרייכע פּורים־פייערונג ביי די לובלינער אין פּאַריז

דער גרויסער זאַל פון „אַרבעטער־רינג" איז געווען איבערגעפּולט. עס ווילט זיך גלויבן, אַז קיינער פון אונדזערע מיטגלידער האָט זיך חלילה נישט באַליידיקט, וואָס עס איז אויסגעקומען צו זיצן אין ענגשאַפט. די קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן באַפרייט זייערע זיץ־פּלעצער, בכדי אויפצונעמען ווי מחותנים די טייערע געסט. אונדזערע איבערגעגעבענע מיטגלידער פון דער אונטערנעמונגס קאָמיסיע׳: די ליבע פרוי דינה׳לע ראָטשטיין, משהלע ראָזנבלום, גאָלדשמיד, האָבן געזאָרגט, אַז דער זאַל זאָל זיין דעקאָרירט מיט בלומען. יעדער איז דורך זיי באַדינט געוואָרן מיט טיי, המן־טאַשן און פאַרשידענע פרוכטן. אַ היימישע, אינטימע יום־טובדיקע פרייד האָט אַרויסגעשיינט פון אַלעמענס פּנימער.

די פּאָרזיצערין פון דער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין", שרהלע גאָלדאַדלער, עפנט די פייערונג און גיט איבער די באַגריסונגען וועלכע ס׳האָבן צוגעשיקט דער סעקרעטאַר און וויצע־פּאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט, גאָלדרינג און דאַנערשטיין. אין איר אַרויסטריט דערמאָנט זי ווי אַזוי מיר האָבן אין דער אַלטער היים געפייערט דעם פּורים יום־טוב. יעדע שטוב איז אָנגעפילט געווען מיט טעאַטראַלישקייט, מיט פאַרשידענע פּורים־שפּילן, וואָס האָבן אויסגעדריקט די פרייד פון דעם היסטאָרישן נס, וואָס אַנשטאָט יידן זאָלן אומקומען, זענען די שונאים פאַרניכטעט געוואָרן.

פריינד אַלטער זאָבערמאַן, דער פּאָרזיצער פון דער געז. „פאַראייניקטע לובלינער", נעמט איבער דעם פּאָרזיץ און מערקט אָן, אַז טראָץ די יום־טובדיקייט קענען מיר נישט פאַרבייגיין און נישט דערמאָנען דעם לעצטן באַנדיטישן אָנפאַל קעגן די אומשולדיקע איינוווינער פון האָטעל „סאַוואָי" אין תל־אביב. ספּאָנטאַן שטעלט זיך דער עולם אויף צו באַערן די קרבנות. ער שיקט אויך איבער אַ ברכה און א רפואה שלימה אונדזערע קראַנקע מיטגלידער יחזקאל לאָבערבלאַט און פייגע מילץ.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די „פאַראייניקטע לובלינער", משה זאַלצמאַן, שטעלט זיך ברייטער אָפּ אויף דער היסטאָרישער לערע וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פון דעם קלוגן ספר מגילת אסתר, וואָס סימבאָליזירט די טראַגעדיע פון דער יידישער עקזיסטענץ אין גלות און גיט אונדז צו טרייסט און האָפענונג, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט איבערלעבן אַלע געפאַרן.

אין זאַל קומט אומגעריכט אַריין דער גאַסט פון אַמעריקע מיט זיין פרוי, דער באַגאַבטער זשורנאַליסט און שרייבער, ש. ל. שניידערמאַן. זיי ווערן וואַרעם באַגריסט דורך טעשקע קאָרמאַן.

שניידערמאַן דערציילט אין זיין קורצער אַרויסטרעטונג, אַז ער איז טיף באַאיינדרוקט און באַגייסטערט פון דער גרויסער צאָל לאַנדסלייט און מיט דער יום־טובדיקער שטימונג. מיט דער שטאָט לובלין איז ער געווען פאַרבונדן פון זיין פריעסטער יוגנט. ער האָט דאָס יידישע לובלין געקענט אין זיין העכסטן

פונאַנדערבלי און געווען דאָרט אויך אין די ערשטע טעג נאָכן גרויסן חורבן. די שטאָט פון דורות לאַנגער חכמה און תורה און יידישער וועלטלעכקייט האָט געפונען איר תיקון אין די ווערק פון אייער גרויסן בן־עיר, דער וואָרט־קינסטלער אין פּאָעזיע און אין פּראָזע, יעקב גלאַטשטיין, וואָס די יידישע קולטור־וועלט האָט לעצטנס אָפּגעצייכנט זיין דריטע יאָרצייט.

אין אַרטיסטישן טייל איז אַרויסגעטרעטן דער זינגער פּאָל סטאַראָשעוויעצקי מיט זיין אויסגעצייכנטן פּראָגראַם, צוגעפּאַסט לכבוד פּורים. דער עולם האָט אים האַרציק באַדאַנקט און מיטגעזונגען מיט אים.

אונדזער ליבער זאַמאָשטשער לאַנדסמאַן סאַנע מאָסמאַן וואָס אימיטירט אויף אַ הויך־קינסטלערישן אופן מיט אַלע ניואַנסן, דעם גרויסן יידישן בינע־אַרטיסט ש. דזשיגאַן, האָט געגעבן אויף אַ וווּנדערלעכן אופן צוויי מאָנאָלאָגן „דער טוריסט" און „זייט מיך ניט מקנא". ער ווערט באַדאַנקט מיט שטורמישע געלעכטערן און אַפּלאָדיסמענטן.

אַ יישר־כּוח קומט די פריינד שמואל און גניע שאַפּיראָ, פייגעלע זאָבערמאַן, פרוי האַס, פרוי גאָלדבוים און ראָזנבלום, פאַרן דערפאָלגרייכן אַדורכפירן דעם שלח־מנות פאַרקויף פון בלומען וואָס האָט פינאַנציעל געשטאַרקט די געזעלשאַפט.

אין שלוס האָט די פרוי עוואַ געזונגען אַ פאָלקס־ליד צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם. צום דערפאָלג פון דעם יום־טוב קען מען מיט פרייד אויך צוגעבן, אַז 5 נייע מיטגלידער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער געזעלשאַפט.

משה זאַלצמאַן

## אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען זענען דערפאָלגרייך

טייערע פריינד דוד און רבקהלע,

מיט גרויס צופרידנקייט געלייענט דעם בריוו־צירקולאַר מיט דער אָפּשאַצונג פון אייער רייזע אין פאַרשידענע לענדער. מיך פרייט צו וויסן, אַז אונדזערע לובלינער אין דער וועלט האָבן אייך אַרויסגעוויזן פיל וואַרעמקייט און מענטשלעכע געפילן. נישט אומזיסט האָט לובלין געשמט ווי אַ שטאָט פון תורה און חכמה, פון הכנסת אורחים און אויך פון גוטע מענטשן. זענען טאַקע מיר, די לעבן געבליבענע, די נאָכפאָלגערס פון די קדושים נאָך דעם גרויסן חורבן, נאָכן אומקום פון אונדזערע ליבסטע און טייערסטע. דערפאַר זענען מיר אַזוי פילבאַר צו יעדן לובלינער, מיט וועלכן מיר האָבן אַ גליק צו טרעפן זיך. צי מיר קענען אים יאָ צי נישט, ווערט ער אונדז באַלד נאָענט ווי אַ ברודער. אַוודאי איז דאָס אויך אַ פּועל־יוצא פון אונדזער דערציונג. אַלנפאַלס, נאָך אייער דערפאָלג פון דער שליחות, ווינטש איך אייך ווייטערדיקע דערפאָלגן אין אייער אַזוי וויכטיקער אַרבעט און פון קענען אָנהאַלטן די קאָנטאַקטן מיט אונדזערע טייערע לאַנדסלייט פון אַלע לענדער. איך באַגריס אויך האַרציק דעם גאַנצן קאָמיטעט אין ישראל און ווינטש אייך אַלעמען געזונט און כּוח ווייטער אָנצוגיין מיט דער טעטיקייט אין אַן אַטמאָספער פון צופרידנקייט און אין אַ וועלט מיט אַ דויערהאַפטן שלום.

ביי אונדז אין פּאַריז און איבערהויפּט אין אונדזערע סאָסיעטיס — איז אַלץ בסדר. בקרוב טרעטן מיר אַריין אין צוויי חדשים וואַקאַנס, בעת וועלכע די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט ווערט סטאַגנירט. נאָר פאַרן א. ג. אוגערקעס־סעזאָן, האָבן מיר אַדורכגעפירט דעם יערלעכן אויספלוג קיין ווערבערי, זונטיק דעם 1טן יוני. קנאַפּע הונדערט מיטגלידער פון ביידע לובלינער אָרגאַניזאַציעס זענען געקומען פאַרברענגען. 9 פרי האָבן ביים האָטעל „מאָדערן" געוואַרט 2 אויטאָקאַרן, מיט וועלכע מיר זענען אַוועק אויף דער פרישער לופט אין ווערבערי. דאָרט האָט יעדער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טאָג־טעגלעכע זאָרג. אַלע זענען ווי יונגער געוואָרן — און מיר האָבן טאַקע פאַרברענגט אַ וווּנדערבאַרן טאָג, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פיינער אויפנאַמע גלייך ביים אָנקומען. אַ טייל פון עולם האָט באַוויזן זיינע קענטענישן און געזונגען. איינער האָט זיך באַמיט איבערצושטייגן דעם צווייטן. מיט מיין גאַנצן אויפריכטיקן ווילן צו זיין באַשיידן, מוז איך דאָ פעסטשטעלן, אַז אַלע אונדזערע לובלינער אונטערנעמונגען, ווי דער אויספלוג, יערלעכער באַנקעט, פּורים־אָוונט און אַנדערע יום־טובים — גייען דורך מיט אַ סך דערפאָלג און אונדזער עולם איז זייער צופרידן, וואָס דערמוטיקט די קאָמיטעטן ממשיך צו זיין מיט דער טעטיקייט.

וואָס אָנבאַלאַנגט פּריוואַטע ענינים — דאַנקען גאָט אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. אַלע אונדזערע — און אויך אייערע — פריינד, פילן זיך גוט און מען גרייט זיך איצט צו פאָרן אויף אָפּרו, כּדי אָנגעמען פרישע כּוחות. אויך אונדזער פריינד גאָלדרינג ווערט כּסדר בעסער. פון שפּיטאָל האָט מען אים געשיקט אויף אַ חודש ערהאָלונג אין אַ ספּעציעלער קליניק פאַר האַרץ־ליידנדע. איך האָף, אַז ער וועט זיך שטאַרקן און קרעפטיקן, וואָס טאַקע מיר אַלע ווינטשן אים.

וואָס הערט זיך ביי אייך, טייערע דוד און רבקהלע ? זייט איר אַלע געזונט ? ווי אַנטוויקלען זיך די צווילינג־אייניקלעך ? וואָס מאַכן אונדזערע באַקאַנטע, די טייערע לובלינער פריינד ? איך ווייס אַז איר זענט אַ פאַרנומענער מענטש, אָבער ווען איר ווייסט וויפל פאַרגעניגן עס פאַרשאַפט אונדז אייערס אַ בריוו, הגם איך ווייס אַז כ'בין נישט די איינציקע מיט וועמען איר האַלט אָן אַ קאָרעספּאָנדענץ. די האַרציקסטע גרוסן און קושן פאַר אייך ביידע און פאַר די חברים פון קאָמיטעט.

אייער פּאַריזער שוועסטער

שרהלע גאָלדאַדלער

## זומער יום־טוב ביי די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין פּאַריז

עטלעכע אַכציק מיטגלידער זענען געקומען, טראָץ דעם נישט געזיכערטן וועטער, אין דעם הערלעכן פּאַרק פון דער רינגעלבלום־היים אין ווערבערי, ווו ס'איז געווען צוגעגרייט, דורך די איבערגעגעבענע קאָמיטעט־מיטגלידער דינהלע ראָטשטיין און משהלע ראָזנבלום, אַ בופעט מיט היימישע צובייסעכטס. נאָך אַ פּאָר גלעזלעך משקה, האָט דער עולם זיך צעוואַרעמט און אָנגעהויבן זיך פונאַנדערשמועסן און פונאַנדעררעדן פאַר אַ גאַנץ יאָר.

פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּט־טעמע פון די געשפּרעכן איז — ישראל. פריינד ראָזנבלום דערציילט וועגן זיין באַזוך אין אַ קיבוץ אויפן גולן, ביי דער סירישער גרענעץ. דאַקעגן קאָן נישט פריינד ניסענבוים פאַרגעסן זיינע איבערלעבונגען אין געטאָ און שפּעטער — מיט פּאַרטיזאַנער. אויך גאָלדשטיין פון לובלין דערציילט וועגן זיינע טראַגישע און העראָישע טעג אין וואַרשעווער געטאָ.

דער פּאָרזיצער פון דער אונטערנעמונגס־קאָמיסיע עפנט די פייערונג און די צוויי פּאָרזיצערס פון לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן, שרהלע גאָלדאַדלער און אלתר זאָבערמאַן, באַגריסן אַלע אָנוועזנדיקע געסט און דערמאָנען די מיטגלידער, וועלכע זענען נישט מער הײַ־יאָר צווישן די לעבעדיקע און געבן זיי אָפּ כּבוד : פרוי מילץ, טראַכטנבערג און שלום־שכנא שערמאַן, דעם איבערגעגעבענעם, געזעלשאַפטלעכן און באַליבטן מענטש.

עס ווערן אויך באַגריסט די מיטגלידער וואָס האָבן הײַ־יאָר דערלעבט נחת פון זייערע קינדער און עס ווערט געמאָלדן וועגן די נאָענטסטע חתונות, וואָס וועלן געפּראַוועט ווערן ביי די משפּחות אלתר און יוסף זאָבערמאַן, ניסענבוים אאַנ"ד.

(סוף אויף ז' 37)

# ביי די לובלינער אין פראַנקרייך

משה זאַלצמאַן / פּאַריז

(„אונדזער וואָרט", פּאַריז 7.5.75)

דער באַזוך פון דוד שטאָקפיש מיט זיין פרוי אין פּאַריז איז גליקלעכערווייז אויסגעפאַלן אין טאָג פון יום-העצמאות. מיר האָבן אויף גיך צונויפגערופן דעם אַקטיוו און די קאָמיטעט-מיטגלידער פון ביידע לאַנדסמאַנשאַפטן, „פּאַראייניקטע לובלינער" און „קינ-דער פון לובלין", און ביי אַ גלעזל משקה זיך משמח געווען, אַזוי אַז אין די זעלבע שעהען ווען דאָס ישראל-פאָלק האָט געפייערט דעם יום-טוב און די לובלינער אין ישראל אויף זייער טראַדיציאָ-נעלן יום-העצמאות באַל — האָבן מיר אין פּאַריז זיך מתיחד געווען מיט זיי. און ווי טרעפלעך שטאָקפיש האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „דאָס ערשטע מאָל קומט מיר אויס צו זיין אין טאָג פון יום-העצמאות אין חוץ-לארץ, אָבער זייענדיק היינט צווישן אייך, פיל איך אַז אונדזערע הערצער קלאַפּן אין דעם זעלבן יום-טובדיקן ריטם ווי ביי אונדזערע לובלינער אין ישראל". צווישן די אַנוועזנדע האָט זיך אויך געפינען אונדזער בן-עיר מרדכי לערמאַן, דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע, די טוער פון פּאַרבאַנד, דער גענעראַל-סעקרעטאַר קאַראַל, יידל קאַרמאַן, סימאַני, עלי סאַלניצקי און אַנ"ד.

אלתר זאַבערמאַן פירט דעם פּאַרזיץ. ער באַגריסט די אַנ-וועזנדיקע מיט אַ גוט יום-טוב. „דער היינטיקער צונויפטרעף איז על-פּי צופאַל אַ דאַנק דעם באַזוך פון דוד און רבקהלע שטאָק-פיש, אָבער פון היינט אָן דאַרפן מיר איינפירן, אַז אין דעם זעלבן טאָג ווען דאָס פאָלק אין ישראל צייכנט אָפּ דעם יום-טוב, דאַרפן מיר אויך דאָ נאָכפאָלגן און נישט אָפּלייגן אויף קיין צווייטע, באַ-קוועמערע דאַטעס".

עס האָבן אויך באַגריסט שרהלע גאָלדאַדלער, טעשקע קאַר-מאַן, מענדל לעווענבוים, זשאַק גאָלדבוים און דער שרייבער פון די שורות. אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן די פּאָזיטיווע ראָל וואָס שטאָקפיש האָט דערפילט אויף דער איינהייטלעכער טעטיקייט פון די צוויי עקזיסטירנדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן אין פּאַריז, זיין ראָל און איבערגעגעבנקייט ביים אָרגאַניזירן דעם וועלט-צוזאַמענטרעף פון די לובלינער אין ישראל, זיין זאָרג אַז די דעלעגאַטן זאָלן אויפגענומען ווערן און באַזאָרגט ווערן ווי אַמבעסטן. דאָס זענען מעשים וואָס קענען זיך נישט פאַרגעסן.

פאַר די 8 יאָר וואָס ער איז פּאַרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין, פאַרקערפּערט ער מיט זיך די אָרגאַניזאַציע, מיטגעווירקט און מיטגעהאָלפן צו דערהייבן די אָרגאַניזאַציע צו דעם קולטור-ניוואָ, אַז זי געפינט זיך היינט אויף דער סאַמע מזרח-וואַנט צווישן



אויפן קבלת-פּנים אין פּאַריז פאַר די געסט פון ישראל. פון רעכטס: בתיה אייזנער, פּראָפ׳ לעאָן שיפּמאַן, זאַשע פּערלמוטער, ניומעק פּערלמוטער, רבקהלע שטאָקפיש, באַלטשע גאָלדבוים.

די עקזיסטירנדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל. דאָס דערשיינען סיסטעמאַטיש פון דעם יערלעכן אָרגאַן „קול לובלין" העלפט צו-נויפצובינדן די לובלינער פון דער גאַנצער וועלט מיט ישראל.

אַ דאַנק דעם אָרגאַן איז מעגלעך געווען דאָס צונויפרופן דעם וועלט-צוזאַמענטרעף פון די לובלינער. דאָס אויפשטעלן דעם מאָנומענט אויף דעם אַש פון אונדזערע קדושים, וועט פאַרבלייבן אַ דענקמאָל אויף דער ישראל-ערד פאַר די קומענדיקע דורות. דאָס אויסטיילן יעדעס יאָר ליטעראַרישע פּרעמיעס אויפן נאָמען פון די לובלינער קדושים, דאָס אויסטיילן סטיפּענדיעס אין די שולן וואָס האָבן אַדאָפּטירט די לובלינער קהילה, און קינדער שרייבן ליטעראַרישע אַרבעטן וועגן דער קהילה.

בלויז דאָס לעצטע יאָר האָט דער אירגון פון לובלין מיט-געהאָלפן דאָס דערשיינען די ביכער פון ישעיהו שפּיגעל „די קרוין", משה בראָדערזאָן „דאָס לעצטע ליד" און די העברעישע איבער-זעצונג פון בוך פון משה זאַלצמאַן „און מען האָט מיר רעהאַ-בּיליטירט".

דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק דער גרויסער אָנשטרענגונג, אינטעלעקטועלע, לאָיאַלע און גערולדיקע אָנפירער-שאַפט פון אונדזער גאַסט דוד שטאָקפיש, מיט דער מיטהילף פון זיין ליבער פרוי רבקהלע.

דער אַרויסטריט פון דוד שטאָקפיש מיט זיין לעבעדיקן גרוס פון די לובלינער פון ישראל און פון די לובלינער אויף דער וועלט, וואָס ער האָט לעצטנס באַזוכט, ווי: ניו-יאָרק, לאָס-אַנזשעלעס, סאַן-פּאַולאָ, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאַל, בוענאָס-איירעס, לאָנדאָן און בריסל — האָט פאַרשאַפט אַ נחת רוח. פון זיין אויפן דערציילן, וואָס איז אַדורכגעפלאָכטן מיט אַ פאָלקס-ווערטל, אַ משל, שאַפט זיך אַ פּילפאַרביק בילד פון די איבערגעגעבענע לאַנדסלייט, זייערע מחשבות און בענקשאַפטן פון דער אַלטער היים און צו דער נייער יידישער היים, אין ישראל.

פאַר זייער פאַרלאָזן פּאַריז, האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ קבלת-פּנים פאַר אונדזערע חשובע געסט מיט אַלע לובלינער אין פּאַריז. דער פּאַרזיצער פון דעם צונויפקום, מענדל לעווענבוים און טעשקע קאַרמאַן, האָבן באַגריסט די געסט, און דורך זיי איבערגעשיקט אונדזער ברודערלעכן גרוס די לובלינער אין ישראל, די אַקטיווע מיטבויער פון אירגון: מתתיהו הארן, עובדיה פעלד, סימאַן זיידענ-ווערג א.א. טעשקע קאַרמאַן דערמאָנט, אַז היינט 30 יאָר נאָך דער באַפרייונג פון די רעשטלעך לעבן-געבליבענע פון די לאַגערן, איז באַזונדערס ווערט אונטערצושטרייכן די גרויסע שעפערישע אַרבעט פון דוד שטאָקפיש צו פאַראייביקן די מאַרטיראָלאָגיע און אומקום פון די מיליאָנען יידן. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון 14 יזכור-ביכער און ער אַרבעט ווייטער אויף דעם וויכטיקן היסטאָרישן אָביעקט. זי ווינטשט אים אַ סך געזונט און דערפאָלג אין זיין שעפערישער טעטיקייט.

דער רעפעראַט פון אונדזער גאַסט: „שלום-אויסזיכטן אָדער מלחמה-געפאַרן אין נאָענטן מזרח" איז געווען באַלערנדיק. דער עולם האָט נאָכגעפאָלגט מיט אויפמערקזאַמקייט די אויספירן פון דעם רעפערענט, טראָץ די אַלע שוואַרצע וואָלקנס וואָס פאַר-ציען דעם האָריזאָנט, שיינט דאָך אויף אַ שטראַל פון האָפענונג, וואָס דאַרף אונדז דערמוטיקן.

אָבער צו דעם דאַרף ישראל זיין אַ ווירטשאַפטלעך אי מיליטעריש שטאַרק און מיר דאַרפן די נשמהדיקע איבערגעגעבנקייט פון יידישן פאָלק דעמאָנסטרירן נישט בלויז מיט ווערטער, נאָר מיט קאָנקרעטע מעשים.

דער פריינט אלתר זאַבערמאַן גיט איבער אין קורצן וועגן די רעזולטאַטן פון דער מגבית-אַקציע פאַרן יאָר 1974 און רופט גלייך אָנצוהייבן די זאַמל-אַקציע פאַרן יאָר 1975. דער רעזולטאַט פון דער ערשטער זאַמלונג האָט אַריינגעבראַכט דריי מיליאָן צוויי הונ-דערט טויזנט אַלטע פראַנק. מיט דער האָפענונג, אַז מיר וועלן היי-יאָר איבערשטייגן די צאָל מנדבים און די געזאַמלטע סומע לויטן פאַרגאַנגענעם יאָר, איז געשלאָסן געוואָרן דער אינטערע-סאַנטער ברידערלעכער צונויפקום פון די לובלינער אין פּאַריז.

# אונדזער סאָלידאַריטעט מיט ישראל איז אָן אַ גרענעץ*

אלתר זאַבערמאַן / פּאַריז

טייערע „פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט"!

איר זאָלט נישט לאַכן — אַזוי שטעל איך מיר פאָר דעם נייעם נאָמען פון אונדזער פאַראייניקטער געזעלשאַפט, נאָך דעם ווי מיר וועלן איבערווינדן די קליינע, נישט־וויכטיקע און מ'שטיינס געזאָגטע חלוקי־דעות און קעגנזאַצן.

מיין פּראָיעקט פאַר דעם נייעם נאָמען, איז אַ סינטעז פון ביידע נעמען פון די אין פּאַריז עקזיסטירנדיקע לובלינער געזעלשאַפטן.

אונדזערע ליבע געסט פון ישראל, רבקהלע און דוד, זענען נעבעך געצוווּנגען אויסצוהערן און ווילן אַוודאי פּרובירן פאַרשטיין די געוואַלדיקע אידעאָלאָגישע, פילאָזאָפישע און סטראַטעגישע אונטערשיידן וועלכע באַרעכטיקן די עקזיסטענץ אין דער ק"ק פּאַריז פון אַזש דריי לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן. ווייל לויט זייער מלוכהשן אַרט דענקען, זענען זיי נישט מסוגל צו באַנעמען די קאָמפּליצירטע פאַריזער ווירקלעכקייט.

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן, ווייל דער אייגנטלעכער צוועק פון מיינע רייד איז — די זאַמל־אַקציע לטובת ישראל.

איך האָב נישט ברעה צו אַנאַליזירן די עקאָנאָמישע און מיליטעריש־פּאָליטישע סיטואַציע פון מדינת ישראל כדי צו באַווייזן די נויטווענדיקייט פון שטיצן מיט אַ ברייטער האַנט דער שווערן קאַמף וועלכן עס פירט דאָס פאָלק פון ישראל פאַר זיין עקזיסטענץ אַלס מדינה און פאַרן מאַטעריעלן וווילשטאַנד פון אירע בירגער. מיר לובלינער, האָבן די ערשטע אין פּאַריז, זייט 1960, אָנגעפאַנגען די מגבית־אַקציע און לאַנגע יאָרן פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין פּאַריז סיי מיט דער צאָל שפּענדערס און סיי מיט דער געזאַמלטער סומע; היינט פאַרנעמען מיר דאָס דריטע אָרט צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן, נאָך וואַרשע און ראַדאָם, וועמענס צאָל מיטגלידער שטייגט אונדז איבער דרייפאַך.

אונדזערע צוויי קאָמיטעטן האָבן שוין געמאַכט, ווי מען האָט דאָס פאָלקסטימלעך אויסגעדריקט אין לובלין, אַ „פּאָטשאָנטעק" און זיך באַשטייערט מיט אַ קיילעכדיקער סומע פון בערך 30,000 פר.

איך האָף, אַז אַלע אָנוועזנדע חברים וועלן מיט אַ ברייטער האַנט און אָפן האַרץ צולייגן זייער באַשיידן ציגעלע צום בנין הארץ. און וואָס ס'איז זייער וויכטיק — באַאיינפלוסן די אַלע וואָס פעלן אויף דער היינטיקער פאַרזאַמלונג, צו טאָן דאָס גלייכע.

איך ווינטש אייך אין נאָמען פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון ביידע געזעלשאַפטן אַ יישר־כוח און האַרציקן דאַנק. די רעזולטאַטן פון דער זאַמל־אַקציע וועלן מיר מיטטיילן צום שלוס פון דער היינטיקער פאַרזאַמלונג.

און איר, טייערע רבקהלע און דוד, גיט איבער אַ האַרציקן גרוס פון די לאַנדסלייט אין פראַנקרייך צו אַלע לובלינער אין ישראל. אויך זאָלט איר אין אונדזער אַלעמענס נאָמען אויסדריקן דעם טיפסטן מיטגעפיל די טרויערנדע עלטערן, שוועסטער און ברידער, אלמנות און יתומים פון די געפאלענע און פאַרוווּנדעטע חיילים. זאָגט זיי, אַז אונדזער סאָלידאַריטעט מיט דער מדינה און דעם פאָלק פון ישראל איז אָן אַ גרענעץ; אַז פיל פון אונדז גרייטן זיך צו עליה און אַז אַ גרויסער טייל פון יונגן דור גרייט זיך, אין די ראַמען פון די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, צו רעאַליזירן זייערע ציוניסטישע אידעאַלן און שאַפן דאָרט נייע קיבוצים און מושבים.

* פון אַ רעדע אויף אַ פאַרזאַמלונג פון ביידע לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין פּאַריז, דעם 27.4.75.

# די האַרציקע באַציונג פון לובלינער אין ישראל

מענדל לעווינבוים / פּאַריז

(אויסצוגן פון אַ באַגריסונג אויפן פייערלעכן צוזאַמענטרעף פון לובלינער, דעם 27.4.75, מיטן אָנטייל פון ישראלדיקע געסט.)

חשובע לאַנדסלייט, פריינד און געסט! פאַר אַלעמען לאָמיר זיך ווינטשן חג שמח! גוט יום טוב! ווייל אַז מען רעדט וועגן 27 יאָר פייערונג לכבוד אונדזער מדינה ישראל, מיט דער באַטייליקונג פון אונדזער ליבן לאַנדסמאַן דוד שטאָקפיש, דער פאָרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין אין ישראל, מיט זיין טייערער פרוי רבקהלע, האָבן מיר די פולשטענדיקע רעכט זיך משמח צו זיין און זיך ווינטשן, אַז דאָס 28סטע יאָר זאָל ברענגען דעם געגאַרטן שלום פאַר אונדזער לאַנד און פאַרן יידישן פאָלק. איך וועל נישט אַרויסברענגען די אַלע מעלות טובות פון אונדזער גאַסט, נאָר בעסער דערציילן די מעשים טובים לטובת אונדזערע לובלינער. און אחרון אחרון — די ברידערלעכע און וואַרעמע באַציונג פון לובלינער יידן אין ישראל. עס דערמאָנט זיך אַ פאַקט מיט אַ יאָר צוריק, ווען איך און מיין פרוי זענען געווען אויף אַ באַזוך אין קרית־שמונה, מעלות, שמיר און נהריה. די שטימונג אין לאַנד איז דאַן געווען נישט צו פייערן, ווי יעדעס יאָר, דעם יום העצמאות. האָט דער קאָמיטעט אין ישראל אויסגעפונען אַ צווייט מיטל: צוזאַמען ברענגען די טוריסטן ביי דעם לאַנדסמאַן סוכער פאַכצאַש און זיין פרוי פאָלע, נייע עולים פון קאַנאַדע, כלומרשט אויף אַ חנוכת הבית — און געזאָרגט דערפאַר, אַז די אַלע לובלינער וואָס האָבן אייגענע אויטאָס, זאָלן צוזאַמען נעמען די אויסלענדישע געסט און זיי אַריבער פירן קיין ראשון לציון, וווּ מען האָט פאַרבראַכט ביז 4 פאַרטאָג אַזוי חבריש און אַנגענעם, וואָס וועט לאַנג בלייבן אין זכרון ביי די אַלע וואָס האָבן דאָס בייגעוווינט. די טישן זענען געווען געדעקט כיד המלך. דערנאָך האָט מען אַלע צוריק געפירט אַהיים.

אַזעלכע האַרציקע באַציונגען זענען אומפאַרגעסלעך. מיר זענען דאַן געווען ביי 30 פערזאָן: שמואל שפּיראָ מיט זיין פרוי געניע, איך מיט מיין פרוי, סימאָן און צעשע זיידענווערג און פיל אַנדערע. איך מוז מודה זיין, אַז אַזאַ וואַרעמע באַציונג וועט איר זעלטן ווען טרעפן. דערפאַר ווינטש איך אַלע אין ישראל — עד מאה ועשרים. זאָלן זיי ווייטער אָנגיין מיט זייער ברודערלעכער האַלטונג, ווייל דאָס זענען געווען די דרכים פון אברהם אבינו...

(סוף פון ז' 35)

בעת דעם פיינעם מיטאָג־עסן איז געגעבן געוואָרן אַ פילפאַרביקער פּראָגראַם, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען די זינגערס פרוי סנאַווקא, פאָל סטאַראָשעוויעצקי און ראָזעט. דער רעפּערטואַר איז געווען אויף אַ הויכן ניוואָ.

פריינד שמואל שפּיראָ האָט געגעבן אַ קורצן איבערבליק וועגן דער איצטיקער לאַגע אין ישראל און אויך זיך געטיילט מיט זיינע פערזענלעכע איינדרוקן פון זיין לעצטער נסיעה אין דער מדינה און פאַרענדיקט מיט אַ הייסן רוף אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דער אַקציע פאַרן מגבית. זאַבערמאַן און פרוי טעשקע קאַרמאַן זענען גלייך צוגעטרעטן פּראַקטיש אַדורכפירן די זאַמלונג.

פיר אַזייגער, ווען מען האָט סערווירט די פאַרשידענע געבעקסן, וואָס די פרויען האָבן צוגעגרייט לכבוד דעם יום־טוב, האָט דער עולם ווייטער זיך צעזונגען און אַ חוץ די פריער אויסגערעכנטע זינגער, האָבן אונדז אויך מכבד געווען מיט לידער די פרויען זאָשקע פערלמוטער און טעשקע קאַרמאַן.

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ הערלעכן יום־טובדיקן טאָג אין אַ לובלינער סביבה — און מיר וועלן דאָס לאַנג־לאַנג געדענקען.

מ. ז.

# ליטעראַרישע מסיבה אין פּאַריז לכבוד דעם דיכטער משה שולשטיין

אין די סאַלאָנען פון דער משפּחה אלתר און פייגעלע זאַבערמאַן אין פּאַריז, איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע מסיבה צום דערשיינען פון משה שולשטיינס בוך „דער מאָרגנשטערן אין מיין פענצטער".

אלתר זאַבערמאַן עפנט די מסיבה און באַגריסט אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון זיין פרוי פייגעלע דעם קולטור־אַטאַשע פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע ד"ר יפו און דעם בעל־שמחה משה שולשטיין.

אלתר זאַבערמאַן, וועלכער איז אויך אַ לאַנדסמאַן פון משה שולשטיין און פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט „פאַראייניקטע לובלינער" אין פּאַריז, האָט אין זיין באַגריסונג־וואָרט אָנגעוויזן אויף דער שוועריקייט פון אַרויסגעבן היינטיקע צייטן אַ יידיש בוך בכלל און פּאָעזיע בפרט.

נישט האָבנדיק קיין פּרעטענסיעס צו ליטעראַטור־קריטיק, קאָן זיך אָבער אלתר זאָבערמאַן דערלויבן אָפּצושאַצן די „לובלינערישקייט" פון שולשטיינס ווערק מיט זיין היסטאָרישער באַהאַוונטקייט און די וווּנדערבאַרע דיכטערישע באַזינגונג פון דעם אַלטען, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס יידישע לובלין.

דאָס אַלץ וועט אויך באַשטעטיקן מילקע פּעטשעניק־שולשטיין, מיט איר טאַלאַנטפולער רעציטאַטאָרישער אינטערפּרעטאַציע ביים לייענען די לידער און סאָנעטן פון איר מאַן.

צום סוף האָבן די גאַסטגעבערס געווּנטשן די איינגעלאַדענע געסט צו פאַרברענגען סיי פון די שיין־סערווירטע בופעטן „כיד המלך" און אחרון אחרון — פון דער מעגלעכקייט צו באַקומען אַ דעדיקאַציע פון מחבר גופא, ביים קויפן זיין בוך.

*

מרדכי לערמאַן האָט אין קורצע ווערטער גערופן צו קויפן און טאַקע אויך לייענען די פּאָעזיע פון משה שולשטיין, כאָטש מען האָט ביי יידן — און אויך ביי אַנדערע פעלקער — נישט שטענדיק אַ געמיט צו לייענען פּאָעזיע.

פּראָפעסאָר אַלעקס דערטשאַנסקי רעדט וועגן דער פּאָזיציע וואָס משה שולשטיין פאַרנעמט אין דער „יידיש־אימפּעריע", וואָס נעמט אַרום די גאַנצע וועלט. ציטירנדיק אַ ליד פון משה שולשטיין, ווּ דער דיכטער שרייבט וועגן אַ ישראלדיקן סאָלדאַט, אַז ווען ער קעמפט דאַוונט ער און ווען ער דאַוונט, קעמפט ער —

קאָן געזאָגט ווערן וועגן משה שולשטיין, אַז ווען ער שרייבט פּאָעזיע, דאַוונט ער און קעמפט.

שלמה פרידריך דערמאָנט, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ תהום צווישן זיינע אידעאַלן און דעם אידעישן וועג וואָס האָט אַמאָל געהאַט משה שולשטיין. באַדויערט טאַקע שלמה פרידריך, פאַר וואָס מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָבן יידישע שרייבער, פּאָעטן, קינסטלער און זשורנאַליסטן נישט געווידמעט זייער טאַלאַנט און ענערגיע פאַר ארץ־ישראל. ווען עס וואָלט אַזוי געווען, וואָלט דער קיום פון מדינת ישראל געווען היינט פיל מער פאַרזיכערט.

דער קולטור־אַטאַשע ביי דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין פּאַריז, ד"ר יפו, הייבט אָן זיין באַגריסונג אין יידיש און גייט באַלד איבער אין עברית. ער רעדט וועגן דער טראַגעדיע פון אונדזער יידישן לשון און יידישער קולטור און האָפט, אַז די יידישע קולטור וועט געפינען אַ תיקון אין ישראל, כאָטש די ראָד פון דער געשיכטע איז געגאַנגען אויף אַ וועג, וואָס האָט דערפירט צו דעם חורבן־אייראָפּע.

צום סוף גייט ד"ר יפו איבער אין פראַנצויזיש און רעדט וועגן משה שולשטיין אַלס אַ גרויסן דיכטער.

אין זיין ענטפער־וואָרט דריקט אויס משה שולשטיין זיין דאַנק די גאַסט־געבערס, זיינע לאַנדסלייט פייגעלע און אלתר זאָבערמאַן, וואָס האָבן באַוויליקט איינצואָרדענען פאַר אים די דאָזיקע יום־טובדיקייט מיט אַזוי פיל באַציונג און האַרציקייט. דער דיכטער באַדאַנקט אויך אַלע חשובע עסקנים און געסט, וואָס זענען געקומען באַשיינען זיין שמחה, וואָס איז אַלעמען אַזוי נויטיק, אַז זי זאָל מיט איר ליכט באַשיינען און גרינגער מאַכן די שווערע, גרויע וואָכעדיקייט.

ווער נאָך אַזוי ווי דער יידישער דיכטער און שרייבער אין אונדזערע טעג נייטיקט זיך אין אַ ביסל יום־טובדיקייט, וואָס זאָל אים דערמוטיקן, באַגייסטערן און פאַרלייכטערן אים צו שלעפּן דעם שווערן וואָגן פון דער יידישער שעפערישקייט? און אַ וואָגן איז דאָס, וואָס וויפל מען זאָל אים נישט שמירן, סקריפּעט ער אַלץ און קרעכצט...

איך וויל באַזונדערס אונטערשטרייכן, זאָגט דער דיכטער, די אָנוועזנהייט פון ד"ר עזריאל יפו, קולטור־אַטאַשע ביי דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין פּאַריז, וואָס דאָס איז פאַר מיר אַ זכיה. זיין קומען באַטייליקן זיך אין אַ סיום־הספר לכבוד אַ יידישן דיכטער, ווייזט אָן אויף דעם, אַז נישט בלויז דערפילט ער זיין קולטור־שליחות ביי דער ישראל־אַמבאַסאַדע, נאָר אויך צווישן יידן בכלל. זיין געפינען זיך צווישן אונדז, סימבאָליזירט די געגאַרטע באַהעפטונג פון דעם אור־אַלטן לשון פון תנ"ך מיטן יידישן לשון, אין וועלכן עס איז אין משך פון יאָרהונדערטער געשאַפן געוואָרן אין די תפוצות גרויסע גייסטיקע און נאַציאָנאַלע ווערן.

מילקע פּעטשעניק רעציטירט מיט איר אייגנאַרטיקן טאַלאַנט משה שולשטיינס לידער, צוו. אַנד. „מיין מאַמעס ניגון", אין אָריגינאַל און אין העברעישער איבערזעצונג פון לייב אָליצקי.

משה שולשטיין האָט אויך געהאַט אַ „סך אַרבעט" ביים דעדיקירן די גרויסע צאָל ביכער, וואָס זענען דאָרט פאַרקויפט געוואָרן.

אין פּרעזידיום האָבן זיך אויך געפינען יידל קאָרמאַן און שמואל שפּיראָ.

צווישן דעם גרויסן עולם האָט מען צוו. אַנד. באַמערקט דיר. יעקב ציפּעל, רעד. שלום קלינגער א. אַ.

**א. עורי**

(„אונדזער וואָרט", פּאַריז, 8.4.75)


אונדזערע ליבע לאַנדסלייט

**פייגעלע און אלתר זאָבערמאַן**

פּרעזידענט פון דער לובלינער סאָסייטי אין פּאַריז —

אַ האַרציקן מזל־טוב און די בעסטע ברכות

צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **רענאַטאַ**
מיט איר אויסדערוויילטן

וואָס קומט פאָר דעם 30טן נאָוועמבער 1975 אין „הילטאָן" אין פּאַריז.

**קאָמיטעט פון אירגון יוצאי לובלין אין ישראל**

# א יאָר טעטיקייט פון אָרגאַן יוצאי לובלין בישראל

שמעון לאור (לאַנגפוס), סעקרעטאַר

די טעטיקייט פון אונדזער אירגון אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָט אַרומגענומען די אַלע אויפגאַבן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג אויך אין די פריערדיקע יאָרן, ווי: פאַרייביקונג, אזכרות, צוזאַמענטרעפן, אויפנאַמען פאַר אויס־לענדישע געסט, הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע, קולטור־טעטי־קייט און ליטעראַטור־פּרעמיעס א. נ. פון די קדושי לובלין, די אויסגאַבע „לובלינער שטימע”. אָבער יעדעס יאָר, יעדע תקופה, האָט זיך אירע הויפּט־פּראָבלעמען, אַרום וועלכע עס קאָנצענטרירט זיך די אַרבעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. מיט צוויי יאָר צוריק איז עס געווען דער וועלט־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער; פאַראַיאָרן — די פאַרענדיקונג פון דער מצבה און אויסברייטונג פון די פאַרייביקונג־פאָרמען. דאָס לעצטע יאָר איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון שטאַרקן די פאַרבינדונג מיט די לובלינער אין די תפוצות, דורך דעלעגירן דעם פאָרזיצער פון אירגון, דוד שטאָקפיש, מיט אַ שליחות קיין קאַנאַדע, ביידע אַמעריקעס און אייראָפּע. מיר האָבן אויך דורכגעמאַכט ענדערונגען אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן גע־ביט, מיט אויסוויילן אַ נייעם ראַט, קאָמיטעט, פּרעזידיום און פאַרשידענע קאָמיסיעס. דאָס זענען געווען די צוויי הויפּט־פּונקטן פון אונדזער אַרבעט אין פאַרגאַנגענעם יאָר.

## נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען

כדי אויסצוברייטערן די טעטיקייט פון אונדזער אירגון אויף אַ גרעסערער צאָל געביטן, האָט דער פריערדיקער קאָ־מיטעט באַשלאָסן צו ענדערן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. אין די וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1974, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ראַט (מועצה) פון 35 מיטגלידער, אַ קאָמיטעט פון 15 מיטגלידער, אַ פּרעזידיום פון זיבן און אַ סעקרעטאַריאַט. ביים ראַט פונקציאָנירן אַ ריי קאָמיסיעס.

די אַרבעט־פאַרטיילונג איז דורכגעפירט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן:

**פּרעזידיום**: מ. האָרן — וויצע־פאָרזיצער; מ. וואַסאָנג — אונטערנעמונגען, ש. לאור (לאַנגפוס) — סעקרעטאַר, זהבה ליכטנבערג — קעגנזייטיקע הילף, אינזש. א. לאַסקאָווסקי — פאַרייביקונג, לאה קוריס — פינאַנסן, ד. שטאָקפיש — פאָרזיצער.

**רעוויזיאָנס־קאָמיסיע**: דוד רובינשטיין (פאָרזיצער), אליהו גרינפעלד, אלתרווירצער, אינאַ זיסערמאַן, יצחק שטערן.

**קעגנזייטיקע הילף**: זהבה ליכטענבערג (פאָרזיצערין), צפורה דעסקאַל־ווייסעלפיש, ד"ר חוה דאָרפסמאַן, טאָבקאַ לאַנגער, העלאַ האַלבעסבערג, משה זאַלצמאַן, לייב מאַנדעל־בוים, סוכער פאַכצאַש.

**פאַראייביקונג**: אינזש. א. לאַסקאָווסקי (פאָרזיצער), מרדכי מענדעלסאָן, יוסף ראחמאַן, סימאָן זיידנווערג, משה קאָרן (טאַשעמקאַ).

**קולטור־פאָנד, זשורי פאַרן ליטעראַטור־פּרייז און רע־דאַקציע „קול לובלין”**: דוד שטאָקפיש (פאָרזיצער), ד"ר אלחנן האָרוויץ, עובדיה פעלד, נחמן קורן און מאיר שילד־קרויט.

**אונטערנעמונגען**: משה וואַסאָנג (פאָרזיצער), הלל צוקערמאַן, יעקב פעלדמאַן, שמחה שולדינער, אלכסנדר שריפט, צעשה טראַכטנבערג, פאָלע פאַכטשאַש.

**פאָרשטייער אין חיפה**: יהושע סלושני און שלמה שטאָק־פיש.

**פאַרבינדונגען מיט רעגירונגס־אַמטן**: מ. האָרן (פאָר־זיצער), אסתר בראַווערמאַן־זאַנדשיין און אַדוו. מאַקס הערץ.

**סעקרעטאַריאַט און פינאַנס־קאָמיסיע**: לאה קוריס, מ. האָרן, ש. לאור און ד. שטאָקפיש.

די נייע פאַרטיילונג פון אויפגאַבן האָט פאַר אַ ציל צו ווידמען יעדער פּראָבלעם די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט און צייט. פאַרשטייט זיך, אַז די ביז איצטיקע קורצע דער־פאַרונג פון די דאָזיקע ענדערונגען, גיט נאָך ניט די מעג־לעכקייט צו מאַכן וועלכע ס'איז ענדגילטיקע אויספירן. עט־לעכע קאָמיסיעס האָבן נאָך ניט אַרויסגעוויזן די געהעריקע איניציאַטיוו, הגם ס'איז צו פאַרצייכענען אַ פאַרטיפונג פון דער אַרבעט. מיר באַטראַכטן עס פאַר אַן אָנפאַנג און דער־וואַרטן אַן אויסברייטערונג פון דער אַרבעט פון אַלע קאָ־מיסיעס אין דער נאָענטסטער צוקונפט. דער ערשטער באַדינג דערצו איז: פאַרגרעסערן די אַקטיווקייט, צוציען אַ גרע־סערע צאָל לובלינער צו דער אַרבעט און דערמעגלעכן אַזוי אַרום די פולע אויסנוצונג פון די פאַראַנענע מעגלעכקייטן.

אויפן טראַדיציאָנעלן באַל פון די לובלינער לכבוד דעם יום העצמאות (אַפּריל 1975) אין תל־אביב



פון רעכטס: שמואל שפּיראָ (פאַריז), פישל און פאַני ראָזענבוש (בריסל), דבורה און מתתיהו האָרן, לאה קוריס, אינזש. א. לאַסקאָווסקי, חנה און משה וואַסאָנג, הלל צוקערמאַן.

## פאַראייביקונג

דעם 14טן נאָוועמבער 1974 איז אויפן בית־עלמין נחלת־יצחק, ביי דער מצבה פאַר די קדושי לובלין און מיידאַנעק, פאַרגעקומען די יערלעכע אזכרה צום 32סטן יאָרטאָג פון אומקום פון דער יידישער לובלין. אַן עולם פון עטלעכע הונדערט לובלינער האָט אָפּגעגעבן כבוד דעם אָנדענק פון די קדושים. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן: מ. האָרן און י. זשיטאָמירסקי (אין נאָמען פון די פאַריתומטע עלטערן). דער חזן אונגער האָט אָפּגעריכט די טראַדיציאָנעלע תפילות.

דעם זעלבן אָוונט איז פאָרגעקומען אין בית־העמלין אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון לובלינער. דער פאַרזיצער דוד שטאָקפּיש און די פרעזידיום־מיטגלידער לאה קוריס און אינזש׳ אברהם לאַסקאָווסקי האָבן אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער טעטיקייט. אין צווייטן טייל פונעם אָוונט איז פאָרגעקומען די פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע אויפן נאָמען פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט. ס׳האָבן רעפערירט: בנימין לובעלסקי, יהושע סלושני און דער סטיפּענדיסט עמנואל מעלצער, וואָס האָט געלייענט פראַגמענטן פון זיין אַרבעט „וועגן קאַמף פאַר דער יידישער שחיטה אין פּוילן, אין די יאָרן 1935—1937״. דער אָוונט איז געווען זייער אַ געלונגענער.

## קולטור־טעטיקייט און ליטעראַטור־פּרעמיע

אין אָקטאָבער 1974 איז דערשינען דער נומער 9 „לובלינער שטימע״, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ רייכן אינהאַלט און ס׳זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן איבער 900 עקזעמפּלאַרן: בערך 700 — אין ישראל, און איבער 200 — קיין אויסלאַנד.

גרויס דערפאָלג האָט געהאַט דער ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט דער פאַרטיילונג פון די ליטעראַרישע פּרעמיעס, לזכר די קדושים פון לובלין, עטאַבלירט פון מערי און יוליוס גאָלדמאַן פון לאָס־אַנזשעלעס. די פייערונג איז פאָרגעקומען דעם 27סטן מערץ 1975, אין בית־לייוויק. די פּרעמיעס זענען צוגעטיילט געוואָרן דעם שרייבער און דיכטער שלמה וואָרזאַגער און דער אלמנה פון ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי ז״ל, וועלכער איז, ליידער, נפטר געוואָרן עטלעכע טעג פאַרן דאָזיקן אָוונט. מיט אָפּשאַצונגען וועגן דער שאַפונג פון די פּרייז־טרעגער זענען אַרויסגעטרעטן די ליטעראַטור־קריטיקער י. ח. בילעצקי און אברהם ליס. דעם פאָרזיץ האָט געפירט עובדיה פעלד.

אויסער די דאָזיקע ליטעראַטור־פּרעמיעס, האָט דער קאָמיטעט אויך צוגעטיילט, פונעם ספּעציעלן קולטור־פאָנד, פינאַנסיעלע הילף עטלעכע שרייבער אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרעפנטלעכן זייערע ביכער.

## קעגנזייטיקע הילף

דער קאָמיטעט האָט פאַרגעזעצט זיין טעטיקייט אויפן געביט פון קעגנזייטיקער הילף און שטיצע פאַר נויטבאַדערפטיקע. ס׳זענען פאַרטיילט געוואָרן באַדייטנדיקע געלט־סומען. אָבער די דאָזיקע הילף האָט זיך ניט באַגרענעצט בלויז צו פינאַנסיעלע שטיצע. דאָס ערשטע מאָל האָט די קאָמיסיע, און קודם־כל איר פאַרזיצערין זהבה ליכטענבערג־מושקאַט, באַזוכט נויטבאַדערפטיקע און קראַנקע לובלינער אין זייערע היימען. די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער ריכטיק און נוצלעך. טיילמאָל איז דער ווערט פון אַזאַ באַזוך, אַ שמועס, אַ פריינטלעך וואָרט, ניט ווייניק וויכטיק ווי די געלט־שטיצע. דאָס איז בלויז אַן אָנהויב — און אויך די דאָזיקע טעטיקייט דאַרף ווערן אויסגעברייטערט.

מיט 2 חדשים צוריק איז זהבה מיט איר מאַן מאיר אַריבער וווינען און אַרבעטן אין קיבוץ עברון, אין מערבדיקן גליל. אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט איז באַגריסט געוואָרן דער חלוצישער שריט זייערער. דעם רעסאָרט פאַר קעגנזייטיקער הילף האָבן איבערגענומען, פרייוויליק, פאַלע און סוכער פאַכטשאַש, צפורה זיסוואַסער און רבקהלע שטאָקפּיש.

## באַל צום 27סטן יום העצמאות

נאָך אַ יערלעכן איבעררייס, איז דעם 15.4.75 פאָרגעקומען דער טראַדיציאָנעלער באַל פון לובלינער צום יום העצמאות, און היי־יאָר — אין זאַל „עצמאות״. ביי אַ 250 לובלינער און פאַרבעטענע געסט האָבן פאַרברענגט עטלעכע שעה אין אַ קולטורעלער, פריילעכער און אָנגענעמער אַטמאָספער. דער עולם איז אַוועק זייער צופרידן, ווייל דער באַל האָט געהאַט גרויס דערפאָלג.

## אויפנאַמען פאַר געסט פון אויסלאַנד

דעם 16טן מערץ ה. י. איז אין „בית לייוויק״ אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ פייערלעכע זיצונג פון ראַט לכבוד אונדזערע טוריסטן און אויך וועגן די צוגרייטונגען צום באַל פון יום העצמאות. צום באַדויערן, זענען די לאַנדסלייט באַלטשע מיט ישראל אייזענבערג און מערי מיט יואל גאָלדמאַן נישט געקומען צו יענעם טערמין קיין ישראל. ס׳האָט זיך אָבער געפונען פריינד יוסף צוקערמאַן, וויצע־פּרעזידענט פון די לובלינער אין טאָראָנטאָ, וועלכער האָט אָפּגעגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון אונדזערע לאַנדסלייט אין קאַנאַדע. באַגרוסט האָט מ. האָרן, וואָס האָט אויך געזעגנט סימאָן זיידענוואַרג צו זיין אַרויספאָר קיין אויסלאַנד.

דעם 21.5.75 האָבן מיר באַגריסט דעם באַקאַנטן כלל־טוער און לובלינער אַקטיוויסט פון ניו־יאָרק, שלמה זינשטיין. ער האָט אָנטיילגענומען אין דער זיצונג פון אונדזער ראַט, אויף וועלכער ס׳האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון זיין שליחות קיין אויסלאַנד דער פאַרזיצער דוד שטאָקפּיש.

שלמה זינשטיין האָט אונדז דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון די לובלינער ווי אויך וועגן זיין אייגענער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

דעם 10.7.75 איז פאָרגעקומען אַן אָוונט געווידמעט אונדזער לובלינער אַקטיוויסטין און אַקטריסע פון ניו־יאָרק, צפורה שפּייזמאַן. אין אָוונט האָבן אָנטיילגענומען אויך אַנדערע געסט פון אויסלאַנד, ווי לובאַ קאָרן פון דייטשלאַנד (פרוי פון משה קאָרן־טאַשעמקאָ) און די נייע עולים פון די פּאַר. שטאַטן, מלכה און אַלבערט דזשייקאָבס. דער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען ביי דער פאַמיליע צוקערמאַן „אויפן דאַך״ אין תל־אביב, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג באַקאַנט געמאַכט צווישן די לובלינער מיט זייער גאַסטפריינטלעכקייט. די חשובע געסט האָט באַגריסט דוד שטאָקפּיש. נאָכדעם האָט צפורה שפּייזמאַן, אין אַן אָנגענעמער הומאָריסטישער פאָרם, דערציילט אַ בינטל זכרונות פון לובלין, ווי אויך וועגן איר אַרבעט אין יידישן טעאַטער. זי האָט אונדז אויך געגעבן אויפן אָרט אַ קליינעם מוסטער פון רעציטאַציע און קליין־טעאַטער־שפּיל. דער אָוונט איז אַדורך אין אַן אָנגענעמער, חברישער אַטמאָספער.

דעם 10טן סעפּטעמבער ה.י. איז אין זאַל פון פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין תל־אביב, דיזנגאָף 158, פאָרגעקומען אַ קבלת פנים פאַר דריי לאַנדסלייט: גיטעלע עדעלשטיין־שילדקרויט פון פּאַריז, מאָטל גאָרטענקראַוט און מרדכי נאָדעלשטערן פון ניו־יאָרק. די מיטגלידער פון ראַט און זייערע פרויען און אַ ריי אַקטיוויסטן, זענען געקומען זאָגן אַ „ברוכים הבאים" די געסט, ווי אויך ווינטשן אַ גוט יאָר.

דוד שטאָקפיש, פאָרשטעלנדיק די חשובע געסט, האָט אויך איבערגעגעבן וועגן די צענדליקער נייייאָר ווונטשן וואָס זענען אָנגעקומען פון אַנדערע לאַנדסלייט אין דער וועלט פאַר די לובלינער אין ישראל. אויך פריינד סימאָן זיידענווערג האָט טעלעפאָנירט פון ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, כדי זאָגן אַלעמען „שנה טובה".

דער פאָרזיצער האָט איבערגעגעבן אַ קורצע אינפאָרמאַציע וועגן די נאָענטסטע אויפגאַבן פונעם אירגון אין ישראל: וועגן דעם צימער אין דעם זעלבן הויז, וווּ עס וועט פאַראייביקט ווערן די יידישע לובלין; די יערלעכע אַזכרה און די צוגרייטונגען צום אַרויסגעבן דעם פאַרגרעסערטן נומער 10 פון „קול לובלין".

גיטעלע האָט אויף איר שטייגער באַדאַנקט אין האַרציקע ווערטער פאַר דעם צוזאַמענטרעף, וואָס גיט איר אַ מעגלעכקייט צו כאַפּן אַ שמועס מיט נאָענטע חברים און פריינד פון דער אַלטער היים. מאָטל גאַרטענקראַוט האָט געשפּענדעט 5 טויזנט ל"י און מרדכי נודעלשטערן, נאָך אַ קורצער באַגריסונג — טויזנט ל"י פאַרן „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב.

מיט אַ באַזונדערער אָנערקענונג איז אויפגענומען געוואָרן די דערקלערונג פון אונדזער קאַסירערין לאה קוריס, אַז זי גיט טויזנט ל"י פאַרן „ווינקל" און רופט אויך אַנדערע לובלינער אין ישראל נאָכצוטאָן איר ביישפּיל.

פריינד מתתיהו האָרן האָט דערציילט וועגן זיינע טרעפונגען מיט לובלינער אין פּאַריז און אין לאָנדאָן. מיט דער ברכה „גמר חתימה טובה" און אַ מעלדונג וועגן אַן אַרויספאָר ערב יום־כיפור אויפן בית־הקברות אין קרית שאול, אויף די קברים פון ירחמיאל גארטענקראוט ז"ל, ד"ר אברהם הערשמאַן ז"ל, לייבעלע עדעלשטיין ז"ל, לייזער פייערטאג ז"ל און צוקערמאַן — איז פאַרענדיקט געוואָרן דער אינטערעסאַנטער אָוונט.

## אַן אייגן „ווינקל" פאַרן לובלינער אירגון

ענדלעך, ענדלעך וועט אונדזער קאָמיטעט האָבן אַן אייגן „ווינקל", וווּ מ'וועט קאָנען אָפּהאַלטן זיצונגען, אָרגאַניזירן קליינע חברישע צוזאַמענטרעפן, באַגריסן אויסלענדישע געסט. דער קאָמיטעט האָט געקויפט ביים פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, אין תל־אביב, דיזנגוף 158, אַ צימער. ס'האָבן זיך שוין געפינען לובלינער יידן, ווי סימאָן זיידנווערג, משה קאָרן, מאָטל גאָרטענגראַוט, לאה קוריס, יהושע ווייספּיש, וואָס האָבן דעקלאַרירט זייער אָנטייל מיט באַדייטנדיקע סומעס. מיר דערוואַרטן ענלעכע דעקלאַרירונגען פון אַנדערע פריינד. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָיעקט פון אַ באַשיידענער, אָבער אַנטשפּרעכנדיקער אויסשטאַטונג פונעם צימער, כדי ס'זאָל קאָנען ווי אַמבעסטן דינען דעם אָנדענק פון דער יידישער לובלין. מיר האָפן, אַז די פייערלעכע דערעפענונג פונעם „לובלינער ווינקל" וועט קאָנען פאָרקומען נאָך היינטיקס יאָר.

חוץ דעם געפינט זיך אין דעם דאָזיקן בנין פון התאחדות עולי פולין אַ זאַל פאַר 200 מאַן, וווּ מיר וועלן קאָנען אָרגאַניזירן פאַרשידענע גרעסערע צוזאַמענטרעפן און פאַרזאַמלונגען.

## די שליחות קיין אויסלאַנד

דער פאָרשלאַג צו דעלעגירן אונדזער פאָרזיצער קיין אויסלאַנד, כדי צו פאַרשטאַרקן די צוזאַמענאַרבעט צווישן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל און די באַזונדערע לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דורכן פריינד ישראל אייזענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס נאָך אויפן וועלט־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער, וואָס איז פאָרגעקומען אין ישראל אין 1973. די דאָזיקע פראַגע איז גענוי באַהאַנדלט געוואָרן אויף עטלעכע זיצונגען פון אונדזער קאָמיטעט, וועלכער האָט געזען אין דער דאָזיקער נסיעה אַ ווייטערדיקן עטאַפּ אויף צו פאַרפעסטיקן די צוזאַמענאַרבעט מיט די לובלינער אין אויסלאַנד. די נאָרמאַלע פאַרבינדונגען אונדזערע מיט די תפוצות, וואָס געפינען זייער אויסדרוק אין אַ רייכער, קעגנזייטיקער קאָרעספּאָנדענץ, מאַטעריעלער הילף, ווי אויך אין דער פאַרשפּרייטונג פון „לובלינער שטימע" — זענען באַרייכערט געוואָרן דורך פערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט לובלינער, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין וועלט־צוזאַמענפאָר. איצט איז געקומען די ווייטערדיקע שטופּע אויפן דאָזיקן אָפּשניט — די שליחות פון פאַרדינסטפולן דוד שטאָקפיש מיט זיין פרוי, די אַקטיוויסטין רבקהלע.

וועגן דער דאָזיקער שליחות שרייבט אונדזער פאָרזיצער גופא, ווי אויך אַ גאַנצע ריי פריינד פון פאַרשידענע לענדער. דעריבער וועל איך זיך באַגנוגענען מיט די אויבנדערמאָנטע באַמערקונגען.

*

מיר טרעטן צו צו אַ ניי יאָר פון פאַרשטאַרקטער טעטיקייט אויף אַלע געביטן. אונדזער אויפגאַבע באַשטייט קודם־כל אין אַקטיוויזירן אין דער גרעסטער מאָס אַלע קאָמיסיעס, וואָס עקזיסטירן און דערביי ווענדן מיר זיך צו אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל און אין דער וועלט צו געבן זייער מיטהילף צו די אַלע אויפגאַבן.

## מתתיהו האָרן זיך געטראָפן מיט לובלינער אין פּאַריז און לאָנדאָן

אויסנוצנדיק זיין שטודיר־רייזע אין אייניקע אייראָפּעישע לענדער, פאַר טעכניקער און אינזשעניערן וואָס אַרבעטן אין דער ישראלדיקער עלעקטריציטעט קאָמפּאַניע (חברת החשמל), האָט דער וויצע־פאָרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין אין ישראל, באַזוכט אויך פראַנקרייך און ענגלאַנד און אין די הויפּטשטעט פון די צוויי מדינות געהאַט חברישע צוזאַמענטרעפן און אויפנאַמעס ביי געניע און שמואל שפּירא אין דער היים, מיטן אָנטייל פון פייגעלע און אלתר זאבערמאַן, זאָשע און ניומעק פערלמוטער. אין לאָנדאָן האָט ח' האָרן געהאַט שמועסן מיט אונדזער לאַנדסמאַן איזאַק קרעמפּעל און זיין פרוי בעל. אומעטום זענען אַרומגערעדט געוואָרן די ענינים פון ווייטערדיקער צוזאַמענאַרבעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

בזכותו של הרב מאיר שפירא זצ״ל

# אלפים נכחו בעצרת לציון סיום לימודי „הדף היומי״



הרב מאיר שפירא זצ״ל

אדמו״רים וחסידים, ראשי ישיבות ואברכים מילאו את היכל התרבות בתל-אביב בעצרת לציון סיום המחזור השביעי ללימוד „הדף היומי״ בש״ס.

העצרת אורגנה על ידי הוועדה המרכזית ללימוד הדף היומי, שליד הסתדרות אגודת ישראל.

אגף מיוחד בהיכל התרבות הוקצה לנשים. נערכו הופעות של מקהלות, תזמורות וחזנים.

הנאומים והברכות היו של האדמו״ר מסדיגורא, ראש בית הדין בתל-אביב הרב שלזינגר, הרבנים הראשיים לתל-אביב פרנקל והלוי, ושל הרב הראשי לישראל, הראשון לציון עובדיה יוסף, שקרא לספרדים ובני עדות המזרח ליטול גם כן חלק בלימוד הדף היומי למרות שמפעל זה נוסד על ידי רבני אשכנז...

החגיגות נערכו גם בבני-ברק ובירושלים.

*

„הדף היומי״ מהו? הטופס הסטאנדארטי של התל-מוד הבבלי בכל מהדורותיו מאז נדפס לראשונה בוונציה, בשנת 1520, בבית-דפוסו של דניאל בומברג הפלמי-הנוצרי (ובהגהתו של ר׳ אליהו בחור), מחולק ל-2702 דפים. בכל דור ודור נמצאו למדנים רבים שהיו מסיימים את לימוד הש״ס, מדפו הראשון עד דפו האח-רון, במשך תקופת-שנים ארוכה או קצרה, הכול לפי שיעור-הפנאי-וההתמדה של הלומד. והנה בשנת תרפ״ג, בעת ה„כנסייה״ (הוועידה) הראשונה של אגו-דת-ישראל בווינה, נתקבלה הצעתו של הרב מאיר שפירא ז״ל, ראש ישיבת חכמי לובלין, להנהיג את לימוד הש״ס על-פי „לוח קבוע״: דף ליום, דף ליום — **אותו דף עצמו** „בכל בית ישראל״ לתפוצותיו. הלימוד יעשה ביחידות, או מוטב — **בחברותא**, בקבו-צות קטנות של לומדים בעלי כושר-השגה שווה. במובן, רבנים ותלמידי-חכמים מופלגים ישקדו „על התורה ועל העבודה״ לפי בחירתם ולפי קצב משלהם, אבל גם „גדולי-הדור״ הללו לא יהיו פטורים מלימוד „הדף היומי״. מין סולידאריות לימודית שכזאת...

2702 דפים במנות יומיות של דף אחד, משמע: סיום התלמוד הבבלי כולו **בשבע** שנים. דווקא שבע, מיספר של יתרון-משמעות-וקדושה: שבוע-הימים המס-תיים בשנת-השמיטה. והנה — גם „שבוע״ התורה... מאז הונהג „הדף היומי״ ועד-כה הושלמו שבעה מחזו-רי-לימוד של הש״ס. השנה הזאת היא איפוא כעין **שנת-יובל**.

מנהג לימוד ה„דף״ פשט ממחנה אגודת-ישראל גם לחוגים אחרים של היהדות הדתית-תורנית, ובמשך הזמן אף הוליד מיפעלים כיוצא-בו: **המישנה** היומית, **ההלכה** היומית (בשולחן-ערוך), ולבסוף — ביוזמת מחלקת החינוך של הוועד הלאומי, לפני כ-35 שנה — **פרקי-היום בתנ״ך**.

*

## אין זכות פון הרב מאיר שאפירא זצ״ל

טויזנטער יידן, מענער און פרויען, האָבן זיך באַטייליקט אין תל־אביב, בני־ברק און ירושלים אין די גרויסע פייערונ־גען לכבוד דעם פאַרענדיקן דאָס לערנען דעם „דף יומי״ פון תלמוד בבלי, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אויפן פאָרשלאָג פון הרב מאיר שאַפירא זצ״ל, ראש פון ישיבת חכמי לובלין, ווי ער האָט עס פאָרגעלייגט אין יאָר תרפ״ג (1923) אויפן וועלט־צוזאַמענפאָר פון דער „אגודה״ אין ווין.

### נאָך מיט 400 יאָר צוריק האָט לובלין געשיקט געלט קיין ארץ־ישראל...

אינעם תקנות־בוך פון ועד ארבע ארצות געפינט זיך אַ תקנה, וואָס פאַרפליכטעט אַלע אַנגעשלאָסענע קהילות צו אַרבעטן פאַרן ישוב אין ארץ־ישראל:

„כדי אין זייער נויט צו שטיצן די יעניקע פון אונדזערע ברידער וואָס געפונען זיך אין ארץ־ישראל, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צום אָנהייב פון יעדן חודש דאַרף פאַר זיי דורכגע־פירט ווערן אַן עפנטלעכע זאַמלונג פון פריי־וויליקע נדבות. די געלט־סכומים ווערן איבער־געשיקט קיין לובלין און פון דאָרט — קיין ארץ־ישראל. אַזוי וועט „ציון אויסגעלייזט ווערן און די וואָס קערן זיך צו איר אום — מיט צדקה״...

# פאַרטיילט ליטעראַרישן פּרייז א.נ. פון די קדושי לובלין







די פאַרטיילונג פון דער ליטעראַטור־פּרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין אין „בית לייוויק" אין תל־אביב. די צוויי בילדער אונטן — אַ טייל פון פובליקום. אויפן בילד אויבן — דאָס פּרעזידיום. עס זיצן פון רעכטס: א. ליס, מ. האָרן, אינזש. א. לאַסקאָווסקי, ש. וואַרזאַגער, עובדיה פעלד, מ. קוריס, ד״ר א. האָראָוויץ, י. ח. בילעצקי.

דער פייערלעכער אָוונט פון צוטיילן דעם פּרייז פאַר ד״ר מ. דוואָרזשעצקי ז״ל און יבד״ל שלמה וואַרזאַגער, איז פאַרגעקומען אין לייוויק-הויז אין תל-אביב. דעם פאָרזיץ האָט געפירט עובדיה פעלד. דער מיטגליד פון דער זשורי, י. ח. בילעצקי, האָט געלייענט אַן עסיי וועגן דער שאַפונג פון פאַרשטאָרבענעם פּרייז-טרעגער ד״ר דוואָרזשעצקי.

דער שרייבער און ליטעראַטור-קריטיקער א. ליס האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן פּאָעט-פּראָזאַיקער שלמה וואַרזאַגער. אַנאַליטיש באַהאַנדלט די שאַפונגען פון מחבר, וואָס האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן פיר ראָמאַנען און צוויי ביכער לידער, באַטאָנענדיק דעם ביישטייער פון שרייבער צו דער יידישער ליטעראַטור איןביידע זשאַנערן.

נאָך די רעפעראַטן זענען צוגעטיילט געוואָרן די פּרעמיעס. שלמה וואַרזאַגער האָט אין זיין קורצן, אינטערעסאַנטן וואָרט געדאַנקט די רעדנערס, דעם פאָרזיצער, דער זשורי פאַר צוטיילן אים דעם פּרייז. צום סוף האָט ער געלייענט אַ ליד פון זיין נאָר וואָס דערשינענעם בוך לידער **„דאָ גייט אויף די זון"**. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אים האַרציק באַדאַנקט מיט לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

אין קינסטלערישן טייל איז אויפגעטראָטן די שוישפּילערין עטל קאָווענסקי. ביים קלאַוויר — לעוו קאַגאַן.

פאַרן „לובלינער ווינקל"
אין תל־אביב, דיזנגאָף 158

נייטיקן מיר זיך אין ביכער אין אַלע שפּראַכן וועגן לובלין און פון מחברים וואָס שטאַמען פון לובלין, ווי אויך אין זעלטענע דאָקומענטן און בילדער פון דער אַלטער היים. שרייבן וועגן דעם צום קאָמיטעט אין ישראל.

# „דערמאַנט מען זיך היינט אין לובלין — הערט מען מײדאַנעק...״

ש. וואַרזאַגער

פון זיין אַרויסטרעטונג אויף דעם פייערלעכן אָוונט צו פאַרטיילן די ליטעראַטור־פּרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין. וואַרזאַגער האָט באַקומען די פּרעמיע, צוזאַמען מיט ד״ר מ. דוואָרזשעצקי ז״ל. ש. וו. שטאַמט פון כעלעם, דעריבער זיין „כעלעמער די־גרעסיע״ ביים אָנהייב פון דער רעדע.

פרעגט מען אַ כעלעמער „פון וואַנען זייט איר ?״, ענטפערט ער אַ ביסל פאַרשעמט און צוריקגעהאַלטן : „איך בין פון לובלינער געגנט״. איז עס וואָרער אמת, מחמת כעלעם געהער צום לובלינער קרייז.

אָבער דער כעלעמער מיינט, אַז ער האָט עמעצן אָפּגענאַרט.

פון היינט און ווייטער וועל איך דרייסט ענט־פערן : איך בין פון לובלינער געגנט.

ביזן 39סטן יאָר איז לובלין געווען אַ שטאָט פון כמעט 50 טויזנט יידן. לובלין, מיט איר ציוניסטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז געווען אַ שם דבר און האָט אויך אַרומגענומען די פּראָווינץ, ביז און טאַקע אויך כעלעם. שוין אין 17טן יאָרהונדערט האָט לובלין געשמט פאַר אַן עיר ואֵם בישראל, די שטאָט פון ועד ארבע ארצות, פון חוזה ר׳ יעקב יצחק הורוביץ — דער ערשטער תלמיד פון בעל־שם־טוב.

רעדט מען פון יחוס עצמי, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז צום סוף פון צווייטן וועלט־קריג, נאָך היטלערס מפלה, איז לובלין געווען די הויפּט־שטאָט פון באַ־פרייטן פּוילן. באַפרייטן — אָן גענדזנפּיסלעך. נאָך דעם — אַ באַפרייט פּוילן פון יידן, „יודנריין״.

דערמאָנט מען זיך היינט אין לובלין, הערט מען... מײדאַנעק.

ווען מען האָט געקענט איינפאַלן אַזאַ קרומער פאַר־גלייך, אַזאַ שוידערלעכער פאַרגלייך : לובלין — מײ־דאַנעק.

דערמאָנט מען זיך היינט אין לובלין הערט מען... אַ שטילקייט, וואָס וועט דורות לאַנג שרייען און וועקן די וועלט־פאַרזאָרגער (פון מזרח און מערב), די קלוגע גולמס אין די גלעזערנע פּאַלאַצן, ווו די פינצטערניש טאָגט... זיי וועקן פון לעטאַרגישן, אָלימ־פּישן שלאָף.

אונדז יידן, דאָ און אין דער וועלט, וועט די שטילקייט נישט געבן קיין מנוחה. ווייל עס איז נישטאָ קיין תשובה. ווי זאָגט ביאַליק אין „שחיטה־שטאָט״, אויף „נקמה פאַר אַ קינד אַ שלאַפן, האָט דער טייוול אַליין נאָך נישט באַשאַפן״.

ווי אַזוי מעסטן און ציילן די צאָל אומגעבראַכטע קינדער ? מאַמעס, טאַטעס פון קינדער ?

דער חשבון איז אַן אָפענער. נישטאָ די האַנט, די פען, וואָס זאָל דעם חשבון אונטערציען.

איז אונדזער תשובה אויף חורבן, אויף פאַרטילי־קונג — לעבן ! לעבן נישט נאָר „על לחם לבדו״. לעבן און שאַפן.

די פינאַנסיעלע און מאָראַלישע שטיצע, מיטן צוטיילן דעם פרייז אויפן נאָמען פון קדושי לובלין — איז די בעסטע, די איינציקע טראַדיציאָנעל־יידישע תשובה פון הויכן מאָראַלישן ווערט, וואָס איר פּירוש איז — **גאולת דם.**

אויסלייזן יידיש בלוט מיט רוח הקודש פון יצירה, פון שאַפונג.

ווער בין איך, צו טיילן אַטעסטאַטן פאַר מעשים פון אַזאַ נאַציאָנאַל־סאָציאַלן כאַראַקטער ?

אָבער די עובדא פון צוטיילן אַזעלכע פּרייזן, סיי פאַר חורבן־ליטעראַטור, סיי פאַר שיינער ליטעראַטור, איז דער בעסטער אויסדרוק פון פולער אידענטיפי־קאַציע מיט אָט די דערהויבענע צילן.

דער ציל איז — לעבן און שאַפן אין ישראל, דער גייסטיקער, און נישט נאָר גייסטיקער צענטער פון יידישקייט און יידנטום.

לעבן און שאַפן דאָ אין ישראל, איז די בעסטע ערבות פאַרן זכר פון די שוידערלעכע נעכטנס און פאַר דער האָפענונג צו אַ שענערן, בעסערן מאָרגן, וואָס קלאַפּט אין די טויערן פון אונדזער אַלעמענס הערצער.

זאָל דעריבער געבענטשט זיין די איניציאַטיוו און געשטאַרקט זאָלן זיין די הענט פון די איניציאַטאָרן, דער זשורי פון ליטעראַרישן פּרייז אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין : ד״ר אלחנן האָרוויץ, עובדיה פעלד, נחמן קאָרן, מאיר שילדקרויט און דוד שטאָקפיש.

מיין האַרציקסטן דאַנק דעם מנדב, ה׳ יואל גאָלדמאַן און פרוי מערי, אין לאָס־אַנזשעלעס.


## לבני עירנו בישראל!

לחוברת זו מצורף שק בנק הדואר. אנא, לך לסניף הדואר הקרוב ותעביר על חשבוננו **25.—** ל״י תמורת „קול לובלין״ ודמי־חבר לשנת 1975. **תודה!**

# משה דיין - דער „איינזאַמער וואָלף"*

## אַ ביאָגראַפיע, וואָס איז באַלערנדיקע געשיכטע

יצחק לודען

יעדע תקופה רוקט אַרויס אירע העלדן און יעדעס לאַנד פאַרמאָגט געוויינלעך זיינע פירער, וועלכע סימבאָליזירן מיט זיך די קאַמפן, די שטרעבונגען און די דערגרייכונגען פון דעם לאַנד, צי פון דעם פאָלק. פירער, אָדער אַזויגערופענע „היסטאָרישע פערזענלעכקייטן", ווערן געוויינלעך צוזאַמענגעפּאָרט און אידענטיפיצירט מיט אַ געוויסער היסטאָרישער געשעעניש, וועלכע האָט זיי אַרויסגערוקט אויפן אויבן־אָן פון דער נאַציאָנאַלער כראָניק, אָדער, ווי מ'זאָגט עס — אַריינגעשריבן אין דער נאַציאָנאַלער ביאָגראַפיע פון דעם פאָלק, פון דעם לאַנד, פון דער תקופה.

אויב עס גייט אין דער פערזאָן פון משה דיין, איז זייער שווער אים אַריינצופאַסן אין די אַלע קאַטעגאָריעס, וואָס בילדן צוזאַמען די נאַציאָנאַלע ביאָגראַפיע פון ישראל. עס איז נישט מעגלעך אים צו פאַרבינדן מיט אַן איינצלנער אָפּגעזונדערטער געשעעניש, מיט אַ באַזונדערער תקופה, אָדער מיט אַ ספּעציפישער באַוועגונג. ער איז מער אַ ד ע ר ש י י נ ו נ ג , ווי אַ סימבאָל. אַ דערשיינונג, וואָס באַגלייט מדינת ישראל כמעט זינט איר אַנטשטייאונג, און אפשר אַפילו נאָך פון פריער, און צו וועלכער מען קאָן זיך באַציען מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע, אָדער מיט דער שאַרפסטער קעגנערשאַפט — אָבער מ'קאָן צו איר נישט בלייבן גלייכגילטיק; אַ דערשיינונג, וועלכע מ'קאָן באַטראַכטן ווי אַ ברכה, אָדער ווי אַ געפאַר — אָבער מ'קאָן זי קיינמאָל נישט גרינגשעצן און אויסמעקן פון אונדזער באַוווסטזיין.

דערפאַר טאַקע איז די לעבנס־געשיכטע פון משה דיין נישט קיין איינפאַכע ביאָגראַפיע — ווי איינע פון די טויזנטער לעבנס־באַשרייבונגען פון אָפּגעדינטע, פענסיאָנירטע מלוכה־לייט, אָדער פון אַנדערע פאַרשידנאַרטיקע פערזענלעכקייטן, וואָס זענען אַמאָל, אין געוויסע צייטן, געווען באַרימט און האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף דעם אָדער אַנדערן געביט פון אונדזער פילפאַכיקן לעבן.

מען מוז נישט זיין קיין אָנהענגער, אָדער אַ סימפּאַטיקער פון משה דיין, כדי צו לייענען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיין ביאָגראַפיע — נישט נאָר ווי אַ שפּאַנענדיקע לעבנס־געשיכטע פון אַ מענטשן מיט אַן אויסערסט רייכער און אינטערעסאַנטער פאַרגאַנגענהייט, וועמענס פערזענלעכע אויפפירונג און מלוכהש־געזעלשאַפטלעכע שאַך־צוגן האָבן נישט זעלטן אַרויסגערופן איבעראַשונגען און ליידנשאַפטלעכע וויכוחים אין דער עפנטלעכקייט; נאָר אויך ווייל זיין ביאָגראַפיע שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַלערנדיקע געשיכטע פון דעם יישוב און פון מדינת ישראל, אַ געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אירע ערשטע יאָרן אין צאַרישן רוסלאַנד און פון דער צווייטער עליה, מיט וועלכער משה דיינס עלטערן זענען עולה געווען אין לאַנד, אַ געשיכטע פון דער התישבות, פון דער קיבוצישער באַוועגונג און — פון מדינת ישראל אין דעם ערשטן דור פון איר עקזיסטענץ.

אויב מען וויל זיך באַקענען מיט אָט דער דערשיינונג, אויב מ'וויל פאַרשטיין דעם פענאָמען וואָס רופט זיך משה דיין אויפן פאָן פון די פאַרשידענע „פרשה'ס", פערזענלעכע אַוואַנטורעס און געזעלשאַפטלעכע אויפטרייסלונגען, צי אויפן פאָן פון נאַציאָנאַלע טראַגעדיעס און מאָמענטן פון געפאַלנקייט און דערהויבנקייט, וואָס עס האָט אַדורכגעמאַכט דער היגער יידישער יישוב — דאַרף מען לייענען די צוויי בענדער פון שבתי טבתס בוך „דאָס לעבן פון משה דיין". וואָס איז נאָר וואָס דערשינען אין דער אויסגעצייכנטער יידישער איבערזעצונג פון עובדיה פעלד. דער לייכטער און פליסיקער יידיש אין עובדיה פעלדס איבערזעצונג שטעלט מיט זיך פאָר אַ צוגאָב־מעלה צו דער אייגנאַרטיקער שילדערונגס־שפּראַך, מיט וועלכער שבתי טבת ברענגט אַרויס אין זיין מאָנאָגראַפיע די באַהאַלטענע פסיכאָלאָגישע פעדעמער אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם מאַן, וועמענס נאָמען האָט נישט איין מאָל אַרויסגערופן גע־

(סוף אויף זייט 24)

* שבתי טבת — דאָס לעבן פון משה דיין. איבערזעצט פון עברית: עובדיה פעלד. 2 טיילן, 576 ז"ז. אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון ליטעראַטור־פאָנד א.נ. פון מערי און יוליוס גאָלדמאַן, לאָס־אַנזשעלעס; זעליג וויינשטאָק, זעליג ליס, לובאַ און משה קאָרן. עקסקלוסיווער פאַרקויף: י. ל. פרץ פאַרלאַג, תל־אביב, אלנבי 31.





אויף דער חתונה פון שושנה וואַסאַנג מיט איר באַשערטן, אין תל־ אביב. אויפן בילד אויבן — אַ גרופּע לובלינער אויף דער שמחה. לינקס — דאָס יונגע פּאָרל מיט משה קאָרן (טאַשעמקאַ).

# מר ישעיהו וייסברוט־הורביץ בן 85



4 דורות של ר׳ ישעיהו וייסברוט־הורביץ — עם בנו יעקב, כלתו חנה, רעייתו זהבה, הנכדים שמואל ורעיתו בטי, ונינים אבי ואלון.

פיר דורות פון ר׳ ישעיהו ווייסבראָט־האָרוויץ: דער זון יעקב, דאָס אייניקל מרים מיטן אור־אייניקל אלון, ר׳ ישעיהו, זיין פרוי זהבה, די שנור חנה (אַנדזשע) מיטן אור־אייניקל אבי, דאָס אייניקל שמואליק מיט זיין פרוי בעטי.

לפני חודשים ספורים התכנסו עשרות חברים וידידים מיוצאי עירנו בבית המלין בתל־אביב, על מנת לחגוג יחד עם ישעיהו ובני משפחתו, בהגיעו לגבורות פלוס.

החי׳ הורן מתתיהו, סיו״ר הארגון ומנחה של הערב, פתח את החגיגה בציינו את פעילותיו של בעל השמחה; כחבר הועד המרכזי של ההסתדרות הציונית בלובלין, אשר הכניס רוח חיה בה, יחד עם מספר חברים מסורים לענין, כמו הגב׳ דובז׳ינסקה, אלעזר ניסנבוים ועוד. כן הזכיר את תקופת הילדות, בזמן היותו ראש הקן של הנוער־הציוני, היה בקשר מתמיד אתו, עקב פעולות הקן, כגון מושבות־קיץ, שישעיהו היה גם בין הפטרונים של הנוער דאז.

בזמן שהיו צריכים לקבל אישורים מההורים, על מנת לאפשר לנוער לצאת למושבות־קיץ, שהתקיימו ביערות בסביבת לובלין, קיימנו אסיפות הורים ובהן שיכנע והסביר ישעיהו את חשיבות המפעל, בו הנוער מקבל את התשתית לחינוכו הציוני. פעולת שיכנוע זו נשאה פרי וההורים היו מתירים לבניהם לצאת למושבה.

הח׳ מאיר שילדקרויט העלה קוים כללים לדמותו. תמיד ראה אותו צעיר ברוחו ומלא מרץ. כן בירכו: פרופ׳ שליט ורעייתו, שהיו מורים בבית־ספר „תרבות" דאז. הם ציינו בדבריהם, שישעיהו עזר להם הרבה במאמצים לבסס את בית־הספר. הח׳ שטוקפיש הזכיר את פעולותיו בלובלין וגם בארץ ואיחל לו להמשיך הרבה שנים בבריאות ואושר.

בשם המשפחה בירכה הבת, עו״ד יהודית סהר, שתמיד ראתה את אביה רענן וצעיר, למרות כל התלאות שעברו עליו. חלומו היחיד היה לעלות ארצה, ואת זה הוא הגשים.

בדברי תשובתו הודה בעל־השמחה לכולם בדעה צלולה בעבור הברכות והעלה זכרונות מהעבר.

בסיום המסיבה הזכיר הח׳ מ. הורן את דברי פרופ׳ מרטין בובר: הזיקנה היא דבר נפלא, אם רק יודעים להתחיל מחדש, — כפי שעשה זאת ידידנו ישעיהו.

באותו מעמד העלו ברכות לחברנו שטוקפיש ורעייתו, לפני צאתם בשליחותנו, לפי החלטת הוועידה העולמית של יוצאי עירנו לשגר את יו״ר הארגון לחו״ל למסע חיזוק וחידוש הקשר עם התפוצות. כולם ציינו את סגולותיו ובירכוהו שיצליח במשימותיו.

**מ. ה.**

# מסיבה לכבוד דעם 85־טן געבוירנטאָג פון ישעיהו ווייסבראָדט־האָרוויץ

**דעם 28סטן יאַנואַר ה.י. איז אין „בית המלין" אין תל־אָביב פאַרגעקומען אַ פייערלעכע זיצונג פונעם לובלינער ראַט, געווידמעט דעם 85סטן געבוירן־טאָג פון באַקאַנטן כלל־טוער, אונדזער בן־עיר, ישעיהו האָרוויץ־ווייסבראָדט. גלייכצייטיק האָבן די פאַרזאַמלטע געזעגנט דעם פאַרזיצער דוד שטאָקפיש און זיין פרוי רבקהלע, צו זייער אָפּפאָרן אין אַ לובלינער שליחות קיין אויסלאַנד.**

**מיט אָפּשאַצונגען און זכרונות וועגן יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פאַרמלחמהדיקן לובלין און וועגן דער טעטיקייט פון בעל־היובל, זענען אַרויסגעטרעטן די חברים און פריינד: פראָפ׳ שאַליט, מאיר שילדקרויט, מתתיהו האָרן (דער פאַרזיצער פון אָוונט), דוד שטאָקפיש און די טאָכטער פון ה׳ ווייסבראָדט — אַדווי׳ יהודית סהר. אַלע באַגריסערס האָבן דערציילט אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון יענער תקופה. ישעיהו האָרוויץ־ווייסבראָדט האָט גלענצנד דערגענצט די דאָזיקע זכרונות מיט זיין לייכט־הומאָריסטישן אויפטריט.**

**ס׳איז געווען אַ זייער געלונגענער צוזאַמענטרעף, אויף וועלכן ס׳האָט פאַר אונדזערע אויגן אויפגעלעבט דאָס פאַרמלחמהדיקע, געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע לובלין.**

**ש. ל.**

## LISTES DES MEMBRES DE LA SOCIETE „LES ENFANTS DE LUBLIN"

**Mme ARBEITMAN,** 138 Avenue de la Grange, Montgeron 91230

**Mme BERLAND,** 18 Boulevard du Temple, Paris 75011

**Mme BRAUNSTEIN,** 30 rue Fontaine, Paris 75009

**Mme BERENSTEIN,** 14 rue Hermel, Paris 75018

**BROMBERG,** 117 rue de Turenne, Paris 75003

**BITERMAN,** 63 rue de Romainville, Paris 75019

**CUKIER,** 7 rue Charlemagne, Paris 75004

**Mme CHAITMAN,** 32 Boulevard du Temple, Paris 75011

**Mme DONERSTEIN,** chez **Mr.** et **Mme GIQUEL** Allée des Vergers, Paris Jurden Draveil 91210

**DAVIDSON LÉON,** 52 Avenue Parmentier, Paris 75011

**DAVIDSON CUDYK,** 32 rue des Blancs Manteaux, Paris 75004

**DONERSTEIN,** 30 rue Frédéric Lemaitre, Paris 75020

**Mme ERMAN,** 128 Avenue Michelet, Saint Quen 93400

**ERLICH,** 168 rue de Belleville, Paris 75020

**FINELTIN,** 35 Boulevard de Belleville, Paris 75020

**FINKELSTEIN,** 7 rue des Immeubles Industriels, Paris 75011

**Melle FRYDHEIM,** 16 rue Jules Vallés, Paris 75011

**Mme FELD,** 1 rue La Beaune, Montreuil 93100

**Mme FINKELSTEIN,** 19 rue de la Forge Royale, Paris 75011

**Mme FORSZTEITER,** 119 Avenue de Choisy, Paris 75013

**GRINFELD,** 89 Boulevard Voltaire, Paris 75011

**GEDANKEN,** 50 rue de Chabrol, Paris 75010

**Mme GASKA,** 89 rue Belliard, Paris 75018

**GOLDRING,** 195 rue de la Convention, Paris 75015

**GRUMAN,** 151 Boulevard Murat, Paris 75016

**Mme GOLDADLER,** 8 Boulevard Saint Martin, Paris 75010

**Mme GOTLIB,** 2 rue Titon, Paris 75011

**GALILI,** 67 Avenue Verdier, Montrouge 92120

**GOLDNER,** 21 rue des Taillandiers, Paris 75011

**HONIGBAUM,** 8 rue J. P. Timbaud, Paris 75011

**HAAS,** 11 bis rue Faidherbe, Paris 75011

**Mme JOLLES,** 7 rue Dupont de l'Eure, Paris 75020

**Mme KOCHMAN,** 46 rue des Vinaigriers, Paris 75010

**KOUMERSKY,** 47 rue de la Plaine, Paris 75020

**KIRSZ,** 10 rue Courat, Paris 75020

**KRAISIN,** 32 Avenue de la Résistance, Montreuil 93100

**Mme MULLER,** 86 rue du Fg. Saint Denis, Paris 75010

**MLICZAK,** 52 rue Condorcet, Paris 75009

**MAGNISZEVER,** 25 rue des Fontaines du Temple, Paris 75003

**MIRER,** 3 rue Eugéne Renault, Maisons-Alfort 94700

**NISEN,** 90 rue Lamarck, Paris 75018

**Mme PALESTRANT,** 1 rue Vilin, Paris 75020

**PILLERSDORF,** 1 rue Cail, Paris 75010

**Melle PILLERSDORF,** 12 rue des Roses, Paris 75018

**Mme ROTSZTEIN,** 36 rue d'Hauteville, Paris 75010

**ROSENBERG,** 3 Passage Saint Bernard, Paris 75011

**ROTFARB,** 153 rue de Bagnolet, Paris 75020

**Mme RAJES,** 69 rue Crozatier, Paris 75012

**ROTSZTEIN,** 11 bis rue Faidherbe, Paris 75011

**Mme SZTAMFATER,** 208 rue Saint Maur, Paris 75010

**SZEJMAN,** 36 rue de l'Orillon, Paris 75011

**Mme SAGERMAN,** 7 rue d'Enghien, Paris 75010

**SZTRUZMAN,** 29 rue de Penthiévre, Paris 75008

**Mme SARMET,** 228 rue de la Convention, Paris 75015

**Mme STAJNSALC,** 26 rue Mélingue, Paris 75019

**SZNIEG DAVID,** 13 rue Ernest Cresson,, Paris 75014

**Docteur STEIN,** 26 Boulevard Bonne Nouvelle, Paris 75010

**SZNIEG SIMON,** 52 rue des Batignolles, Paris 75017

**Mme SZNEK MALKÉ,** 11 rue Neuve Popincourt, Paris 75011

**SZNEK ARYA,** 34 Avenue de la République, Saint Maur 94100

**Mme SZYSZYCKI,** 82 rue du Fg. Saint Denis, Paris 75010

**Mme SIEDLECKI,** 7 rue de Tracy, Paris 75002

**Mme SZNIEG THÉRÉSE,** 104 rue d'Assas, Paris 75006

**SZPIRO,** 22 rue Saint Paul, Paris 75004

**Mme TRACHTENBERG,** 11 rue du Delta, Paris 75009

**Mme TKATCH,** 30 bis rue des Boulets, Paris 75011

**Mme TZADIKOVITCH,** 5 rue Dupuis, Paris 75003

**Mme VASSER,** 7 rue Trousseau, Paris 75012

**Mme WEJSFISZ,** 61 rue de Belleville, Paris 75019

**WEJSFISZ,** 15 rue de Paris, Charenton 94220

**YAKOUBOVITCH,** 117 rue Vieille du Temple, Paris 75003

**ZYLBERMAN,** 2 rue Franche Comté, Paris 75003

**Mme ZANDMAN,** 2 rue Bleue, Paris 75009

**ZAJAC,** 34 Avenue de la République, Combault 77340

**Mme ZALCMAN,** 36 rue d'Hauteville, Paris 75010

## AUSTRALIA

**S. ZILBERSCHER,** T 12/19, Ardrie Rd. East Malvern Vicoria 3145.

**Mrs. M. BLUMBERG,** 31 Gresham St., East Brisbane. Qld., 4169.

## U. S. A.

**PAULA MARGOLIES,** 3470 Cannon Place, Bronx, N.York. 10463.

**H. FRUCHTMAN,** 4905 Beach 49th Brooklyn, N.Y. 11224.

**ARON GRENDE,** 2217 Wallace Av., Bronx, N.Y. 10462.

**E. KRAJCER,** 2454 W. Berwyn Av., Chicago IL 60625.

**M. ZYLBERBERG'** 458 Allwen Rd. Dayton Oh. 45406.

**J. SPAISMAN,** 50 West 97 st. New York, N.Y. 10025 Apt. 72.

**M. STEINSTOCK,** 6033 Castor Ave. Philadelphie, Pen. 19149.

★

צווייטע רשימה פון אַדרעסן —
אין נומער 11 „קול לובלין".

**Mr. H. FOGELGARN,** 3290 Van Horne, 10, Montreal, Que. H3S 1R4

**Mr. & Mrs. M. FREEDMAN,** 7006 Kildare, Montreal 269

**Mr. & Mrs. N. FINKELSTEIN,** 6360 Mc Lynn, Montreal 252

**Mr. & Mrs. CH. FRAIBERG,** 4287 De La Peltrie, Montreal 249

**Mrs. P. FOGEL,** 4255 Carlton, Montreal 249

**Mrs. F. FRYDMAN,** 3225 Linton, 14, Montreal 251

**Mrs. E. GOLDSTEIN,** 4486 Notre Dame Chomedey, Laval, Que.

**Mr. & Mrs. A. GLADMAN,** 5253 Borden Ave, N.D.G. Montreal 265

**Mr. & Mrs. M. GELIBTER,** 6955 Fielding, 104, Montreal 265

**Mr. & Mrs. I. GIEWERCER,** 7510 Wavel Rr. C. S. L., Montreal 269

**Mr. & Mrs. M. GARTENBERG,** 5761 Honore de Balzac, 802, Montreal 269

**Mrs. H. GRZEBMACHER,** 4615 Plamondon, 2, Montreal 252

**Mr. & Mrs. SZ. GOLDBAUM,** 5178 St. Urbain, Montreal 151

**Mrs. BINA GOLDMAN,** 4630 Bourret, 154, Montreal 252

**Mr. & Mrs. D. GREENFELD,** 5792 Ferncroft Rd., Montreal 254

**Mrs. TOBA GRIEF,** 1130 Marlatt, Montreal 382

**Mr. & Mrs. I. HERTZMAN,** 3026 Bedford Rd., Montreal 251

**Mr. & Mrs. P. HUBERMAN,** 6293 De Vimy, Montreal 251

**Mr. & Mrs. J. KAPLAN'** 5496 A Trans Island, Montreal 252

**Mr. & Mrs. S. KOSOWOI,** 6856 Emerson Dr. C.S.L. Montreal 249

**Mr. SH. KORNBLITT,** 4770 Dupuis, 102, Montreal 252

**Mr. A. KORNBLIT,** 2255 Cote Vertu, 101, Montreal 382

**Mr. & Mrs. B. KROCHMALNIK,** 4635 Bourret, 49, Montreal 252

**Mr. & Mrs. C. KORNBLIT,** 4837 Vezina, 24, Montreal 252

**Mrs. F. KROSBERG,** 3460 Decelles Place, 34 Montreal 251

**Mr. & Mrs. SH. KLODA,** 3941 Carlton, Montreal 249

**Mr. & Mrs. I. LANDAU,** 3900 Bouchette, 22 Montreal 249

**Mr. A. MANDELBAUM,** 4850 De Courtrai, 44, Montreal 252

**Mrs. B. MACHMAKER,** 6717 Trans Island, Montreal 252

**Mr. & Mrs. R. MASTER,** 4044 Mackenzie, Montreal 249

**Mr. & Mrs. CH. NISENBAUM,** 4975 Bourret, 15, Montreal 252

**Mr. & Mrs. M. NAIMAN,** 4987 Van Horne, Montreal 252

**Mr. & Mr. M. ORZECH,** 4010 Bourret apt. 104, Montreal 249

**Mr. & Mrs. SH. PALIWODA,** 4957 Plamondon Ave, Montreal 252

**Mr. & Mrs. J. ROZENBLAT,** 5826 Decelles, 3, Montreal 251

**Mr. & Mrs. M. RZESHOTKOWSKI,** 820 Mc Eachron, Outremont, Montreal 154

**Mr. & Mrs. A. RUBIN,** 6607 Baily Rd. C. S. L., Montreal 267

**Mr. & Mrs. W. ROCHWERG,** 4292 Kent Ave., Montreal 249

**Mr. &. Mrs. H. SAMBERG,** 5612 Alpine C. S. L., Montreal 266

**Mr. & Mrs. A. SLOMA,** 4257 Carlton Ave., Montreal 249

**Mr. Z. SEGAL,** 4195 Notre Dame, 305, Chomedey, Laval, Que.

**Mr. F. TISZ,** 4625 Plamondon, 2, Montreal 252

**Mrs. CH. TRACHTENBERG,** 4955 Plamondon, Montreal 252

**Mr. A. WAISS,** 4770 Plamondon, 102, Montreal 252

**Mr. SH. WOLBERG,** 4680 Bourret, 407, Montreal 252

**Mr. & Mrs. B. WOLBERG,** 2775 Kent, 103, Montreal 251

**Mr. & Mrs. S. ZEESMAN,** 4490 Kevin, 1, Montreal 249

**Mr. & Mrs. A. ZWEIKAFT,** 4785 Bouchette, 31, Montreal 252

**Mr. & Mrs. J. ZIMMER,** 4939 Dornal, Montreal 248

**Mr. & Mrs. N. ZIMELSTERN,** 4680 Bourret, 407, Montreal 252

**Mr. & Mrs. S. GRANATSTEIN,** 37 Lyncroft, Hampstead

## LOS-ANGELES

**JOSEPH SHNUR,** 17423 Hiawatha, Granada Hills Calif.

**ISRAEL KOHEN,** 921 No. Ogden, Los Angeles 90046

**RAY ROSENBERG,** 1428 No. Curson, L. A. 90046

**JULIUS GOLDMAN,** 1660 Vallywood Rd., Sherman Oaks, Calif.

**LEON SHERMAN,** 10341 Keswick, L. A. 90064

**HARRY KRAGEN,** 3885 Alsace, L. A. 90008

**I. ZAYON,** 1132 So. La Peer, L. A. 90035

**I. EHRENBERG,** 2031 So. Shenandoah, L. A. 90035

**LEON GITKLIG,** 9536 Cresta Dr., L. A., 90035

**A. ROZENBAUM,** 1518 Durango, L. A. 90035

**M. ROSENSON,** 916 No. Sierra Bonita, L. A. 90046

**C. BESS,** 1747 No. Canyon Dr., L. A. 90028

**L. OBER,** 1542 Durango, L. A. 90035

**HARRY GOLDSHER,** 11342 So. Cardiff, L. A. 90035

**I. LAX (LEWIS),** 4215 Col. Bath Av. Sherman Oaks, Calif.

**H. PERELMAN,** 12309 Oxnard St., No. Hollywood 91606

**BERNARD FRYM,** 6317 Lindenhurst, L. A. 90048

**JOSEPH HITER,** 723 No. Croft, L. A. 90069

**CH. WHITNEY,** 289 So. Barrington, L. A. 90049

**GEORGE WALDBAUM,** 6620 Hollywood Blvd., L.A. 90028

**SIG GUEST** 10302 Flona Ave, L. A. 90064

**NATHAN LIPSMAN,** 2722 Beverly Dr., L. A. 90034

**GEDALIA FISHMAN,** 507 No. Formosa, L. A. 90036

**Dr. CHARLES SHOOSTER,** 9005 Cynthia, L. A.

**M. GOLDFARB,** 1933 So. Bedford, L. A. 90034

**LEONARD KESSLER,** 1430 Gamma Pl., Anaheim, Calif. 92805

**JOSEPH ELBAUM,** 8650 Cashio St., L. A. 90035

**F. EVANS,** 4939 New Cassel Encino, Calif.

## LUBLIN AND VICINITY SOCIETY TORONTO

**M. FRIEDMAN,** 42 Purdon Dr., Downsview, Ontario
**J. CUKIERFAJN,** 285 Codsell Ave., Downsview, Ontario
**M. WAKSBAUM,** 137 Searle St., Downsview, Ontario
**ANNA BROM,** 4160 Bathurst St., Apt. 406, Downsview, Ontario
**M. ALSPECTOR,** 27 Wynn Rd., Willowdale, Ontario
**C. FEFERMAN,** 166 Carlton Ave., (Store) Toronto 2, Ontario 922-7105
**J. FINKELSTEIN,** 314 Wychwood, Toronto 10, Ontario
**J. KALECHSTEIN,** 55 Hillmount Ave., Toronto 19, Ontario
**P. YABLONSKI,** 60 Arnold Ave., Thornvill, Ontario
**A. LAUFER,** 290 Brighton Ave., Downsview, Ontario
**Mrs. M. FRIEDMAN,** 42 Purdon Dr., Downsview, Ontario
**Mrs. M. REITIG,** 109 Searle Ave., Downsview, Ontario
**A. ALSPECTOR,** 237 Betty Ann Dr., Willowdale, Ontario
**L. ALBOM,** 85 Roberta Dr., Toronto 19, Ontario
**J. BROM,** 4160 Bathurst St., Apt. 406, Downsview, Ontario
**J. BRUN,** 130 Bannockburn Ave. Toronto 12, Ontario
**J. BOJM,** 25 Vinci Cr., Downsview, Ontario
**Mrs. R. BESSERMAN,** 56 Whitley Ave., Downsview, Ontario
**H. BUCHSTEIN,** 99 Hillmount Ave., Toronto 19, Ontario
**A. CITRON,** 46 Russfax Dr., Willowdale, Ontario
**S. FRYSZ,** 11 Lois Ave., Toronto 19, Ontario
**R. FINKELSTEIN,** 6 Lamberton Blvd., Downsview, Ontario
**J. FELDMAN,** 4 Tillplain Rd., Downsview, Ontario
**I. GARFINKEL,** 579 Bedford Park Ave., Toronto 12, Ontario
**S. GELBARD,** 215 Searle Ave., Downsview, Ontario
**S. GLIKLICH,** R.R. 4, Tenvick, Ontario
**A. GOLDSTEIN,** 134 Charlton Blvd., Willowdale, Ontario
**L. GRINER,** 83 Acton Ave., Downsview, Ontario
**A. JACOBS,** 244 Pannahill Road, Downsview, Ontario
**S. KERN,** 55 Brookview Dr., Toronto 19, Ontario
**B. KNOBEL,** 19 Donnalyn Dr., Willowdale, Ontario
**H. KNOBEL,** 523 Finch Ave., Apt. 523, Willowdale, Ontario
**N. KATZ,** 118 Brighton Ave., Downsview, Ontario
**J. LIPSZYC,** 213 Cocksfield Ave., Downsview, Ontario
**H. LAUFER,** 61 Laurelcrest Ave., Downsview, Ontario
**J. LOBZOWSKI,** 177 Brighton Ave., Downsview, Ontario
**A. LEINWAND,** 14 Sandale Gardens, Downsview, Ontario
**J. MINCER,** 4979 Bathurst St., Apt. 216, Willowdale, Ontario
**M. MAIL,** 4160 Bathurst St., Apt. 607, Downsview, Ontario
**J. MONCARZ,** 22 Sultana Ave., Toronto 19, Ontario
**M. MILSTEIN,** San Francisco, California, U.S.A. 3100 Taraval St.
**M. MODRZEWIECKI,** 42 Saranac Blvd., Apt. 208, Toronto 19, Ontario
**A. MENDLOWICZ,** 90 Waterloo Ave., Downsview, Ontario
**S. MUDRYK,** 126 Searle Ave., Downsview, Ontario
**H. MICHAELS,** 23 Bayhampton Ct., Downsview, Ontario
**CH. NIRENBERG,** 265 Havelock St., Toronto 4, Ontario
**M. NIRENBERG,** 505 Douglas Ave., Toronto 12, Ontario
**W. PUKERMAN,** 1 Flemington Rd., Apt. 303, Toronto 19, Ontario
**M. ROTENBERG,** 226 Searle Ave., Downsview, Ontario
**G. RUTMAN,** 3 Collinson Blvd., Downsview, Ontario
**M. RUBINSTEIN,** 23 Robingrove Rd., Willowdale, Ontario
**M. RICER,** 666 Woburn Ave., Toronto 12, Ontario
**S. RICER,** 1 Josephine Rd., Downsview, Ontario
**A. RICH,** 22 Khedive St., Toronto 19, Ontario
**M. ROTSTEIN,** 464 Drewry Ave., Willowdale, Ontario
**M. REITIG,** 109 Searle Ave., Downsview, Ontario
**B. RUBINSTEIN,** 64 Purdon Dr., Downsview, Ontario
**L. ROSENFELD,** 10 Terrydale Dr., Downsview, Ontario
**R. ROTSTEIN,** 157 Combe Ave., Downsview, Ontario
**A. ROSENSPIER,** 17 Donnalyn Dr., Willowdale, Ontario
**S. SZWARCBERG,** 124 York Downs Dr., Downsview Ontario
**M. SPINDEL,** 25 Arran Cr., Willowdale, Ontario
**S. SPINDEL,** 127 Cactus Ave., Willowdale, Ontario
**S. TROST,** 1307 Wilson Ave., Downsview, Ontario
**S. TRAURIG,** 123 Baycrest Ave., Toronto 19, Ontario
**H. SHUSTER,** 43 Cadillac Ave., Downsview, Ontario Bus. HO-5-6740
**H. WEISFELD,** 134 Dunblaine Ave., Toronto, Ontario
**D. WEINSTOCK,** 3388 Bathurst St., Apt. 201, Toronto 19, Ontario
**A. WARMAN,** 20 Almore Ave., Downsview, Ontario
**N. YARMUS,** 166 Searle Ave., Downsview, Ontario
**H. ZALCMAN,** 87 Letchworth Cr., Downsview, Ontario
**M. ZAIDFUDEN,** 4141 Bathurst St., Apt. 201, Downsview, Ontario
**N. ZIMERMAN,** 23 Donnalyn Dr., Willowdale, Ontario
**T. YERMUS,** 34 Carscadden Dr. Apt. 306, Willowdale, Ontario
**M. WAINTRAUB,** 15 Prince Charles Dr., Toronto, Ontario

## MONTREAL

**Mr. & Mrs. S. AICHENBAUM,** 2767 Edouard Montpetit, 202, Montreal 250
**Mr. & Mrs. N. BAUM,** 1400 Decarie Blvd., 6, Montreal 260
**Mr. & Mrs. J. BAUM,** 59 Roxton Crescent, Montreal West 264
**Mr. & Mrs. SH. BAUM,** 4881 Mackenzie, Montreal 252
**Mr. & Mrs. BRAUER,** 4472 Hingston, Montreal 261
**Mr. & Mrs. S. BRAITER,** 4516 9th Ave. Chomedey Laval, Que.
**Mr. & Mrs. E. BRAITER,** 6275 Clanranald, Montreal 252
**Mrs. S. BELE,** c/o **Mrs. BAMBERGER,** 6600 Kildare, 1608, Montreal 269
**Mr. J. ERLICH,** 3942 Mackenzie, Montreal 249
**Mr. & Mrs. A. ENGELSBERG,** 7461 Kingsley, 310, Montreal 267
**Mr. & Mrs. FERNAND,** 5932 Westbury, Montreal 252

# לזכר הנפטרים

## צום אנדענק פון די פארשטארבענע

## אַלעקס פינקעלשטיין ז״ל



דעם 27סטן אויגוסט 1975 איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין ניו־יאָרק דער פאַרזיצער פונעם „לובלינער און אומגעגנט אַרבעטער־רינג ברענטש 360״, אַלעקס פינקעלשטיין. וועגן זיין פלוצימדיקן טויט האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פון אונדזער סעקרעטאַרין, בערטאַ פליישהאַקער. אויך אין דער יידישער טאָג־צייטנוג „פאָרווערטס״ האָבן מיר געפונען 4 טרויער־מעלדונגען פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, אין וועלכע דער פאַרשטאָרבענער איז געווען טעטיק אַ סך יאָרן: דער פריער דערמאָנטער „לובלינער און אומגעגנט א. ר. ברענטש 360״; די „פאָרווערטס״ אַסאָסיעישאָן; דער שטאָטישער קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק; דער קלאָוקמאַכערס לאָקאַל 1, א. ל. ג. וו. יו.

אין לובלין, מאָנטרעאָל און לעצטנס אין ניו־יאָרק, האָט אַלעקס נישט געוווסט וואָס מיינט צו לעבן נאָר פאַר זיך. תמיד געווען אַריינגעטאָן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — אויפן אַלגעמיין־יידישן פראָנט, ווי אין דער לאַנדהמאַנשאַפט. ער האָט אַלץ געטאָן, אַז ס׳זאָל זיין אַ ה מ ש ך אינעם יידישן לעבן. זיין אומגעריכטער טויט האָט אַרויסגערופן אויפריכטיקן טרויער ביי די אַלע וואָס האָבן אים געקענט און מיט אים מיטגעאַרבעט. מיר דריקן אויך מיטגעפיל און טרייסט דער אלמנה פון פאַרשטאָרבענעם און דער משפחה.

★

געבוירן דעם 10טן מאַי 1902 אין לובלין, רוסיש־פוילן. זון פון בערל און בלומען רבקה. עלטערנס באַשעפטיקונג — צוגרייטן חתונה־סעודות (קעיטערינג). געלערנט אין חדר און זעלבסטבילדונג. חתונה געהאַט מיט שבע (סיידי) גליקמאַן. אין אַמעריקע פון 1930. געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער. שפּעטער פאַרוואַלטער פון אַ שוך־פאַבריק אין מאַנטרעאַל. מיטגליד אין אַרבעטער־רינג פון 1940. מיטגליד פון וואָלאַדעק־ברענטש 249. געווען פאַרזיצער פון דעם ברענטש, 55—1948 קאַסירער פון שטאַטישן א.ר. אין מאָנטרעאָל. פאָרזיצער פון שטאָטישן קאָמיטעט און פון א.ר. צענטער און קאַסירער פון א.ר. הלוואה־פאַראיין. מיטגליד פון „בונד״ און קאַנאַדער סאָצ. פאַרטיי (סי.סי.עף.), וויצע־פאָרזיצער פון לובלינער סאַסייטי. איצט מיטגליד פון בר. 24 א.ר. אין ניו־יאָרק און מיטגליד פון ניו־יאָרקער שטאָטישן קאָמיטעט. טשערמאַן פון דער לובלינער סאָסייטי אין ניו־יאָרק, „לובלינער און אומגעגנט״ 360 ברענטש פון „אַרבעטער־רינג״, עקזעקוטיוו־מיטגליד פון הסתדרות־קאָמפּיין און באָנדס־רייד״.

## דוד תיכף ז״ל



כמהלומה נפלה עלינו הידיעה שהלכת מאתנו לעולמים בצורה כה מהירה. באנו לכאן להיפרד ממך בדרכך אחרונה.

שמענו שבזמן אחרון נפגעה במקצת הבריאות שלך. ובכל זאת ציפינו שתתגבר ותחזור לחיים תקינים. אבל לשווא. דוד, המחייך תמיד וטוב הלב — איננו עוד. אוהב הבריאות, אציל נפש ואיש העם. היה בך גאוותנות מיוחדת משלך. המארח הנפלא, תמיד מלא וגדוש סיפורים על חוויות שעברו עליך. איש שיוה נעים, האהוב עם כל אלה שידעו אותך וחיפשו את קרבתך.

אני מפליג לעבר הרחוק, על רקע ביתנו בלובלין מלפני 42 שנה, בתקופת צעירותנו. עברנו יחד כברת דרך בתנועת השומר־הלאומי ובנוער־הציוני, היית אחד ממנהיגי הנוער בעירנו. כראש הקן של השומר־הצעיר חינכת את הנוער לקראת הגשמה עצמית ולעתיד טוב יותר לעמנו.

בשנת 1933 עלית ארצה וגם כאן היית פעיל בחיים הציבוריים; מראשוני חברי הועד של ארגון יוצאי לובלין, בהגנה, במפלגה וגם בעבודה הוכחת את עצמך והיית בין מיסדי המוסד „מבטחים״ ומנהלו.

בני עירך, ידידיך וחבריך, מוקירי זכרונך, מוכי יגון וצער משתתפים בצער המשפחה.

אין לנו מילים לניחומים.

יהי זכרונך ברוך!

**מתתיהו הורן**

(דברים על קברו)

## שמחה קירשנפלד ז״ל



נולד בשנת 1907. מגיל צעיר היה פעיל בתנועת „החלוץ״. בהיותו בן 18, סיים את ההכשרה, קיבל אישור־יציאה ועלה ארצה. היו אלה ימים קשים בארץ, ימים של חוסר עבודה והוא, כמו צעירים רבים, מצאו פרנסתם בכל עבודה, אם בפרדסים בפתח־תקוה ואם בתור פועל בראשון־לציון.

לאחר תלאות של מספר שנים חזר לפולניה. שם המשיך בפעילות חלוצית, אך געגועיו וכסופיו לארץ לא פסקו. בשנת 1932 נשא לאשה את מלכה לבית גולדברג, שהיתה חברה בתנועת „השומר הצעיר״ והשתוקקה להגיע לארץ, אך סיכוייה לעליה היו קלושים. באותה תקופה נוסדה בלובלין תנועת „החלוץ העובד״. שמחה קירשנפלד, שהיה בין ראשוני הפעילים, קיבל היתר יציאה — מבין האחרונים שקיבלו בפולניה בשנת 1937 — ובא ארצה עם אשתו ובתו הרכה צפורה.

עם קום המדינה השתקע בחולון עם בני משפחתו. בפרוץ מלחמת השחרור התגייס לצבא והיה בין הלוחמים ברמלה, לוד ובית נאבללה.

לאורך כל הדרך היה אדם צנוע, עניו ויפה נפש, שהסתפק במועט. השאיר משפחה ענפה לתפארת העם והארץ — 2 בנות, בן ו־7 נכדים.

נפטר אחרי מחלה קצרה ב־6.3.75.

**נעמי**

## יחיאל שטאָקפיש ז״ל



דער 30סטן יוני ה. י. איז אין עלטער פון 66 יאָר געשטאָרבן אין הרצליה יחיאל שטאָקפיש. ער האָט פאַריתומט אַ פרוי, אַ טאָכטער און צוויי אייניקלעך.

ביים אָפענעם קבר האָט אים מספיד געווען, אין נאָמען פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, מתתיהו האָרן, דער וויצע־פאָרזיצער.

*

יחיאל איז געבוירן און אויפגעוואַקסן אין לובלין, אויפן „זאַמד״, אין אַ פיל־קינדער משפחה, וואָס האָט גורם געווען דערצו, אַז נאָכן לערנען אין חדר און ענדיקן אַ פוילישע פאָלקס־שול, האָט ער געמוזט אָנהייבן אַרבעטן אויף צו העלפן אין דער פרנסה פון שטוב. אין די פריסטע יוגנט־יאָרן טרעט ער אַריין אין דער פועלי־ציוניסטישער „יוגנט״־אָרגאַניזאַציע און פאַרנעמט באַלד די מזרח־וואַנט צווישן די אָנפירנדיקע חברים. מיט זיין התלהבות פאַר דער באַוועגונג שטעקט ער אויך אָן זיין שוועסטער און דריי ברידער, וואָס שליסן זיך אָן צו די לינקע פועלי־ציון.

אין יאָר 1929 ווערט ער אַרעסטירט און פאַרשפאַרט אין לובלינער „זאַמעק״ אויף 11 חדשים (צוזאַמען מיט שמואל שפּיראָ און רחל ראָטמאַן ע״ה), ווו ער מאַכט אַדורך אַ בונט פון די פאַרמשפטע פאָליטישע אַרעסטירטע. נאָכן אַרויסגיין פון תפיסה, איז ער ווידער אַקטיוו אין דער פועלי־ציוניסטישער „יוגנט״ (אַלס סעקרעטאַר), אין „יונגבאָר״ (אַלס אינסטרוקטאָר און רעפערענט) און אין דער פאַרטיי, וועלכע לייגט אויף אים אַרויף פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן. דינענדיק אין פוילישן מיליטער אין די יאָרן 1931—1933, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ערנסטער באַציונג, טענהדיק, אַז „דאָס וועט אַמאָל צונוץ קומען דעם יידישן פאָלק״.

ווי נאָר ס׳איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, איז ער פון די ערשטע אַוועק פרייוויליק אין זיין איינהייט. נאָר די דעמאָראַליזאַציע און כאַאָס אין סעפטעמבער 1939 איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט אים צוריקגעשיקט אַהיים. צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער אַנטלויפט ער ביזן בוג. ווען די דייטשן פאַלן אָן דעם ראַטנפאַרבאַנד אין יוני 1941, ווערן אומגעברענגט די פרוי מיט די קינדער. אים געלונגט קוים צו אַנטלויפן אין טיף רוסלאַנד, ווו ער מאַכט אַדורך דעם גאַנצן נע־ונד וועג פון אַ יידישן פליט — ביזן יאָר 1943, ווען עס ווערט געשאַפן די קאָשטשושקאָ־דיוויזיע, ווו ער מעלדעט זיך גלייך אין אירע רייען. נאָר ווילנדיק זיך פאַרזיכערן, אַז מ׳וועט אים אָננעמען אין דער פוילישער, אַנטיסעמיטישער אַרמיי, טוישט ער דעם נאָמען אויף מיעטשיסלאַוו יאַסטשעמבסקי. אַ דאַנק דעם געלונגט אים אַדורכצומאַכן דעם יסורימדיקן שלאַכט־וועג פון לענינאָ ביז בערלין. ער קערט זיך אום קיין וואַרשע אין יאָר 1945, ווי אַ קאַפּיטאַן פון דער פוילישער אַרמיי, מיט אַ סך אויסצייכענונגען. אויפן פאַרלאַנג פון שטאַב בלייבט ער אין מיליטער און דערגייט ביזן ראַנג פון אַ מאַיאָר.

אין יאָר 1956, ווען פוילן האָט אָנגעהויבן „ווייזן דעם וועג״ יידישע הויכע באַאַמטע און מיליטער־לייט, איז יחיאל עולה קיין ישראל מיט זיין פרוי און טאָכטער. זיי באַזעצן זיך אין הרצליה. ער דעקלאַרירט זיך אין מפ״ם, נאָר די קראַנקייט האָט אים אוממעגלעך געמאַכט צו זיין געזעלשאַפטלעך אַקטיוו, צי אַפילו געבן זיין צושטייער פאַר צה״ל.

ס׳איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ טרויער, קעמפער און גוטער ייד.

זיין שוועסטער פרידאַ

## לאָלאַ קאָנאָפקאַ־קאַרש ז״ל



ווען מיר באַגלייטן אַ געשטאָרבענע צו איר אייביקער רו, באַפאַלט תמיד דעם מענטש אַ ווייטיק און צער. נאָר ביים אָפענעם קבר פון לאָלאַ קאָנאָפקאַ־קאַרש איז דער טרויער געווען פיל שטאַרקער, ווייל ס׳איז נפטר געוואָרן אַ פאַרהעלטנישמעסיק יונגע פרוי מיט אַ צאַרטער נשמה און אידעלן כאַראַקטער.

איך האָב געקענט לאָלען, ווייל כ׳בין געווען אַן איינגייערין אין זייער שטוב אין לובלין. אַ קולטורעלע היים געווען, ווו ס׳האָט דאָמינירט די עכט־יידישע געשטאַלט פון איר פאָטער, דער דאָזאָר אין דער יידישער קהילה. אַלע קינדער האָבן געלערנט אין גימנאַזיע. הגם זיי גופא האָט גאָרנישט געפעלט, זענען זיי אָבער געווען איבערגענומען מיטן גורל פון אַנדערע און געשטרעבט דערצו, אַז אַלע מענטשן אין דער וועלט זאָל זיין גוט און ווויל. מיט דעם דאָזיקן אידעאַליסטישן צוגאַנג האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט לאָלע.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז לאָלע אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען דאָרט, האָט זי פאָרגעזעצט איר שטודיום. אומקערנדיק זיך מיט דער רעפּאַטריאַציע, האָט זי נישט אויפגעהאַלטן זיך לאַנג אין פוילן און צוזאַמען מיטן מאַן עולה געווען קיין ישראל.

מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק איז געשטאָרבן איר מאַן, פאַריתומדיק לאָלען און זייער זון. פון דעמאָלט אָן האָט לאָלע נישט געקענט זיך געפונען קיין אָרט. אַליין אַ קראַנקע, האָט דער טויט פון איר טרייען לעבנס־באַגלייטער נאָך מער באַשווערט איר לאַגע. זי האָט געמוזט אויפגעבן אירע לעקציעס פון פראַנצויזיש פאַר שילערס און געוואָרן אַן אָפטער פּאַציענט ביי דאָקטוירים און אין שפיטאָלן.

ס׳איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ גוטהאַרציקע, תמימותדיקע און אינטעליגענטע פרוי, וועמען דער גורל האָט נישט קיין סך צוגעשמייכלט. זי האָט איבערגעלאָזט אַ גוטן נאָמען און איר אָנדענק וועט זיין איינגעקריצט אין אונדזער זכרון.

*

ביים אָפענעם קבר האָט, אין נאָמען פון די לובלינער אין ישראל, זי מספיד געווען זהבה ליכטענבערג. לאָלע איז נפטר געוואָרן אין דער צייט, ווען איר שוועסטער באַלבינע מיטן מאַן, וואָס וווינען אין טאָראָנטאָ, האָבן גראָד באַזוכט ישראל.

ז. מ.

## לאָלאַ וואַגנער ז״ל

פון ניו־יאָרק איז דערהאַלטן געוואָרן די דערשיטערנדיקע ידיעה וועגן טויט פון לאָלאַ וואַגנער, די אלמנה פון אונדזער בן־עיר משה וואַגנער ז״ל, וואָס איז נפטר געוואָרן מיט 3 יאָר צוריק.

לאָלע איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג ראש־השנה (6.9.75) נאָך אַ שווערער קראַנקייט, פאַריתומדיק 3 זין, 2 שנורן, 2 אייניקלעך, די שוועסטער לובע און ברודער משה. איר טויט האָט אַרויסגערופן אויפריכטיקן צער און טרויער ביי אירע פריינד און באַקאַנטע.

באַזונדערס צווישן די לובלינער אין ניו־יאָרק און אין ישראל, ווייל זי איז געווען טעטיק איןביידע לאַנדסמאַנשאַפטן און מיטגעלעבט מיט אַלע פּראָבלעמען פון די לובלינער.

לאָלע איז געבוירן אין שטעטל שעדלישטש, כעלעמער פּאָוויאַט — דאָס פערטע קינד פון אַ גרויסער משפחה: זיבן קינדער און די עלטערן. די מלחמה־יאָרן איבערגעלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד, אויף פאַרשיקונג אין סיביר און דאָרט חתונה־געהאַט מיטן לובלינער ייד



משה וואַגנער. נאָך דער מלחמה זיך אומגעקערט קיין לובלין, דערנאָך אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד און אין יאָר 1954 — עמיגרירט קיין אַמעריקע. אין ניו־יאָרק האָט זי זיך באַטייליקט, צוזאַמען מיט משה׳ן ז״ל אין די אַקטיוויטעטן פון דער לובלינער סאָסייטי.

זי איז נאָך געקומען צום מיטינג פון די לובלינער אין ניו־יאָרק, אין פעברואַר 1975, ווען מ׳האָט אויפגענומען די שליחים פון ישראל, רבקהלע און דוד שטאָקפּיש. הגם שוין דעמאָלט אַ קראַנקע, האָט זי געהאַלטן פאַר נייטיק מיטצוזיין מיט די לאַנדסלייט און אויך געגעבן אַ באַדייטנדיקע באַשטייערונג פאַר ישראל.

אַ שווערע קראַנקייט האָט זי אין לעצטן יאָר צוגעשמידט צום בעט. אַלע באַמיונגען פון דאָקטוירים און משפחה, וואָס איז נישט אָפּגעטרעטן פון איר, האָבן נישט געקענט פאַרמיידן דאָס אומגליק.

מיר באַטייליקן זיך אינעם טרויער פון דער גאַנצער משפּחה. לאָלעס אָנדעק וועט אונדז תמיד באַגלייטן.

**משה זאַלצמאַן**



## צבי בֶס ז״ל

בן ר׳ אהרון ע״ה. נולד בלובלין ב־16.7.1918. בשנות המלחמה היה בברית־המועצות. ב־1945 חזר לפולין, משם — לאיטליה וב־1948 עלה ארצה עם אשתו אסתר שטייגל יבד״ל, בת לובלין.

צבי היה איש ישר, אהוב על הבריות ומעורב בחיי ציבור. השאיר אשה, 3 בנות נשואות, 5 נכדים.

נפטר בכ״ט אלול תשל״ה (4.9.75).

יהי זכרו ברוך.

## יהושע גאל ז״ל



דעם 25טן מאַי 1975 איז אין חיפה, אין עלטער פון 65 יאָר, געשטאָרבן שיע גאַל.

געבוירן אין לובלין אין 1910. געלערנט אין חדר און שפּעטער געענדיקט די „פּאָרשעכנע" שול. געווען פון פאַך אַ מוזיקער. אין 1934 האָט ער אין לובלין חתונה געהאַט מיט שרהלע מעלהענדלער און געוווינט אויף נאַדסטאַוונע־גאַס. דאָרט איז זיי געבוירן געוואָרן אַ זון. ביים אויסברוך פון דער מלחמה, זענען זיי אַוועק קיין לעמבערג. אָבער שרהלע האָט זיך צוריקגעקערט קיין לובלין נעמען אַ ביסל זאַכן און — איז מער נישט צוריק געקומען. שיע איז אַליין מיטן קינד געבליבן אין רוסלאַנד. דאָרט האָט ער באַקאַנט די פרוי פאַניע קרופּניק פון קאָוונע און זיי האָבן זיך באַפריינדעט.

נאָכן אומקערן זיך קיין לובלין, דערוויסנדיק זיך אַז זיין פרוי איז אומגעקומען, האָבן זיי חתונה געהאַט אויף דער שיף „עקזאָדוס". אין ישראל האָבן זיי זיך באַזעצט אין חיפה, וווּ ס׳איז זיי געבוירן געוואָרן אַ זון.

שיע גאַל האָט געאַרבעט אַלע יאָרן אין פּאָרט. ער איז געשטאָרבן, אַהיים קומענדיק פון דער אַרבעט, אַ 5 חדשים פאַרן אַרויסגיין אויף פּענסיע.

זאָל אים די ערד גרינג זיין!

**שלמה שטאָקפּיש, חיפה**

## יידל טראַכטענבערג ז״ל



מאָנטיק דעם 17טן פעברואַר 1975, איז אין פּאַריז געשטאָרבן דער פּרעזידענט־סאַניטאַר פון דער סאָסיעטי „קינדער פון לובלין" אין משך פון 45 יאָר, דער האַרציקער ייד און טרייער בן־עיר, יידל טראַכטענבערג. ער האָט פאַריתומט נישט נאָר זיין פרוי עדזשע און קינדער שאַרל און זשאַנין, נאָר אויך אַ צאָלרייכע משפּחה און די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, וועמען ער האָט, ווי אַ טאַטע, טריי און איבערגעגעבן געדינט אַלע זיינע יאָרן.

מיט 50 יאָר צוריק איז ער געקומען קיין פראַנקרייך, דאָ געאַרבעט אַלס שניידער אין פּאַריז, וויטעל און מאַנשאַן. דעם 16טן יולי 1943 האָבן די נאַצישע הענקערס אַרויסגעפירט קיין אוישוויץ זיין פרוי און זיינע פיר

קינדער און זיי אומגעבראַכט אין די גאַזקאַמערן. נאָך דער באַפרייונג האָט ער זיך פאַרבינדן מיט זיין פרויס שוועסטער עדזשע, וועמענס מאַן איז אומגעקומען אין אוישוויץ און איר, מיט איר 8־יאָריק ייִנגעלע, איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן און בלייבן לעבן.

זייט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, האָט ער מיטגעלעבט די אַלע תקופה׳ס פון אירע ליידן און פריידן און איר געהאָלפן נישט נאָר מיט ווערטער, נאָר אויך מיט מעשים. באַטייליקט זיך אין אַלע געלט־זאַמלונגען מיט אַ ברייט האַרץ.

כבוד זיין אָנדענק!

**טעשקע פאָרשטעטער־קאָרמאַן**
**פאַריז.**

## יאָלעק פישמאַן ז״ל



דער ווייטיק איז צו גרויס אויף צו קענען זיך קאָנצענטרירן און אַרויסברענגען אונדזער דערשיטערונג צוליב דעם אומגעריכטן טויט פון אונדזער ברודער יאָלעק פישמאַן ע״ה. מיט גרויס ווייטיק האָבן מיר באַקומען די בשורה פון תל־אביב, אַז יאָלעק איז פון אונדז אַוועק אויף אייביק אין זיינע בעסטע יאָרן. אַלט זייענדיק 55 יאָר איז ער פאַרשניטן געוואָרן.

געבוירן אין לובלין אין 1902, אין אַ שיינער ייִדישער היים, מיט אַ גרויסער ליבע פאַר זיין פאָלק, וואָס די עלטערן האָבן איינגעוואָרצלט אין די קינדער. יאָלעק האָט געענדיקט אין לובלין אַ פאַך־שולע און געגרייט זיך דאָרט אויפצובויען זיין צוקונפט. ליידער, האָט די צווייטע וועלט־מלחמה צעשטערט אַלע פלענער. יואל איז אַלס 19 יאָריקער בחור אַוועק קיין רוסלאַנד און אַזוי אַרום אויסגעמיטן די גרויסע טראַגעדיע פונעם ייִדישן פאָלק. טראָץ דעם גרויסן הונגער, קעלט און נויט, האָט ער מצליח געווען און איז פול מיט האָפענונג צוריק געקומען אין באַפרייטן לובלין, זוכנדיק עמעצן פון דער פאַרצווייגטער פאַמיליע. אַן אַנטוישטער און צעבראָכענער איז ער אַוועק קיין קעלץ, ווו ס׳האָט אים געטראָפן דער גרויזאַמער פאָגראָם. מיטן גרויסן שטראָם פון דעם שארית הפליטה, קומט ער אָן קיין איטאַליע און באַזעצט זיך אין אונגר״אַ־לאַגער אין סאַנטאַ מאַריאַ. דורך אַ צופאַל טרעפט ער זיך דאָרטן מיט דער שוועסטער סאַבקאַ — און זייער פרייד האָט נישט קיין גרענעץ. פון איטאַליע פאָרט ער קיין אויסטראַליע, ווו ס׳געלונגט אים אויפצובויען אַ ניי לעבן, אויף געזונטע עקאָנאָמישע יסודות. די לעצטע יאָרן האָט ער באַשלאָסן עולה זיין קיין ישראל מיט זיין פרוי און טאָכטער. ליידער, איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַן אומהיילבאַרער קרענק און טראָץ דער אָפעראַציע און באַדינונג פון די בעסטע דאָקטוירים, האָט עס אים נישט געקענט העלפן. ער האָט נאָך באַוויזן חתונה מאַכן זיין איינציקע טאָכטער, אָבער דעם ווונטש פון זיין לעבן, האָט ער שוין נישט געקענט פאַרווירקלעכן.

כבוד זיין אָנדענק!

די אין טרויער פאַרבליבענע:

**ברודער גדליה און משפחה**
**שוועסטער סאַבקאַ און משפחה**

צום אָנדענק פון

## ירחמיאל גאַרטענקראַוט, לייבעלע עדעלשטיין, ד״ר אברהם קערשמאַן לייזער פייערטאָג מאיר צוקערמאַן

אין צווייטן יאָרטאָג פונעם טויט פון ירחמיאל גאַרטענקראַוט, האָבן ערב יום־כיפור זיך פאַרזאַמלט אויף זיין קבר איז קרית־שאול, אַ צאָל פריינד פון נפטר, באַזאַמען מיט זיין ברודער מאָטל, וואָס איז געקומען פון ניו־יאָרק. וועגן פאַרשטאָרבענעם האָט גערעדט מתתיהו האָרן. דערנאָך איז דער עולם אַוועק אויפן קבר פון לייבעלע עדעלשטיין ז״ל, ווו דוד שטאָקפיש האָט דערמאָנט לייבעלעס פאַרדינסטן פאַר די לובלינער אין פאַריז באַלד נאָך דער באַפרייונג און אויך באַערט דעם אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע חברים: ד״ר אברהם קערשמאַן, לייזער פייערטאָג און מאיר צוקערמאַן, וואָס רוען אויף דעם זעלבן בית־הקברות.

## ברכה שטיינלאַוף (מילשטיין) ז״ל

(צו דער ערשטער יאָרצייט)



מיט טרויער דערמאָן איך די ערשטע יאָרצייט פון מיין קוזינע ברכה, וועלכע איז דעם 20סטן יולי 1974 אַוועק אין דער אייביקייט. זי איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב, אין עלטער פון 56 יאָר.

ברכה האָט אין די יוגנט־יאָרן געהערט צום בית״ר אין לובלין און געווען דאָרט איינע פון די אַקטיווסטע חברטעס. אין יאָר 1934 האָט זי צוזאַמען מיט אירע עלטערן עולה געווען קיין ארץ־ישראל און אויך דאָ געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק.

די פאַרשטאָרבענע ברכה האָט פאַריתומט איר מאַן שמואל, צוויי זין, אַ טאָכטער, אייניקלעך, אַ ברודער, צוויי שוועסטער. אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט אַ סך לובלינער ייִדן און די משפחה.

כבוד איר אָנדענק!

**מענדל מילשטיין**
(סאַן־פראַנציסקאָ)

## אַ גרויסער פאַרלוסט

צו דער דריטער יאָרצייט פון דער יונג אומגעקומענער **אסתר סאָנאַנט**, אַן אייניקל פון מיין שווענערין און שוואָגער פאָלי און הלל צוקערמאַן, און צו די עלטערן סאָנאַנט

**אַ גרויסער פאַרלוסט**

ווייזט אויס מיר זענען ניט געווען ווערט, / און דעם ייִדישן פאָלק ניט באַשערט, / צו האָבן אַזאַ שעפערישן טאַלאַנט / אין אייגענעם ייִדישן לאַנד.

איר פען האָט מיט הימלישער בלויקייט געמאָלן אַ בילד. / דעם הונגער צו שיינקייט האָט זי מיט מאָלן געשטילט / און דערצו נאָך געשריבן מיט וויזיע אַ ליד, / פון דעם נייעם, מאָדערנעם דערהויבענעם ייִד.

פריילעך און לוסטיק איז זי געווען אַלע מאָל. / רייך פול מיט גייסט, אין לאַנד פון ישראל. / איר שטים האָט תמיד האַרציק געקלונגען, / ווען זי האָט איר פאָלק באַשריבן באַזינגען.

האָט דער טויט זי פון אונדז אומגעריכט צוגענומען, / אַזוי יונג און טראַגיש־ברוטאַל אומגעקומען. / אונדזערע הערצער וועלן שטענדיק וויינען און בענקען, / אייביק איר דערמאָנען, אייביק געדענקען.

**זעליג וואַסערשטראָם**
ניו־יאָרק

# אהרון לאַנגפוס ז"ל
(צו דער ערשטער יאָרצייט)



ס'איז פשוט ניט צו גלויבן, אַז ס'איז שוין פאַריבער אַ יאָר פון אהרונס פטירה. זיין טויט איז געקומען אַזוי פלוצלינג פאַר אַלעמען. געשטאָרבן אין שלאָף, אָן אַ קרעכץ, שטיל, אָן באַקלאָגן זיך — גענוי ווי ר'איז געווען ביים לעבן.

געבוירן אין לובלין, אין אַ משפחה וואָס איז געווען באַקאַנט פון אַקטיווקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער זיידע ירחמיאל לאַנגפוס ז"ל — אַ באַוווסטער למדן, אַ „מזרחי"־טוער און גרינדער פון אַ יידיש־וועלטלעכער שול. דער פאָטער שלמה ז"ל — אַ רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויסט פון 1905, מיטגליד אין דער פאָלקס־מיליץ אין נייאַנטשטאַנענעם פוילן אין 1918, אַן אָנהענגער פון „בונד" און אַקטיווער טוער אין יידישן כאַלופניקעס־פאַראיין אין לובלין. דער פעטער דוד לאַנגפוס ז"ל — אַ לאַנגיאָריקער טוער פון לינקע „פועלי־ציון", ראַטמאַן פון דער פאַרטיי אין שטאָטראַט. דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער גייסט איז אויך איבערגעגאַנגען אויף אהרונען און איינגעוואָרצלט אין אים דאָס געפיל פאַר גערעכטיקייט, קעגן עוולות און אומרעכט. די סביבה האָט געווירקט אויף דער געשטאַלטונג פון זיין כאַראַקטער, אויף זיין האַרציקער און פריינטלעכער באַציונג צו מענטשן, ווי אויך צו זיין באַשיידן און יושרדיק. אומעטום, ווו אהרון האָט זיך געפונען, האָבן אים אַלע גוט געקענט. פאַר יעדן האָט ער שטענדיק געהאַט אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל. ער האָט תמיד געפונען אַ געמיינזאַמע טעמע, אומעטום האָט מען אים גערן געוואָלט זען.

פון זיידן ירחמיאל האָט ער באַקומען די טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג, די צוגעבונדנקייט צו די וואָרצלען פון יידישן פאָלק. געלערנט האָט ער אין דער יידישער פאָלקס־שול אויף ניעצאַלע. געהערט צום „סקיף" און געווען אַקטיוו אויפן געביט פון ספאָרט. נאָכן ענדיקן די שול, האָט ער געלערנט אַ פאַך.

בשעת דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געפינט ער זיך אין מיליטער־דינסט, אין אַרטילעריע־פאָלק אין זאַמאָשטש. נעמט אָנטייל אין די קאַמפן און נאָכן פונאַנדערפאַל פון דער פוילישער אַרמיי, געפינט ער זיך אין רוסלאַנד. דאָרט האָט אהרון, ווי דער רוב פון אונדזער יוגנט, אַדורכגעלעבט פיל אַנטוישונגען און שווערע צייטן — אין מאַטעריעלן ווי אין מאָראַלישן זין. נאָר אַלץ פאַרטראָגן, ניט באַקלאָגט זיך. נאָך דער אַמנעסטיע פון דער פאַרשיקונג, אין יאָר 1941, געהאַלטן פאַר זיין חוב צוצושטעלן זיך צו דער פוילישער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס. מ'האָט אים אָבער ניט צוגענומען. איז ער אַוועק אַרבעטן אין אַ קאָלכאָז אין קאַזאַכסטאַן און שפעטער אַלס מאַגאַזינער אין אַ האַנדלס־פירמע.

אין 1943 איז ער ווידער אַוועק אין פוילישן מיליטער, דאָס מאָל — אין דער קאָשטשושקאָ־אַרמיי, אָבער ווידער געוואָרן צוריקגעשיקט. די לעצטע צוויי יאָר אין רוסלאַנד אַרבעט ער אין זאַפאָראָזשע.

קיין פוילן קומט ער צוריק אין 1946 און באַזעצט זיך אין וואַלבזשיך. דאָ האָט ער חתונה געהאַט, געאַרבעט אין אַ יידישן קאָאָפעראַטיוו און געשטאַנען נאָענט צום „בונד".

אין 1956 איז אהרון עולה געווען קיין ישראל. געוווינט אין קרית־חיים און כמעט אַלע יאָרן געאַרבעט אין אַ מיליטערישער אונטערנעמונג. געהאַט אַ סך באַקאַנטע און פריינט, אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן מיט פיל לובלינער און אָנטיילגענומען אין דעם רוב אונטערנעמונגען פון דער לאַנדסמאַנשאַפט.

אהרון האָט פאַריתומט אַ פרוי און צוויי טעכטער. די קינדער האָט ער באַוויזן צוצופירן צו אַ געוויסן לעבנס־פונקט. איינע האָט געענדיקט די הויכשול און אַרבעט אַלס עקאָנאָמיסטין אין אַ מלוכהשן אַמט. די צווייטע לערנט שוין אַ יאָר אין אַ הויכשול פאַר קראַנקנשוועסטער. ליידער האָט אהרון ניט באַוויזן צו דערלעבן מער נחת. ער פעלט דער משפחה אויף טריט און שריט. מיר וועלן אים ניט פאַרגעסן.

שימעק

# בערל וואַרמאַן
(צו דער ערשטער יאָרצייט)



דאָנערשטאָג, דעם 30סטן אויגוסט 1974 איז אין ניו־יאָרק, אין עלטער פון 53 יאָר, אומגעקומען ח' בערל וואַרמאַן. זיין לוויה איז פאָרגעקומען דעם 2טן סעפטעמבער. הונדערטער פריינד און חברים זענען געקומען אים אָפגעבן דעם לעצטן כבוד.

בערל וואַרמאַן איז געבוירן געוואָרן אין לובלין. זיין פאָטער, שאול וואַרמאַן, איז געווען שטאַרק אַקטיוו אין „בונד", אַ מיטגליד אין די פאַרוואַלטונגען פון פאַראיין פון סאָציאַליסטישע האַנטווערקער און כאַלופניקעס, פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, פון כאַלופניקעס־באַנק און אין אַנדערע אינסטיטוציעס.

די וואַרמאַן־משפחה האָט געוווינט אין דער זעלבער געביידע, ווו עס האָבן זיך געפונען אַ ריי לאָקאַלן אונטער דער אָנפירונג פון „בונד": גראָסער־קלוב, דער בעקער־ און פליישער־פאַראיין (דערנערונג), דער לעדער־ און גאַרבער־פאַראיין און דער האָלץ־פאַראיין. ביי די וואַרמאַנס אין הויז האָט שטענדיק זיך געטומלט. פאַרשידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע צוזאַמענטרעפן, זיצונגען, באַראַטונגען זענען דאָרט פאָרגעקומען. ביי די וואַרמאַנס האָט מען באַשטימט וועלכע רעזאָלוציעס צו שטיצן און וועלכע אָפצוואַרפן. אָט צו דעם אַלעם האָט פון קינדווייז אָן זיך צוגעקוקט און צוגעהערט בערל וואַרמאַן, און אין דעם גייסט איז ער דערצויגן געוואָרן.

ווען ער האָט פאַרענדיקט די יידיש־וועלטלעכע פרץ־שול אין לובלין, האָט ער שוין געהערט צום סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד „סקיף" און געווען דאָרט שטאַרק אַקטיוו. ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין יוגנט־בונד „צוקונפט". ער איז געווען אַ גוטער פריינד און חבר צו יעדן איינעם. זיין באַוווסטזיניק יינג לעבן אין „בונד" האָט אים געלערנט באַקעמפן פאַלשקייט און אומרעכט.

ווען די גרויזאַמע צווייטע וועלט־מלחמה איז אָנגעקומען, איז ער מיט זיין שרהלען, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אין דער אָרגאַניזאַציע פון יוגנט בונד „צוקונפט", און מיט אַנדערע הונדערטער יונגע מענטשן, אַוועק אויפן סאָוועטיש־אָקופירטן געביט. דאָרטן געליטן הונגער און נויט.

אין 1946 זענען זיי צוריקגעקומען קיין פוילן. לעבן־געבליבענע חברים האָבן אים געבעטן צו בלייבן. האָט בערל געזאָגט, אַז ער קען מער ניט זיין אויף דער פוילישער ערד, ווו דאָס בלוט פון זיינע טאַטע־מאַמע, זיין שוועסטער און דריי ברידער איז פאַרגאָסן געוואָרן. מיט דער הילף פון יידישן אַרבע־

טער־קאָמיטעט האָט ער אין 1947, מיט זיין יונגער פאַמיליע, דערגרייכט צו די ברעגן פון אַמעריקע.

אין פוילן האָט בערל געאַרבעט ביי זיין טאַטן אַלס קאַמאַשנמאַכער. ניט איין מאָל האָט בערל וואַרמאַן אונטערגעהונגערט מיט זיין פאַמיליע אין לובלין. דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט ער פריער געאַרבעט ביי פרויען־קליידער. האָט ער זיך שפעטער געטראָפן מיט זיינס אַ יוגנט־חבר פון לובלין, הערשל פריימאַן, אויך אַן אַקטיווער „צוקונפטיסט”, פון פאַך אַ גאָלדשמיד. דער חבר זיינער האָט אים גענומען אַרבעטן צו זיך. ביזן סוף האָט בערל געאַרבעט ביי זיין פריינד.

בערל וואַרמאַן איז געווען אַקטיוו אין דער ברוקלינער בונדישער אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אַ מיטגליד אין דעם ערשטן קאָמיטעט פון „בונד” אין ברוקלין. שפעטער האָט ער גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו, צוזאַמען מיט אַ פאָר לובלינער נאָענטע חברים, און געשאַפן אַ לובלינער ברענטש ביים אַרבעטער־רינג פון ניי־געקומענע און געוואָרן דער פאָרזיצער פון ברענטש. גלייכצייטיק איז ער אויך געווען אַ מיטגליד אין דעם בערנאַרד גאָלדשטיין ברענטש פון אַרבעטער־רינג און זיך אַקטיוו באַטייליקט אויף אַלע פאַרזאַמלונגען און אין די קולטור־אונטערנעמונגען.

זיין טויט איז געקומען פלוצלונג פון אַן אומגליקלעכן צופאַל אין הויז פון זיין אַרבעטס־פלאַץ. ער האָט פאַריתומט זיין פרוי, צוויי זין און אייניקלעך.

ביי דער לוויה האָבן גערעדט א. סטאָלאַר, אין נאָמען פון ניו־יאָרקער קאָמיטעט פון „בונד”, גרשון ביעלאַשאַק — אין נאָמען פון בונדישן ראַיאָן־קאָמיטעט אין ברוקלין, ח׳ פלוג — אין נאָמען פון לובלינער ברענטש פון אַרבעטער־רינג, א. פינקלשטיין — פון די לובלינער לאַנדסלייט.

כבוד זיין אָנדענק!

**זעליג וואַסערשטראָם, ברוקלין**

## צו דער ערשטער יאָרצייט פון טאָבע ראָסעט ע״ה

מיט העכער אַ יאָר צוריק איז אין סאַן־פאַולאָ, בראַזיל, נפטר געוואָרן טאָבע ראָסעט. געבוירן אין יאָר 1910, ביי די עלטערן אלתר און חיה־שרה אייזנער, וואָס האָבן געוווינט אין טשעכיוו, קרולאַ לעשטשינסקיעגאָ 82. זי איז געווען די עלטסטע פון פינף קינדער. געענדיקט די „פאָווישעכנע” שולע און דעם 29סטן יאַנואַר 1935 חתונה געהאַט מיט ראובן ראָסעט. געוווינט ביי ווייסבראָטן אין הויז און דאָרטן אויך געבוירן דעם ערשטן זון, אַלעקס, אין נאָוועמבער 1935.

בשעת דער אָקופאַציע זיך אויסבאַהאַלטן



אין אַ דאָרף ביי באַקאַנטע פויערן און געבליבן לעבן מיטן מאַן און קינד. נאָך לאַנגע וואָגלענישן אָנגעקומען אין 1951 קיין בראַזיל און געשטאָרבן אין סאַן־פאַולאָ אין 1974.

*

אויפן בית־עולם פון בוטאַנטאַן איז אָפגעהילט געוואָרן די מצבה איבער דעם קבר פון טאָבעלע ראָסעט ע״ה, די פאַרשטאָרבענע פרוי פון דעם באַקאַנטן עסקן, פרעזידענט פון ראַט פון דעם פאַרבאַנד פון שארית הפליטה און פאָרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין בראַזיל, ה׳ ראובן ראָסעט — אים צו לאַנגע יאָרן. זייער אַ גרויסער עולם, קרובים, חברים און פריינד, האָבן זיך באַטייליקט אין דער צערעמאָניע, צווישן וועלכע מען האָט אויך געזען דעם גענעראַל ערן־קאָנסול פון ישראל, ה׳ לעאָן פעפער, הרב שניאור דוד וואַלט, הרב משה דוד שיף, הרב שבתי אַלפערין, הרב זעליג פריוואַלסקי, די שוישפילערס העני גראָ און ראָזיטאַ לאָנדנער און אַנדערע פראָמינענטע פערזענלעכקייטן. הרב שניאור דוד וואַלט האָט געזאָגט דאָס קאַפיטל תהילים יושב בסתר. עס האָבן מספיד געווען די חשובע נפטרת ה׳ אליעזר בלאַנקענפעלד, אין נאָמען פון דעם פאַרבאַנד פון דער שארית הפליטה און די נאָענטע פריינד און חברים, אַרויסהייבנדיק די שיינע מידות, פריינדלעכקייט און האַרציקייט וואָס זי האָט אַלעמאָל אַרויסגעוויזן צו חברים און פריינד. אין נאָמען פון די לובלינער לאַנדסלייט האָט גערעדט ה׳ לאָזער גאָלדבוים. אַ רירנדן הספד האָט געהאַלטן הרב משה דוד שיף, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף דער חשיבות און מעשים טובים פון דער נפטרת, וועלכע האָט געלאָזט נאָך זיך אַ שם טוב פון אַ מזג טוב. חזן שלמה רייז זאָגט דאָס קאַפיטל תהילים אנוש כחציר און דער חזן פאַולאָ נאָוואַק זאָגט דאָס קאַפיטל תהילים מזמור לדוד און פאַרענדיקט מיט אַן אל מלא רחמים. די זין פון דער נפטרת, אלכסנדר (אַלעקס) און אפרים זאָגן קדיש יתום.

אין „בית חינוך” — מרכז חינוך החרדי, איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער סיום הספר, וואָס איז אָפגעקויפט געוואָרן דורך דעם באַקאַנטן נדבן און עסקן, פרעזידענט פון ראַט פון דעם פאַרבאַנד פון דער שארית הפליטה אין בראַזיל, ה׳ ראובן ראָסעט און זיינע קינדער, אַלטער (אַלעקס) און אפרים (פימעק), אויפן נאָמען פון זייער פאַרשטאָרבענער פרוי און מוטער טאָבעלע ראָסעט ע״ה.

אַ גרויסער עולם איז געקומען צו דער פייערונג, צווישן וועלכע מען האָט געזען די חשובע רבנים: הרב שניאור דוד וואַלט, הרב ר׳ יואל בעער, הרב משה דוד שיף, הרב זעליג פריוואַלסקי, הרב שבתי אַלפערין, הרב אילאָוויטש און הרב יעקב בעגון. עס איז אויך אָנוועזנד געווען די קאָנסולעזאַ אַנטאָניעטאַ פעפער און דער ראש מרכז לחינוך דתי פון דער סוכנות אין ירושלים, ה׳ ברוך דבדבני.

די נייע ספר־תורה ווערט אַראָפּגעבראַכט דורך ה׳ ראובן ראָסעט און זיינע קינדער אויף דעם הויף פון מרכז און אַוועקגעלייגט אויף אַ שולחן, אונטער אַ חופה, ווו עס ווערן צוגעשריבן די פעלנדע אותיות, דורך דעם סופר מומחה ח׳ אליעזר דייטש. דעם כבוד צוצושרייבן די אותיות באַקומען די משפחה פון דער נפטרת און די אָנוועזנדע רבנים.

שפעטער ברענגט מען צוריק אַראָפּ דאָס ספר צוזאַמען מיט נאָך ספרים און מען מאַכט מיט זיי הקפות. די ערשטע הקפה ווערט צוגעטיילט צו דער משפחה, ה׳ ראובן ראָסעט און זיינע קינדער, אַלטער און אפרים און צום שוואָגער ה׳ שמואל בערגמאַן; דאַן צו די חשובי העדה און צו די פריינד און חברים פון דער פאַמיליע. דעם כבוד אָנצוטאָן דאָס מענטעלע און תשמושי קדושה באַקומט דער שוואָגער פון דער נפטרת, אים צו לאַנגע יאָרן, ה׳ שמואל בערגמאַן. די הקפות פאַרציען זיך דעם גאַנצן נאָכמיטאָג.

די פייערונג פון סיום ספר תורה איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ סעודת מצוה, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די אָנוועזנדע רבנים און חסידישער עולם. ביי דער געלעגנהייט זענען געקומען צום וואָרט: הרב שניאור דוד וואַלט, ה׳ ברוך דבדבני פון ירושלים, הרב זעליג פריוואַלסקי און הרב שבתי אַלפערין. אַלע רעדנער האָבן אַרויסגעהויבן די מצוה פון לאָזן שרייבן אַ ספר תורה אין נאָמען פון אַ חשובן נפטר, פאַרבינדנדיק דעם נאָמען פון דעם נפטר מיט אַ נאָבעלן טאַט און גרויסער מצוה, וואָס האָט אויך אַ השפעה אויף דעם יונגן דור און דערפילט אַ דערציערישע אויפגאַבע. מען האָט אויך אַרויסגעהויבן די התנדבות פון ה׳ ראובן ראָסעט, וועלכער שטיצט ברייטהאַרציק אַלע איניציאַטיוועס און קאַמפיינען פון קולטור־דערציערישן און סאָציאַלן כאַראַקטער.

# האזכרה השנתית לקדושי עירנו ביום השנה ה־33
# להשמדת יהודי לובלין על־ידי הרוצחים הנאצים

**תתקיים ביום רביעי 26.11.75 (כ"ב כסלו תשל"ו)**

## בבית הקברות נחלת יצחק

**ליד האנדרטה לקדושי לובלין ומיידאנק**

15.00 : התכנסות.

15.30 : דברי פתיחה — **לאה קוריס**

15.40 : קדיש — **דוד רובינשטיין.**

15.45 : אל מלא רחמים — החזן **אונגר.**

16.00 : דברי סיום — **מתתיהו הורן.**

## ב„בית המלין" בתל־אביב

**רח' וייצמן 30 (ליד ככר המדינה)**

18.00 : התכנסות ופגישה חופשית.

19.00 : דברי פתיחה — **דוד שטוקפיש.**

19.15 : הדלקת 6 הנרות — ניצולי השואה.

19.30 : הקרנת הסרט

## „המכה ה־81"

שהופק ע"י מוזיאון ע"ש יצחק כצנלסון
ליד קיבוץ לוחמי הגיטאות.

סדרי תחבורה: לבית הקברות בנחלת יצחק — אוטובוסים 53, 63.
ל„בית המלין": 5, 12, 19, 21, 22, 55, 61, 62, 66.

במקרה של מזג אויר גשום, נא להצטייד במטריות.

המערכת — רעדאַקציע: ד"ר אלחנן הורוויץ, עובדיה פלד, נחמן קורן, מאיר שילדקרויט. העורך — רעדאַקטאָר: דוד שטאָקפיש.

„קול לובלין", מופיע פעם בשנה. המו"ל: ארגון יוצאי לובלין בישראל, תל־אביב, רח' דיזנגוף 158. דפוס „להב", תל־אביב, טלפון: 36564.

teatrnn.pl